STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09738

ZIKHROYNES FUN A BYALISTOKER FROY

Rachel Anna Kositza

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רחל ענע קאָסיצאַ

זכרונות
פון אַ
ביאַליסטאָקער
פרוי

לאָס אַנדזשעלעס
קאַליפאָרניע
1964

JEWISH CULTURAL CLUB
of ELSINORE, CALIFORNIA

ZICHROINES FUN A BIALYSTOKER FROI

(Memoirs of a Woman from Bialystok)

by

RACHEL ANNA KOSITZA

Copyright 1964

by the Author

RACHEL ANNA KOSITZA

LOS ANGELES, CALIF.

PRINTED BY

SCHWARTZ PRINTING CO.

100

FOREWORD

My mother began to write her memoirs at the age of eighty six. It all began when I told her about Grandma Moses' painting career, and challenged her to do likewise. Never one to pass up a challenge, but not being able to paint, she decided to try her hand at writing.

And so, every day, for a period of almost two years, after her household chores were completed (this included cooking for her family, housecleaning and gardening), she would set aside an hour or two for her writing. I can see her now, so clearly, sitting at the kitchen table, bent over her white-lined paper, writing away in her round, even, measured handwriting, and proudly showing me each neatly written page, and then with her ever-ready humor, looking up at me, her face broadening into a grin, a twinkle in her light blue eyes, and laughing: "I am now indeed a writer."

And as she kept at her writing and finally finished the book, I never ceased to marvel at her self-discipline, her singleness of purpose, her drive. And it seemed to me that in this respect she was representative of a type that is fast disappearing fom American-Jewish life—the Jewish immigrant woman who at the turn of the century, came out of the East European ghetto to the ghetto of America, and by sheer grit and perseverance, undeterred by poverty or hard work, opened up for her children opportunities for the highest education and self-development.

As a tribute to my mother and those of her generation like her, this little book, almost ten years after it was begun, is seeing the light of publication. And at the age of ninety seven, my mother, as sharp and quick as ever, will finally see her book in print.

I am sure that many second generation Jewish-Americans reading this book will see in it not only my mother, but their mothers as well, and will remember proudly their origins, background, and the strength and courage of their forebears.

G. R.

דעם זיידן האָט מען גערופן אברהם גרוצקי פון זובריץ. דאָס איז געווען מיין פאָטער'ס פאָטער...

איך קאָן ניט געדענקען ווען עס האָט פּאַסירט. איך דענק, אַז מיט 152 יאָר צוריק, ווען אין רוסלאַנד איז פון דעם קייסער אַרויס אַ דעקרעט אויף אידן, אַז מען זאָל זיי אַרויסטרייבן פון די דערפער. מיין זיידע האָט אויך געוואוינט אין אַ דאָרף, וואָס מען האָט גערופן זובריץ, און מען האָט אים אויך אַרויסגעטריבן...

אין וויאַרסט פון דאָרף האָט מען געגרינדעט אַ קאָלאָניע, האָט מיין זיידע זיך באַזעצט אויף דער קאָלאָניע, ווארום ער האָט ניט געהאַט וואוהין זיך אַהינצוטאָן. ער האָט געהאַט אַ גרויסע פאַמיליע, אַ ווייב מיט זעקס קינדער— דריי זין און דריי טעכטער. איינע האָט מען גערופן בלומקע, די צווייטע האָט מען גערופן גיטל, די דריטע האָט מען גערופן שיינע. איין זון האָט מען גערופן שמואל, ער איז געווען דער עלטסטער; דער צווייטער זון איז געווען מיין פאָטער, אים האָט מען גערופן לייבע; דעם דריטן זון האָט מען גערופן מענדל, ער איז געשטאָרבן זייער יונג. דאָס האָבן מיר דערציילט מיינע עלטערן...

אויף דער קאָלאָניע האָט מען געגעבן פעלד יעדן לויט דער גרויס פון זיין פאַמיליע, און דאָס מיינט, וויפיל זין די פאַמיליע האָט געהאַט. קיין טעכטער האָבן זיך ניט גערעכנט. אַזוי ווי מיין זיידע האָט געהאַט דריי זין, האָט ער געקראָגן איין נומער מיט אַ האַלב פעלד. מיין פאָטער און זיינע ברידער האָבן געאַרבעט אויף די פעלדער, געאַקערט און געזייעט, אָבער, ווען זיי זיינען אונטערגעוואַקסן און האָבן חתונה (כאַסענע) געהאַט, האָט יעדער איינער געקראָגן אַ טייל פון זיינע פעלדער. דאָס איז געווען דער געזעץ. די פעלדער זיינען געווען צעטיילט אין אַ סך (סאַך) טיילן פון דער קאָלאָניע. אין איין טייל האָט מען געזייעט קאָרן און ווייץ; אויף אַאַנדער טייל האָט מען געזייעט גערשטן, אָדער בולבעס; אויף אַן אַנדער טייל — אַרבעס, לינדזן, גריקע. פון איין טייל ביזן צווייטן איז געווען ביי צוויי וויאַרסט אַרום.

דעם קאָרן מיטן ווייץ האָט מען געמוזט זייען פאַר סוכות, ווייל ס'האָט זיך געדאַרפט וואַרעמען איבער ווינטער. און נאָך פסח (פּייסאַך) האָט עס אָנגעהויבן צו וואַקסן. דעם צווייטן יאָר האָט מען דעם קאָרן און די ווייץ ניט געטאָרט זייען אויף דעם זעלביקן פעלד. דאָס פעלד האָט געמוזט זיין פריי אַ גאַנץ יאָר. קיין זאַך איז ניט געזייעט געוואָרן, נאָר די בהמות (בהיימעס) האָבן זיך געפּאַשעט אין גראָז אויף דעם דאָזיקן פעלד...

נאָך פסח האָט מען געזייעט גערשטן, בולבעס, אַרבעס, לינדזן, גריקע. די גערשטן און די בולבעס האָט מען געדאַרפט זייען אויף פּאַסענדע פלעצער, ס'זאָל ניט פאַרברענט ווערן. די האָבער, די לינדזן, די אַרבעס, האָט מען אויך געדאַרפט זייען אויף פּאַסענדע פלעצער, ס'זאָל ניט פאַרברענט ווערן. גריקע פלעגט מען זייען אויף די בערג.

אונטערן הויז פלעגט מען האָבן אַ גאָרטן. אין גאָרטן האָבן געוואַקסן אוגערקעס, בורעקעס, מערן, ברוקווע, באַב, בעבלעך, קירבעס, טערקישע ווייץ און אַלערליי גרינסן.

מען האָט געמוזט האָבן קי און אָקסן און פערד. די קי האָבן געגעבן מילך. פון דער מילך האָט מען געמאַכט פּוטער און קעז און ס'איז געווען פאַר דער פאַמיליע צו עסן און מ'האָט אויך אַ טייל פאַרקויפט אין די אַרומיקע שטעטלעך.

מיט די אָקסן האָט מען געאַקערט די פעלדער, מיט די פערד האָט מען געבראַנעוועט און געזייעט, און אויך מיט זיי געפאָרן אין שטאָט איינצוקויפן דאָרטן, וואָס מען האָט געדאַרפט פאַר דער קאָלאָניע... די וואָס פלעגן ניט האָבן קיין פערד, פלעגן אַלעס טאָן מיט די אָקסן, ווי מיט די פערד...

ביי מיין זיידן איז געשטאָרבן די ערשטע ווייב, און ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ צווייטער, און מיט איר געהאַט צוויי אינגלעך; איינער האָט געהייסן אַרציק, דער צווייטער — ירחמיאל. די פאַמיליע איז געוואָרן גרעסער, אין מען האָט שוין ניט געקאָנט אויסקומען, זיינען די טעכטער אַוועק דינען אין אַנדערע שטעט און שפּאָרן געלט פאַר נדן, ווייל אָן נדן האָבן די מיידלעך ניט געקאָנט חתונה האָבן. מיט די זין איז שוין געווען בעסער. זיי האָבן געקראָגן נדן און אויך באַקומען אַ חלק (כיילעק) פון די פעלדער, וואָס דער זיידע האָט געהאַט...

איך געדענק דעם זיידן. איך בין נאָך געווען אַ קליין מיידל, אַרום אַכט יאָר אַלט. ער איז ניט געווען קיין הויכער און מיט אַ גרויער באָרד אַ לאַנגער. איך געדענק ווען ער איז געשטאָרבן. ס'איז געווען לעבן דער קאָלאָניע אַ שטעטעלע, אַמדור, האָט דאָס געהייסן, און דער זיידע האָט געפירט אַהינצו אַ יונגע קו צו פאַרקויפן. די קו איז געוואָרן ווילד און זי האָט אים פאַר־מאַטערט. ער איז געפאַלן אויפן מאַרק און ס'האָט אים געפלאַצט אַן אָדער. מען האָט אים געבראַכט אַהיים און עס האָט ניט גענומען לאַנג און ער איז געשטאָרבן. ער איז אַלט געווען צוויי און זיבעציק יאָר. איך בין דעמאָלט מער ניט אַלט געווען ווי צוועלף יאָר. היינט, ווען איך באַשרייב דאָס, בין איך שוין אַלט זעקס און אַכציק יאָר...

די קאָלאָניע האָט זיך געפונען צוויי מייל פון סאָקאָלקע, און צוויי מייל פון קוזנעצע, און ביי אַ צוועלף מייל פון אַמדור, און פיר מייל פון גראָדנע, און

פופצן מייל פון ביאַליסטאָק. גראָדנער גובערניע, סאָקאָלאָווסקאַוואָ אויעזדאָ, קאָלאָניע זאַקאַוואָ. אַזוי האָט מען געדאַרפט שרייבן דעם אַדרעס צו דער קאָלאָניע...

2.

מיין עלטער-זיידן האָט מען גערופן יהושוע (יעשוע) דובראָווסקי. ער איז געווען מיין מוטערס זיידע. ער האָט אויך געוואוינט אין אַ דאָרף, און ווען דער צאַר האָט אַרויסגעגעבן דעם דעקרעט, אַז אידן טאָרן ניט וואוינען אין די דערפער, האָט ער זיך איבערגעקליבן אין גראָדנע. ער האָט געקויפט פערד און וועגענער און האָט געדונגען מענטשן און זיי האָבן געפירט וואַסער צו פאַרקויפן. קיין ברונעמער זיינען אין גראָדנע ניט געווען, האָט יעדע פאַמיליע געדאַרפט קויפן ביי די וואַסער־פירער. קיין שלעכטע פרנסה (פּאַר־נוסע) איז דאָס ניט געווען. דאָס האָט מיר מיין מוטער דערציילט. מיין מוטער האָט זיך געהאָדעוועט ביי אים, ווען מיין מוטער'ס מוטער איז געשטאָרבן איז זי אַלט געווען דעמאָלט צוויי יאָר. ווען מיין מוטערס פאָטער איז געשטאָרבן איז זי אַלט געווען פיר יאָר. איר זיידע איז געווען צו איר זייער גוט, און איר באָבע נאָך בעסער.

מיין מאַמעס פאָטער האָט מען גערופן רעב אַברהם בער, און ער האָט געהאַט סמיכות אויף רבנות. מיין מוטער האָט מיר אַלעס דערציילט, און איר אַליין האָט איר מוטער דערציילט, אַזוי ווי זי האָט מיר דערציילט וועגן אַמאָ־ליקן לעבן. זי פלעגט אימער ריידן פון איר פאָטער. זי האָט אים קיינמאָל ניט געזען, נאָר מען האָט איר דערציילט, אַז ער איז געשטאָרבן אין טלית און אין תפילין, אין פינסק, אין בית מדרש. דאָרטן האָט ער געלערנט...

איצטער וועל איך אייך דערציילן, וואָס מיין מוטער האָט מיר דערציילט פון איר האָדעוואַניע. דער זיידע אירער האָט איר געלערנט עברי און חומש (כומעש). זי איז אויך געגאַנגען אין חדר (כיידער). שפּעטער, אַז זי איז עלטער געוואָרן, האָט איר זיידע איר געגעבן צו אַ נייטאָרקע, זי זאָל זיך אויס־לערנען נייען און קאָנען פאַרדינען אויף איר לעבן.

מיין מוטער האָט געהאַט אַ שוועסטער. זיי זיינען געווען אַ צווילינג. ס'האָט איר געגומען אַן אָנקל צו האָדעווען. מען האָט אים גערופן כאָנע דבורהס. עס זיינען געווען דריי אָנקלס, און מיט זיי האָט אויך פאַסירט ווי מיט אַלע דאָרפסלייט, מען האָט זיי אויך אַרויסגעטריבן פון די דערפער, און זיי זיינען געפאָרן זוכן פרנסה ערגעץ אַנדערש וואו. איינער האָט זיך באַזעצט אין קער־שיץ, דער צווייטער אין שאַנבעל, דער דריטער, וואָס האָט גענומען צו זיך

האָדעווען מיין מוטערס שוועסטער, האָט זיך באַזעצט אין יעקאַטערינעדאַר. דאָרטן האָט זיך מיין מאַמעס שוועסטער געלערנט אין גימנאַזיע. זי האָט חתונה געהאַט פאַר אַ מאַן אַן אַפּטייקער, אין אַמעריקע רופט מען דאָס אַ דראַגיסט. מיין טאַנטע האָט ניט געוואוסט, אַז זי האָט איבערגעלאָזט אַ שוועסטער אין גראָדנע, ווייל ווען מיין אָנקל האָט איר צוגענומען צו האָדעווען, איז זי געווען בלויז צוויי יאָר אַלט. זי, מיין טאַנטע, איז שוין אַלט געווען פערציק יאָר, ווען זי האָט זיך דערוואוסט אַז זי האָט איבערגעלאָזט אַ שוועסטער אין גראָדנע. האָט מיין טאַנטע געשיקט אַ בריוו אין גראָדנע צו פּריינט, און מען האָט מיין מאַמען אָפּגעגעבן דעם בריף. קאָנט איר זיך שוין פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ פריידט זי האָט געהאַט.

פון דעמאָלט אָן האָבן זיך די צווילינג־שוועסטער אָנגעהויבן צו שרייבן בריוו איינער צו דער אַנדערער. זי איז געווען רייך, מיין מומע, אַזוי האָט זי געשריבן, און אַז איר מאַן איז געשטאָרבן, און זי איז אַן אַלמנה, און מיין מוטער איז דעמאָלט אויך געווען אַן אַלמנה און זייער אָרעם. מען האָט זי אָנגעפרעגט צי עס וואָלט געווען אַ פּלאַן, אַז איך זאָל קומען צו איר אין קאַטערינאָדאַר, און מיין טאַנטע האָט געשריבן, אַז זי וועט שיקן געלט איך זאָל קומען צו איר. און איך בין שוין געווען גרייט צו פאָרן, האָט עפּעס פּאַסירט און איך האָב ניט געקאָנט פאָרן. נאָכדעם האָט מיין מאַמע פאַרלוירן דעם אַדרעס פון איר און מען האָט מער ניט געשריבן איינער צו דער אַנדערער.

דאָס איז געווען מיט אַ זיבן און זעכציק יאָר צוריק. דערנאָכדעם האָבן מיר געהערט אַז מען האָט אַרויסגעטריבן אידן פון טיף רוסלאַנד און מען האָט געמאַכט דאָרטן פּאָגראָמען. ווייסט מען שוין ניט, וואָס ס'האָט מיט מיין טאַנטע און איר פאַמיליע פּאַסירט. און אָט אַזוי איז מיין מאַמע צעשיידט געוואָרן פון איר צווילינג־שוועסטער אויף אייביק.

.3

איצטער גיי איך אייך דערציילן, וואָס האָט געטראָפן מיט מיין עלטער־זיידנס יהושוע דובראָווסקיס אַ קינד:

אַזוי ווי איצט ווייסט שוין די וועלט ניט, מען האָט שוין אַוועקפאַרגעסן וואָס ס'האָט זיך געטאָן מיט אַ 120 יאָר צוריק אין רוסלאַנד בשעת (בעשאַס) ס'האָט געקיניגט ניקאָלאַי דער ערשטער. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ גזירה, דאָס הייסט, אַ שטראָף אויף אידן, אַז מען זאָל נעמען ביי אידישע עלטערן קליינע אינגלעך פאַר סאָלדאַטן. זיי האָבן געדאַרפט דינען גאַנצע 25 יאָר.

די עלטערע אינגלעך האָבן זיך באַהאַלטן אין די וועלדער, אָבער פיר יאָריקע אינגלעך האָבן זיך ניט געקאָנט באַהאַלטן אין די וועלדער, פלעגט מען קומען ביינאַכט און אַרויסשלעפּן זיי פון די בעטן. און דאָס האָט אויך געטראָפן ביי מיין מאַמעס זיידן. מען איז געקומען אינמיטן דער נאַכט און מען האָט זיין פיר יאָריק קינד צוגעכאַפּט אויף אייביק. מען האָט שוין פון אים קיינמאָל ניט געהערט. ווי אין וואַסער אַריין... די רוסישע מערדער פלעגן אַריינטרייבן די קינדער אין אַ טייך און זיי אָפּ'שמד'ן... אַנדערע האָבן דאָס געקאָנט איבערטראָגן, און אַנדערע פלעגן שטאַרבן.

די וועלט האָט דאָס שוין פאַרגעסן צו דערציילן. אָבער איך האָב דאָס גענומען פאַר נויטיק צו דערציילן פאַר מיינע קינדער און פאַר דער וועלט, ווער עס וועט דאָס לייענען. איצטער גיי איך צום רעכטן פונקט. עס האָט געטראָפן אַ נס פאַר די אידן. דער קיסר ניקאָלאַי דער צווייטער איז ביינאַכט געפאָרן מיט זיינע אַדיוטאַנטן אין זיין קאַרעטע מיט פערד לעבן אַ טייך. האָבן זיך די פערד אָוועקגעשטעלט און זיך ניט געוואָלט רירן פון אָרט. ער הייבט אויף זיין קאָפּ און זעט אַ מענטש שטייט אין טייך און דער טייך איז בלוט און דער מענטש קאָן ניט אַרויסגיין פון דעם בלוט. פרעגט ער ביי זיינע גענעראַלן, וואָס דאָס מיינט. זאָגן זיי, אַז זיי וועלן זיך באַטראַכטן, וואָס עס מיינט. זיי האָבן זיך באַטראַכט און זיי האָבן אים געזאָגט, ער זאָל בטל מאַכן די גזירה אויף אידן און מער ניט נעמען קליינע אידישע אינגלעך פאַר סאָלדאַטן. ער האָט אַזוי געטאָן, און ווען ער איז געקומען דעם צווייטן מאָל צום טייך, האָט ער שוין קיינעם ניט געזען. מען האָט אים געזאָגט, אַז דעם מענטשן, וואָס ער האָט פריער געזען אין טייך פון בלוט, איז געווען זיין זיידע ניקאָלאַי... ניקאָלאַי דער צווייטער האָט אומגעביטן די גזירה אויף זעקס יאָר צו דינען אין סאָלדאַטן און ניט קיין קליינע קינדער. מען פלעגט שוין נעמען דערוואַקסענע בחורים צו 21 יאָר אַלט... און ווען מען האָט גענומען אין דינסט צו 21 יאָר האָט מען אויך געליטן. מען פלעגט זיי אַוועקשיקן אין סיביר אין די קאַלטע גובערניעס, און איך געדענק, וואָס עס פלעגט זיך אָפּטאָן ביי די עלטערן. קאָנט איר זיך פאָרשטעלן, וואָס דאַן איז געווען, אַז קיין באַנען האָט מען נאָך ניט געהאַט, האָט מען זיי געטריבן פון איין שטאָט צו דער אַנדערער און פון איין גובערניע צו דער אַנדערער, און די שנייען זיינען געווען ביז צו די אָרעמס, און די פרעסט אַזוינע גרויסע. ניט אַלע סאָלדאַטן פלעגן קאָנען אויסהאַלטן, אַנדערע פלעגן שטאַרבן און אַנדערע פלעגן קומען אַהיים קראַנקע . . .

דאָס אַלעס איז געווען אין רוסלאַנד. איצט, מיר אין אַמעריקע, ווייסן ניט פון אַזוינע זאַכן, און ווייסן ניט וואָס אונזערע עלטערן האָבן זיך אויסגעליטן...

.4

ווען מיין מאַמעס זיידע איז געשטאָרבן, איז זי אַלט געווען צען יאָר און זי האָט שוין געקאָנט גוט נייען און פאַרדינט אַ רובל אַ וואָך. אָבער זי האָט ניט געהאַט גענוג אויפן לעבן. אירער אַן אָנקל, איר פאָטערס אַ ברודער, וועמען מען האָט גערופן, וועלוול דער בעזדעטניק, ווייל ער האָט ניט געהאַט קיין קינדער, איז געווען זייער אַ גוטער מענטש. ער פלעגט זען, אַז מיין מאַמען זאָל ניט פעלן קיין עסן. זיין ווייב איז אָבער געווען זייער אַ שלעכטע, און אַז מיין מאַמע איז געקומען פון דער אַרבעט צו איר אָנקל און ער איז ניט געווען אין הויז, איז זי שוין געבליבן אַ הונגעריקע.

מיין מאַמע האָט געוואוינט אין דער פאָרשטאָט פון גראָדנע. זי האָט געמוזט יעדן טאָג פאָרן אין שטאָט צו דער אַרבעט איבערן ניעמאַן. מען האָט געדאַרפט פאָרן מיט שיפלעך. זומער איז נאָך געווען גוט, אָבער ווינטער איז געווען אַ סכנה (סאַקאָנע). מען האָט געמוזט האַקן דאָס אייז, מען זאָל קאָנען קומען אין שטאָט אַריין. דאָס איז געווען אַ שווער לעבן פאַר מיין מאַמען אָן עלטערן. זי האָט זיך געדאַרפט וואַלגערן ביי פאַמיליעס, אַמאָל ביי אַן אָנקל, און אַמאָל ביי אַ טאַנטע. דער אָנקל וועלוול דער בעזדעטניק איז געווען פון איר פאָטערס צד. זי האָט געהאַט אַ טאַנטע אויך, אין פאָרשטאָט. זי איז געווען אַ רייכע און אַ יחסנטע (יאַכסענטע), האָט געהאַט אַן אייגענע שיף, וואָס פלעגט פאָרן איבערן ניעמאַן. זי איז געווען איר מוטערס אַ שוועסטער. מען האָט זי גערופן חיה־פייגע. אָבער מיין מוטער האָט ביי איר ניט געקאָנט זיין, ווייל זי האָט געהאַט צוויי מיידלעך, און זיי זיינען געווען אייפערזיכטיק אויף מיין מאַמען, וואָס איז געווען זייער אַ שיינע. איין מיידל האָט געהייסן ריווע־לאה, און די צווייטע — טייבל. האָבן ביידע מיידלעך זיך געקריגט מיט מיין מאַמען. קאָנט איר זיך שוין פאָרשטעלן, ווי זי האָט זיך אָנגעליטן...

ריווע־לאה איז געווען אַ רייכע און טייבל איז ניט געווען רייך. ווען איך בין געוואָרן עלטער, בין איך געפאָרן צו זיי צו־גאַסט קיין גראָדנע. ביי ריווע לאהן בין איך געווען עטלעכע מאָל. זי פלעגט מיך אויפנעמען זייער שיין... שפעטער האָב איך געהערט, אַז זי איז אין אַמעריקע מיט איר פאַמיליע. זי האָט געהאַט פיר זין, און ביי איין זון איז זיין ווייב מיט די קינדער דערטרונקען געוואָרן אויף דער שיף „טיטאַניק”...

.5

מיין פאָטער האָט מען גערופן לייבע גרוצקע. ער איז געבוירן געוואָרן אין 1844 און איז געשטאָרבן אין 1893. דאָס מיינט זייער יונג. מיין פאָטער

איז געווען אַ געלערנטער מאַן. ער האָט געקאָנט שרייבן אידיש זייער שיין און העברעאיש זייער גוט, און האָט געקאָנט לערנען חומש און רש״י, און גמרא, און ער האָט געקאָנט דאַווענען ביים עמוד. ער פלעגט אַמאָל לערנען משניות מיט די אידן אין בית המדרש. דאָס האָב איך שוין אַליין געזען...

ווען זיין מוטער איז געשטאָרבן איז ער אַלט געווען אַרום זעכצן יאָר. זי איז געשטאָרבן זייער יונג. ווי אַלט זי איז געווען, ווייס איך ניט. מען האָט זי גערופן רחל. איך, די שרייבערין פון דער דאָזיקער געשיכטע, בין אַ נאָמען נאָך איר... מיין פאָטער האָט זייער שווער געאַרבעט אויף די פעלדער און אין הויז איז קיין פרייד אויך ניט געווען. מען פלעגט זיך אַרומקריגן מיט דער שטיף־מוטער...

אַז מיין פאָטער איז געוואָרן עלטער האָט ער שוין אָנגעהויבן טראַכטן פון אַ תכלית (טאַכלעס)... אין דער קאָלאָניע איז געווען אַ שיין מיידל, חיה (כאַיע) האָט מען זי גערופן. זי פלעגט קומען צו אים אויפן פעלד, וואו ער האָט געאַקערט. זיי זיינען געווען מחותנעשאַפט. איר ברודער איז געווען פאַרהייראַט צו מיין שוועסטער שיינע. איר מאַן האָט מען גערופן משה זעליקס. אָבער פון מיין פאָטערס ליבע איז גאָרניט געוואָרן. זי האָט זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן, און עס איז געקומען אַ יונגערמאַן פון קריניק און זי האָט מיט אים חתונה געהאַט. גליקלעך איז זי אָבער ניט געווען מיט אים. זי האָט זיך מיט אים געג׳גט...

מיין פאָטער האָט שוין געגומען זוכן אַ כלה ניט אין דער קאָלאָניע. אים איז ניט געפעלן געווען אַבי אַ מיידל. ער איז געווען זייער אַ שיינער און אַ געזונטער. ער איז אויך געווען ברייט, אָבער ניט פעט — אַ העלד אַ מאַן; אַ בלאָנדער מיט שיינע בלויע אויגן... ווען ער פלעגט אַ געשריי טאָן אויף די „מעששטאַנעס״, ווען זיי פלעגן קומען מיט זייערע בהמות אויף די אידישע פעלדער, און זיי האָבן נאָר דערהערט זיין קול, זיינען זיי גלייך אַנטלאָפן, ווי פון פייער... ס׳האָבן אָנגעהויבן קומען שדכנים און מען האָט אים געגומען ריידן שידוכים... מען האָט אים גערעדט אַ שידוך פון גראָדנע. גראָדנע איז געווען ביי אַ פיר מייל פון דער קאָלאָניע. דער זיידע מיט מיין פאָטער, מיט דעם שדכן זיינען אָוועקגעפאָרן אין גראָדנע און דאָרטן געטראָפן אַ שיינע מיידל אי׳ זי איז טאַקע געוואָרן מיין פאָטערס כלה...

מען האָט געזאָגט, אַז זי וועט זיך ניט אויסטויגן אין דער קאָלאָניע, ווייל אויף דער קאָלאָניע האָט מען געמוזט שווער אַרבעטן אויף די פעלדער. מען האָט געדאַרפט שניידן זומער צייט די תבואה: קאָרן, ווייץ, גערשטן, האָבער און אַנדערע. מען האָט געדאַרפט אַקערן, זייען, דרעשן, שניידן, גראָבן, און די ווייבער האָבן געהאָלפן די מענער... מיין מוטער האָט זייער ניט געוואָלט

דעם שידוך. זי האָט געזאָגט, אַז זי קאָן ניט אַרבעטן אויף דער קאָלאָניע, און אויך האָט זי ניט געקאָנט געבן קיין נדן. האָט מיין פאָטער געזאָגט, אַז ער וויל ניט קיין נדן, ער וויל נאָר איר פאַר אַ כלה. מיין פאָטער איז שוין געווען פאַרליבט אין איר און ער האָט שוין ניט געוואָלט אַוועקגיין. אַז מיין מוטער האָט אים געזאָגט, אַז זי וועט ניט קאָנען אַרבעטן אויף די פעלדער, האָט מיין פאָטער געזאָגט, אַז זי וועט זיין ביי אים אַ פּרינצעסין...

מען האָט געשריבן תנאים, מען האָט געקויפט מתנות, און ס'איז שפּעטער פאַרגעקומען די חתונה... מיין מאַמע האָט מיר אַלעס דערציילט...

.6

נאָך דער חתונה האָבן זיך גלייך אָנגעהויבן די גרויסע צרות. דער זיידע האָט טאַקע געהאַט אַ גרויס הויז, אָבער ס'איז געווען זייער אַ גרויסע פאַמיליע. מיין פאָטערס עלטערער ברודער, מאָטל שמואל, האָט שוין אויך געהאַט אַ ווייב מיט צוויי קינדער און זיי האָבן געוואוינט צוזאַמען מיטן זיידן און מיט זייער פאַמיליע. קאָנט איר זיך שוין פאָרשטעלן ווי ענג דאָרטן איז געווען...

צום הויז איז געווען צוגעבויט אַ שטיבל, און דאָרטן האָט דאָס געדאַרפט וואוינען מיין פאָטער און מוטער. דאָס שטיבל איז געווען אונטער דער גרויסער הויז מיט איין קליין פענצטערל. דער אויוון האָט ניט געהאַט קיין קוימען, קיין פּאָדלאָגע איז אויך ניט געווען. עס איז געווען אַן ערדענע פּאָדלאָגע אָנגעקלאַפּט אַזוי ווי אַ טאָק. ווען אינדרויסן איז געווען נאַס איז אין שטיבל געווען וואַסער ביז אין די קני... קיין אָפּטריט איז ניט געווען און מען האָט געדאַרפט טאָן די נאַטירלעכע באַדערפעניש אינדרויסן אונטערן פענצטער, און די חזירים פלעגן קומען און דאָס אויפפרעסן. ווינטער־צייט, ווען דער שניי פלעגט אָנפאַלן און קיין חזירים זיינען ניט געקומען, פלעגט מען טרעטן אין שמוץ. קאָנט איר שוין פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ לעבן עס איז געווען...

מיין מוטער האָט טאַקע ניט געקענט אַרבעטן אויף די פעלדער, אָבער זי האָט זייער שיין געקענט נייען העמדער פאַר מענער. אויבער־העמדער פלעגט מען זיי רופן. קיין ניי־מאַשינען זיינען דעמאָלט ניט געווען, האָט מען געמוזט נייען מיט די הענט... ס'זיינען לעבן דער קאָלאָניע געווען פריצישע הויפן און מען פלעגט פון דאָרטן איר ברענגען אַרבעט. זי איז געווען זייער אַ גוטע נייטאָרקע און זי האָט געהאַט אַ סך אַרבעט. דאָס האָט געמאַכט אַ סך שנאה (סינע) אין הויז. די שטיף־מאַמע און די שוועגערין פלעגן העצן אויף דער מאַמען פאַר מיין טאַטן. האָבן זיך אָנגעהויבן קריגערייען, איז שוין געוואָרן דאָס לעבן ביטער פאַרביידן...

איצטער וועל איך אייך דערציילן פאַרוואָס ס׳איז געווען זייער שווער מיין מאַמען, וועלכע איז געווען אַ שטאָטיש מיידל, העלפן דעם טאַטן אין זיין אַרבעט, ווי אַנדערע ווייבער איז דער קאָלאָניע האָבן געהאָלפן... מען האָט געדאַרפט האָדעווען בהמות, דאָס מיינט: קי, אָקסן, פערד. מוז מען דאָך אָנהייבן פון אָנהייב. ווען עס ווערט געבוירן אַ קליין קעלבל, דאַרף מען דאָס אַריינגעמען אין הויז פאַר אַ וואָך, ביז עס קאָן זויגן. מען דאַרף נעמען דאָס קעלבל אונטערשטעלן אונטער דער קו׳ס אייטער און האַלטן דאָס קעלבל ביי דער זייט. און אַז די קו איז אַמאָל אַ יונגע און אַ ווילדע, גיט זי אַ זעץ מיט׳ן פוס און דו ביזט שוין פאַרטיק... און דאָס קעלבל דאַרף זויגן ביי אַ צוויי וואָכן, ווען מען וויל דאָס פאַרקויפן, אָדער קוילענען פאַר זיך. אויב אָבער מען וויל דאָס האָדעווען פאַר אַ קו, דאַרף מען דאָס שוין געבן זויגן דריי אָדער פיר וואָכן, אַז עס זאָל זיין שטאַרק. מען דאַרף האַלטן דאָס קעלבל אין הויז, ס׳זאָל זיך ניט פאַרקעלטערן. און די שטאַל איז געווען ביי אַ האַלבן בלאָק, האָט מען געמוזט ברענגען די קו אין הויז איבער נאַכט, זי זאָל זיך ניט פאַרקילן ביים קעלבן. און מער ווי איין אַלקער האָבן מיינע עלטערן ניט געהאַט אין דעם שטיבל... און אין דעם דאָזיקן שטיבל זיינען געבוירן געוואָרן קינדער ביי מיינע עלטערן. די עלטסטע בין איך געווען, רחל־העניע; דער צווייטער— מיין ברודער, יהושע־וועלוול...

ווען איך בין אַלט געווען פיר יאָר און מיין ברודערל צוויי יאָר, האָט מען ביי מיין זיידן אין שטוב אָנגעהעצט מיין טאַטן קעגן מיין מאַמע, און עס איז אַרויסגעקומען אַ גרויסער קריג צווישן זיי און כמעט (קימאַט) אַ געשלעג. מיין מאַמע איז אַרויס דורכן פענצטער און איז אַוועקגעלאָפן קיין גראָדנע. מיין טאַטע האָט איר ניט געקאָנט דעריאָגן מיט זיין פערד און וואָגן. אין גראָדנע האָט מיין מאַמע זיך אָפּגעשטעלט ביי אירע פריינט. די פריינט האָבן געמאַכט שלום... עס האָט לאַנג אָבער ניט גענומען און עס איז ווייטער געקומען צו אַ גרויסן קריג. מיין מאַמע איז ווידער אַנטלאָפן, און דאָס מאָל קיין אַמדור, אַ צוועלף מייל ווייטער פון דער קאָלאָניע. אָבער פאַר דעם שטעטל איז געווען אַ גרויסער הויף. דאָ ביי אונז אין אַמעריקע רופט מען דאָס פאַרם. איז זי אַריינגעלאָפן צום באַלעבאָס פון פאַרם און האָט אים דערציילט די גאַנצע מעשה, ווי איר מאַן האָט זיך געלאָזט אָנריידן פון זיין טאַטנס פאַמיליע, אַז ער זאָל זיך מיט איר אַרומקריגן, און עס האָט שוין באַלד געקאָנט קומען צו פעטש. דער פּאָסעסאָר, דאָס מיינט, דער פאַרמער, האָט פאַרבאַהאַלטן מיין מאַמען אין צווייטן אַלקיר. דעם טאַטן, ווען ער איז געקומען נאָך איר, האָט דער פאַרמער געזאָגט, אַז זיין ווייב וועט ניט גיין אַהיים. דער טאַטע האָט זיך גענומען בעטן, אַז ער האָט איבערגעלאָזט צוויי קינדער אויף הפקר (העפקער),

און ער וועט ניט אװעקגיין אַן דער ווייב. האָט דער פּאָסעסאָר אים געזאָגט:
— יונגערמאַן, אַז איר ווילט, אַז אייער ווייב זאָל מיט אייך גיין אַהיים, מוזט איר אונז געבן די האַנט (תקיעת כף) און צוזאָגן, אַז איר וועט זיך קיינמאָל ניט קריגן מיט איר, און ניט פּאָלגן אייער פאַמיליע, וואָס העצט אייך קעגן איר. האָט מיין טאַטע געגעבן די האַנט און צוגעזאָגט...

7.

פון דאַן אָן האָבן זיי שוין געלעבט זייער גוט. קיין צרות אָבער האָט זיי ניט געפעלט. ס'זיינען געבוירן געוואָרן נאָך צוויי קינדער, אינגלעך. איינער איז געשטאָרבן אַ יאָר און אַ האַלב אַלט, מען האָט אים גערופן אברהם בערל, אַ נאָמען נאָך מיין מאַמעס טאַטע. דער צווייטער אינגל, מענדל, האָט נאָר געלעבט אַ וואָך און אַ האַלב נאָכ'ן ברית... האָט מיין מאַמע טאָג און נאַכט געקלאָגט און געוויינט... נאָך די צוויי קינדער, וואָס זיינען געשטאָרבן, האָט זי געהאַט נאָך אַ יינגל. מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן יעקב־משה. ער איז געווען אַ ציטעריקער, האָט מען אים געגעבן נאָך אַ נאָמען, אַלטער. דאָס איז געווען אַ סגולה קעגן אַ גוט־אויג. נאָכדעם האָט מיין מאַמע געבוירן נאָך אַ אינגעל, וואָס מען האָט גערופן נאַטע, נאָך מיין מאַמעס אָנקל, איר פאַטערס אַ ברודער. שפּעטער איז געבוירן געוואָרן אַ מיידל. מען האָט זי גערופן שיינע גיטל. זי איז טאַקע געווען אַ שיינע. גיטל האָט געהייסן מיין טאַטנס שוועסטער, און שיינע האָט געהייסן מיין מאַמעס באָבע. נאָכדעם איז געבוירן געוואָרן אַ אינגל, מען האָט אים גערופן שמחה־בערל. נאָך וועמען ער איז געווען אַ נאָמען געדענק איך שוין ניט...

נאָך דער גאַנצער היסטאָריע האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אַ שווער לעבן. אין שטיבל האָט מען שוין ניט געקאָנט וואוינען. האָט מען שוין גע־מוזט זען, וואָס מען קאָן טאָן וועגן אַ גרעסער הויז. האָט מיין פאָטער פאַרקויפט אַן אָקס און אַ קו און איז געגאַנגען זוכן אַ הויז צו קויפן. ס'איז געווען ניט ווייט אַ דאָרף, מינקעצע, און אַ גוי האָט געהאַט אַן אַלטע הייזקע צו פאַרקויפן. ער אַליין האָט זיך געבויט אַ נייע. האָט מיין טאַטע געקויפט די דאָזיקע אַלטע הייזקע. ווי אַזוי האָט מען די הייזקע אַריבערגעבראַכט אין דער קאָלאָניע? ס'איז געווען זייער שווער דאָס צו טאָן. קיין קאָמפּאַני, וואָס פירט איבער אַ הויז פון איין פּלאַץ צום צווייטן, ווי דאָ אין אַמעריקע, איז ניט געווען. ווי אַזוי־זשע פאָרט האָבן זיי דאָס געטאָן? אין דער קאָלאָניע זיינען געווען גרויסע וועגענער, האָט מען פון די וועגענער אַראָפּגענומען די וועגטלעך און

די אַקסן; צוגעבונדן איין וואָגן צום אַנדערן, אַרויסגעגראָבן דאָס שטיבל און דאָס אָנגעקגעשטעלט אויף די צוויי וועגענער; צוגעשפּאַנט אַ פּאָר פערד און געבראַכט דאָס שטיבל צו אונז אין דער קאָלאָניע... מען האָט דאָס געדאַרפט פירן איבער פעלדער און לאָנקעס.

.8

אין שטיבל איז געווען אַ גרויסער אַלקיר מיט אַ קאַמער. עס איז אויך ניט געווען צו גוט, אַביסל צו קליין, אָבער מען האָט געדאַנקט גאָט אַבי מען וואוינט פאַר זיך און מען דאַרף זיך שוין ניט קריגן מיטן זיידנס פאַמיליע... מען האָט צוגעבויט אַ שטאַל פאַר די בהמות, ניט קיין גרויסער שטאַל, ווייל ס׳איז ניט געווען גענוג פּלאַץ צו בויען. דער שטאַל איז געווען ווי אַ מין פּירהויז.. איז אויסגעקומען, אַז מען האָט געוואוינט צוזאַמען מיט די בהמות (בעהיימעס). ווען מען האָט געדאַרפט אַריינגיין אין שטוב, האָט מען געמוזט דורכגיין דעם פּירהויז, איז שטענדיק געווען נאַס פון די בהמות.

אין שטוב איז געווען אַ קליינער אויוון. עס איז געווען אַ הויכע וואַנט און אינמיטן אַרויסגעצויגן אַביסל ברייטער. מען האָט דאָס גערופן לעזשאַנקע. די לעזשאַנקע פלעגט מען אום ווינטער הייצן, ס׳זאָל זיין וואַרעם. מען פלעגט זיצן אויף דער לעזשאַנקע און זיך וואַרעמען... איך געדענק נאָך, ווי איך פלעג ווינטער זיצן מיט מיינע ברידערלעך און זיך וואַרעמען אויף דער לעזשאַנקע...

מען האָט געהאַט אַ באַק־אויוון, וואו מען האָט געבאַקן ברויט פאַר דער גאַנצער וואָך און חלה אויף שבת... זומער פלעגט מען דאָס קליינע אויוועלע ניט הייצן, און אין באַק־אויוון פלעגט מען קאָכן אַ גאַנצע וואָך. ניט אינעווייניק אין באַק־אויוון פלעגט מען קאָכן, נאָר פון פאָרנט, וואָס מען האָט גערופן פּריפּעטשיק... דער אויוון האָט שוין געהאַט אַ קוימען, ניט ווי אין פריערדיקן שטיבל. אויף דעם גרויסן אויוון פלעגן די קינדער שלאָפן... ס׳זיינען געווען אין שטיבל אַ סך פענצטער. דער דאַך איז געווען פון שטרוי. קיין פּאָדלאָגע פון ברעטער, ווי מען רופט דאָס אין אַמעריקע „פלאָר״, איז ניט געווען. די פּאָדלאָגע איז געווען פון ערד... אַזוי ווי ווינטער איז געווען זייער נאַס אין שטוב, פלעגט מען אָנשיטן די פּאָדלאָגע מיט געלן זאַמד...

אום ווינטער פלעגט מען דאָס הויז הייצן מיט טאָרף און דאָס פלעגט אַזוי שטינקען. מען פלעגט די פענצטער ניט עפענען. אויף ווינטער פלעגט מען פאַרשמירן די פענצטער מיט ליים און אינעווייניק פלעגט מען אַריינשטעלן טאָפּל־פענצטער, און אין די פענצטער פלעגט מען אַריינשיטן אַשעס, און אויף די אַשעס אָנשיטן צעשניטענע פּאַפּירלעך פון אַלערליי קאָלירן. מען פלעגט

אויך פֿאַרקלעפּן די פֿענצטער מיט פּאַפּיר, ס'זאָל ניט אַריין קיין ביסעלע לופֿט. נו, אין שטוב פֿלעגט ווערן ווילגאַטש. ס'פֿלעגט אָפּט ווי טאָן דער קאָפּ פֿון דעם, וואָס עס איז ניט געווען קיין ביסעלע לופֿט אין הויז, אָבער עס איז געווען אַ רפואה (רעפּוּע). מען פֿלעגט שניידן רויע קאַרטאָפֿל און צולייגן צום קאָפּ, פֿאַרבינדן מיט אַ פֿאַטשיילע און זיך לייגן שלאָפֿן...

איך האָב פֿריער געשריבן, אַז אין אונזער שטוב איז געווען איין גרויסער צימער מיט אַ קאַמער. דעם גרויסן צימער האָט מען גערופֿן „פּאַלע", דאָס מיינט אין אַמעריקע: „פֿראָנט רום". דעם קאַמער, וואָלט מען גערופֿן אין אַמעריקע „בעד־רום". די קאַמער איז ניט געווען קיין גרויסע. עס איז געשטאַנען דאָרטן אַ בעט. אין דער בעט פֿלעגט מען אַריינלייגן שטרוי, און אויף דער שטרוי פֿלעגט מען לייגן ליילעכער פֿון ווייסע זעקעלעך. אַז מען פֿלעגט זיך פֿאַרגונען, פֿלעגט מען מאַכן אַ שענק פֿון שטרוי. די שטרוי פֿלעגט מען אַריינלייגן אין גאַנץ גראָבער לייוונט. אַז ס'פֿלעגט זיך צערייסן, פֿלעגט זיך שיטן די שטרוי אונטערן בעט. אַז די קליינע קינדער פֿלעגן זיך באַנעצן, פֿלעגט ווערן פֿאַרפֿוילט די שטרוי. מען פֿלעגט דעם שטרויענעם שעניק טרייקענען אינדרויסן. אַז ס'איז געקומען פּסח פֿלעגט מען אויסראַמען די פֿאַרפֿוילטע שטרוי און אַריינלייגן פֿרישע...

אין קאַמער אין געשטאַנען אַ שלאָפֿבאַנק. ביינאַכט פֿלעגט מען די שלאָפֿבאַנק צענעמען און די קינדער פֿלעגן אויף איר שלאָפֿן. אין שלאָפֿבאַנק איז אויך געווען שטרוי... דאָס בעט איז געווען אַ הילצערנע, און די שלאָפֿבאַנק אויך אַ הילצערנע. שטאַרק איז דאָס בעט ניט געווען, פֿלעגט זיך דאָס צעברעכן, און די ברעטלעך פֿלעגן אַרויספֿאַלן. פֿלעגט מען אונטערלייגן קלעצלעך, אַז מען זאָל ניט אַרויספֿאַלן פֿון בעט... מען פֿלעגט אָנגרייטן געלע זאַמד אויף אַ גאַנצן ווינטער, און די זאַמד פֿלעגט מען אונטערשיטן אונטערן בעט און אונטערן שלאָפֿבאַנק. אויך פֿלעגט מען אין גרויסן צימער, אין פּאַלע, אָנשיטן געלע זאַמד... די באַנק פֿלעגט מען מאַכן פֿון ברעטער, און די ברעטער אַרויפֿשטעלן אויף קלעצלעך. אַז מען האָט זיך ניט געהיט מיטן זעצן זיך, האָט מען זיך איבערגעקוליעט מיט די ברעטלעך. אויך דער טיש איז געווען פֿון ברעטלעך... קיין שטולן זיינען ניט געווען, נאָר אַזוינע בענקלעך מיט צווי פֿיסלעך פֿון איין זייט און צווי פֿיסלעך פֿון דער אַנדערער זייט. דאָס איז געווען דאָס מעבל ביי די אָרעמע קאָלאָניסטן.

צו האַלטן וועש און אַנדערע זאַכן האָט מען געהאַט אַ קופֿערט. קיין גוטע זאַכן האָט מען ניט געהאַט. די אַנדערע שמאַטעס פֿלעגט מען אויסהענגען אויפֿן אויוון, וואו די קינדער זיינען געשלאָפֿן... אויף פּסח פֿלעגט מען ראַמען די שטוב, שייערן, וויקן די כלים און כשרן (קאַשערן). דער טיש און די בענק

האָט מען אויך געשייערט און גע׳כשרט, ווייל מען האָט דאָך אויף זיי אויך געהאַלטן חמץ (כומעץ)... מען האָט געמוזט אַן אָונט פאַר פסח בודק חמץ (בוידעק כומץ) זיין, און דעם חמץ פאַרקויפן צום רב, און דער רב פלעגט דאָס פאַרקויפן צו אַ גוי...

ווען איך בין געוואָרן עלטער זיינען מיר ניט געפעלן געוואָרן דער טיש און די בענקלעך פון ברעטלעך אויף קלעצלעך. ניט ווייט פון דער קאָלאָניע איז געווען אַ שטעטעלע אַדעלסק. דאָרטן האָב איך געהאַט אַ באַקאַנטן סטאָ־ליאַר. בין אַוועק צו אים, און ער האָט מיר געמאַכט שיינע לאַנגע בענק פון איין ברעג וואַנט ביז צו דער צווייטער, און אַ טיש אויך געמאַכט אַ פירקאַנטיקן מיט אַ שופלאַד אינמיטן. מיין מאַמע האָט געמאַכט פון פערקאַל פאָרהאַנגען מיט גרויסע זעמבעס, און די הויז איז שוין געווען אויסגעפוצט און עס איז געווען זייער שיין אויסגעפוצט...

.9

ווען איך בין אַלט געווען צען אָדער צוועלף יאָר, איז ניט געווען פון וואַנעט צו לעבן. מיין טאַטע האָט געהאַט זייער ווייניק פעלד, נאָר איין דריטל פון אַ נומער. פון דעם האָט מען ניט געקאָנט מאַכן אַ לעבן. מען האָט געמוזט האָדעווען קעלבלעך און מען זאָל זיי אויסהאָדעווען פאַר קי. אַז זיי זיינען געוואָרן קי, איז שוין געוואָרן בעסער. עס האָט געמוזט נעמען צוויי יאָר ביז מען האָט די קי געקאָנט מעלקן. מען האָט געמוזט האָבן אַ דריי, אָדער פיר קי צו מעלקן, אַ־ניט, האָט מען פשוט (פּאָשעט) ניט געהאַט פאַר דער פאַמיליע צו לעבן... אַז מען האָט געהאַט די קי און מען האָט זיי געמאָלקן, פלעגט מען פון דער מילך מאַכן פוטער, קעז, און מען פלעגט די פוטער מיט דער קעז פירן אין סאָקאָלקע צו פאַרקויפן אום זומער, אַלע צוויי וואָכן. איך בין דעמאָלט אַלט געווען ביי אַ צוועלף יאָר, און סאָקאָלקע איז געווען פון דער קאָלאָניע אַן אַכצן מייל. אַמאָל אַז מען האָט ניט געקענט קריגן קיין פור, האָב איך, אַ יונג מיידל, געמוזט גיין צופוס...

ווען מיר האָבן אַליין געהאַט אַ פערד און וואָגן, פלעג איך אַליין פאָרן אין סאָקאָלקע מיטן מילכיקס און נאָך מיטנעמען אַ פאָר ווייבער. זיי האָבן אויך געהאַט מילכיקס צו פאַרקויפן. זיי האָבן געצאָלט יעדע איינע פינף און צוואַנציק קאָפּיקעס פאַר דער רייזע אַהין און צוריק...

מיר האָבן געהאַט אַ פערד און וואָגן. אָבער מיין טאַטע האָט געדאַרפט אַקערן מיטן פערד. מיר האָבן געהאָדעוועט פערד, אויך אָקסן. אַז מען האָט ניט געהאַט די בהמות וואָס צו געבן עסן, האָט מען געמוזט אין יעשען פאַר־

קויפן דעם פערד, אָדער דעם אָקס. אַז ס'איז געקומען דער זומער און קיין פערד אָדער אָקס איז ניט געווען, האָט מען שוין געדאַרפט דינגען גויים צו אַקערן, און דער טאַטע האָט שוין געמוזט גיין אין שטאָט צו פאַרדינען. ער איז געגאַנגען אין ביאַליסטאָק צו מולאַרקע און ער האָט געאַרבעט זייער שווער מיט דער טאַטשקע צו פירן שטיינער, אָדער ציגל. עס איז שוין געווען אַ גרויסע פאַמיליע, דריי אינגלעך, וואָס האָבן געמוזט גיין אין חדר.

אין שניט־צייט פלעגט דער טאַטע קומען אַהיים פון ביאַליסטאָק אַראָפּ־צונעמען פון די פעלדער, אַז ניט וואָלט מען געמוזט דינגען גויים. פריער האָט מען געשניטן גערשטן. אויב מ'האָט ניט געשניטן אין צייט, האָבן זיך אַראָפּ־געשאָטן די זאַנגען. נאָכדעם האָט מען גענומען שניידן דעם קאָרן. נאָכדעם האָט מען געשניטן דעם ווייץ. נאָכדעם האָט מען געשניטן האָבער און אַרבעס און אויך לינדזן. גריקע האָט מען ניט געדאַרפט שניידן, נאָר רייסן...

אַז מען האָט שוין אָפּגעשניטן די אַלע זאַכן, האָט מען גענומען קלייבן די בולבעס. די בולבעס האָט מען געדאַרפט אויסאַקערן און נאָכדעם האָט מען געדאַרפט אויפקלייבן פון דער ערד. דאָס איז שוין געווען אַ שווערע אַרבעט. אַ גאַנצן טאָג האָט מען געדאַרפט ליגן אויף דער ערד און קלייבן פון דער ערד די קאַרטאָפליעס אין דער נאַסער ערד. עס איז שוין געווען קאַלט. אויך פלעגט אַמאָל כאַפּן אַ רעגן. מען האָט אָבער געמוזט אַרויסנעמען די קאַרטאָפּ־ליעס. מען האָט זיי ניט געקענט לאָזן ליגן איבער נאַכט אין פעלד, האָט מען געמוזט זיין אין פעלד ביז שפּעט אין דער נאַכט...

און אַז מען איז געקומען שפּעט אַהיים האָט מען געמוזט גיין די ערשטע זאַך מעלקן די קי, און נאָכדעם קאָכן וועטשערע פאַר דער פאַמיליע...

.10

איך האָב געדאַרפט פריער דערציילן די שווערעניש בשעת מען האָט געשניטן די תבואה (טוואוע)... אונזער פעלד איז געווען צעטיילט אין עטלעכע פּלעצער. איין טייל פעלד איז געווען זייער ווייט, ביי אַ דריי וויאָרסט, און אינדערפרי אַרום זיבן אַזייגער און אַמאָל נאָך פריער האָט מען געמוזט גיין אויף דעם פעלד צו שניידן די תבואה. געדענק איך, ווי די מאַמע האָט גענומען דאָס קליינע קינד אויף דער האַנט און דאָס געטראָגן אַזוי ווייט ווי דריי וויאָרסט. מען האָט געמוזט מיטנעמען אַ קרוג מיט וואַסער צום טרינקען פאַר אַ גאַנצן טאָג. מען האָט אויך געמוזט מיטנעמען ברויט, פּוטער, קעז, האַרטע אייער און פאַר דעם פּיצעלע קינד עפּעס צו טרינקען. מין האָט דאָס אויך געדאַרפט

אַנזויגן. אָבער אַז די מאַמע האָט אַזוי שווער געאַרבעט, האָט דאָס פּיצל קינד ניט געהאַט וואָס צו זויגן...

אויף דעם פעלד אַוועקלייגן אַ פּיצל קינד איז דאָך אויך ניט געווען גוט. האָט מען געדאַרפט אָנשניידן אויף דער גיך עטלעכע סנאָפּעס און אַוועקשטעלן און מאַכן ווי אַביידל, אַז די זון זאָל דאָס ניט פאַרברענען און דער ווינט זאָל דאָס חס ושלום (כאַסוועשאָלעם) ניט פאַרקילן. און וואָס האָט מען געקאָנט טאָן, אַז גאָט האָט געהאָלפן און עס האָט אינמיטן טאָג אָנגעהויבן רעגענען, און עס האָט אָנגעהויבן דונערן און בליצן. מען האָט געמאַכט פון די סנאָפּעס „וואָדאָנאָסקעס". דאָס איז געווען צוועלף סנאָפּעס. ניין פלעגט מען אויפשטעלן ביי דער זייט, דריי פון אויבן, עס זאָל דער רעגן ניט אַראָפּ... מען האָט ניט געקאָנט גיין אַהיים, נאָך מיט אַ קליין קינד. דאָס פעלד האָט זיך געגרעניצט מיטן דאָרף קראַסקלעסקי, און אַז דער רעגן האָט ניט אויפגעהערט, האָט מען געדאַרפט לויפן אַהין באָרוועס...

מען פלעגט זומער גיין באָרוועס. ווער האָט דאָס געקאָנט זיך פאַרגונען צו גיין אין שיך? אַז מען האָט געהאַט אַלטע שלאַפּעס איז מען געגאַנגען אין זיי.

פאַר שניט פלעגן מיר קאַשען די לאָנקעס, מען זאָל האָבן היי פאַר די בהמות אויף ווינטער. ווען מען פלעגט אָפּקאַשען די היי האָט מען דאָס געדאַרפט צעשאַרן מיט אַ גראַבליע עס זאָל זיך טריקענען. אויף ביינאַכט האָט מען געמוזט די היי אויפמאַכן ווי אַ באַרג, טאָמער אין אַ רעגן, זאָל דאָס ניט גענעצט ווערן, נאָר בלויז דער אויבערשטער טייל. ווען מען האָט געמאַכט די היי ווי אַ באַרג און ס'איז געגאַנגען אַ רעגן, האָט מען זיך שוין געקאָנט פאַרבאַהאַלטן אינעווייניק אין דער היי...

דאָס לעבן איז געווען זייער שווער פאַר דעם קליינעם קאָלאָניסט, ווי מיין טאַטע. די וואָס האָבן געהאַט אַ סך פעלד, האָבן זיך געקענט פאַרגינען צו דינגען גויים... ווינטער צייט האָט מען טאַקע געדאַרפט קויפן קלייען צו געבן די בהמות עסן, זיי זאָלן ניט פאַרמאַגערט ווערן... אַז מיין פאָטער פלעגט מאָלן דעם קאָרן אין מיל פלעגט ער האָבן שטרוי פון דער תבואה. די שטרוי האָט מען געשניטן אויף שעצקע. די שעצקע האָט מען פאַרמישט מיט קאָרן־מעל און געגעבן די בהמות צו עסן... אָבער אַז מען האָט אַוועקגעגעבן די בהמות די תבואה, האָט מען שוין אום זומער אַליין ניט געהאַט וואָס צו עסן. מען האָט געמוזט גיין לייען. אַז מען האָט ניט געקאָנט לייען ביי אידן, איז מען געגאַנגען צו די גויים אין אַדעלסק...

אַז מען האָט ניט געהאַט גענוג מעל צו באַקן ברויט האָט מען געהאַט אַרבעס, בולבעס, לינדזן, אָנשטאָט ברויט... און אַמאָל פלעגט מען אָפּנאַרן די קינדער, מען פלעגט אַריינמישן בולבעס אין די קאָרן־מעל. עס איז ניט געווען

אַזוי גוט ווי הוילע קאַרן־מעל... מען האָט געהאַט בוריקעס, האָט מען געקאַכט באַרשטש. קיין פלייש איז ניט געווען אַ גאַנצע וואָך, האָט מען געקויפט אַ הערינג און מען איז שוין געווען אַ מחותן (מעכותן) מיט׳ן קרעמער. מען האָט געקראָגן פון קרעמער אַביסל ליאַק, ווען מען האָט געקויפט אַ הערינג. מען האָט אָפּגעקאָכט די בולבעס מיט די שאָלעכץ און געטונקען אין ליאַק, אָדער מען האָט די בולבעס באַגאָסן מיט ליאַק.

מען פלעגט אין יעשען קוילן אַ פּאָר שעפּסלעך, אָדער אַ קאַלב און מען האָט דאָס פלייש איינגעזאַלצן און דאָס געהאַט אויף אַ גאַנצן ווינטער אויף די שבתים, און אַמאָל אויף פסח אויך... מען פלעגט האָדעווען אום ווינטער געגנז אויך און מען האָט געהאַט אַביסל שמאַלץ אויף פסח... מען האָט געהאַלטן דאָס פלייש און די שמאַלץ אין קעלער. מען האָט אויסגעגראָבן אַ ספּעציעלן גרוב אין קעלער, אַריינגעלייגט דאָס פלייש אָדער די שמאַלץ אין אַ באַזונדערע כלי (קיילע) אַזאַ, וואָס מען האָט גערופן ביי אונז „קאָדקע"; אַרויפגעלייגט שטיינער, און דאָס איז געווען גוט ביז פסח...

.11

איך האָב אויך פאַרגעסן צו דערציילן, אַז זומער־צייט פלעגן מיר אַליין פּאַשען די בהמות. ס׳זיינען טאַקע געווען פּאַסטוכער, אָבער די פּאַסטוכער האָבן געהאַט אַלעמענס בהמות, און ס׳איז ניט געווען גענוג גראָז פאַר אַלעמען, פלעגן מיר אַליין פּאַשען די בהמות אויף אַנדערע פלעצער, וואו עס איז געווען גענוג גראָז... מען איז אויפגעשטאַנען דריי אַזייגער פאַרטאָג און מען האָט געטריבן די בהמות אויף די פּאַשע־לאַנקעס, און אַכט אַזייגער האָט מען זיי געבראַכט צוריק צו מעלקן. גוט אָנגעפּאַשעטע האָבן זיי געגעבן אַ סך מילך... מען האָט זיך גוט אויסגעשלאָפן אַ פּאָר שטונדן און דערנאָכדעם צוריקגעטריבן די בהמות אויף פּאַשע. דאָס איז געווען בייטאָג... פאַרנאַכט האָט מען די בהמות ווידער געבראַכט אַהיים און ווידער זיי געמאָלקן... מען האָט די מילך איבערגעזייעט אין ליימענע לאַדיזשטשיקעס, דאָס מיינט, קריגעלעך, און מען האָט זיי פאַרבונדן מיט לייוונט און זיי אַראָפּגעשטעלט אין קעלער, עס זאָל זיך אויסשטיין אויף סמעטענע און זויער־מילך. פון דער סמעטענע האָט מען געמאַכט פּוטער, און פון דער זויער־מילך האָט מען געמאַכט קעזעלעך... אַז מען האָט אויסגעשלאָגן די פּוטער, איז געבליבן אַזאַ פליסיקייט, וואָס מיר האָבן גערופן מאַשלינצע, און דאָס האָבן מיר געטרונקען, און מיר האָבן אויך געמאַכט פון דעם קעזלעך, וואָס מיר האָבן גערופן מאַשלינקע קעז. די דאָזיקע מאַשלינקע קעזלעך האָבן מיר ניט פאַרקויפט, מיר האָבן דאָס געברויכט פאַר זיך...

אַז מיר האָבן ניט געפּאַשעט די בהמות אַליין, נאָר זיי געלאָזט צום פּאַסטוך, האָבן מיר געמוזט גיין רייסן גראָז, ווייל די בהמות פלעגן קומען אַהיים פאַר־נאַכט הונגעריקע. דאָס איז געווען אַ סך שווערער. מיר זיינען געגאַנגען איבער די מעזשעס צו רייסן די גראָז. מיר האָבן מורא געהאַט טאָמער וועט קומען דער באַלעבאָס פון דער מעזשע און אונז גוט אָנשלאָגן... און דאָס שלעפּן דאָס גראָז איז אויך געווען זייער שווער. מען פלעגט גיין איינגעדרייט אין דרייען...

אַז מיר האָבן אָפּגעשניטן די תבואה פון פעלד, האָבן מיר אַוועקגעטריבן די בהמות אויפן אָפּגעשניטענעם פעלד, און זיי האָבן שוין דאָרטן געפונען גענוג פּאַשע... איך האָב שוין אויך דערציילט, אַז מען פלעגט מישן די צע־האַקטע שטרוי, וואָס מיר האָבן גערופן שעטשקע, מיט קאָרן־מעל, אָדער מיט קלייען און אום ווינטער געבן די בהמות עסן... מיר האָבן געהאַט אַ סך שאָלעכץ פון בולבעס, פלעגן מיר די שאָלעכץ אויך מישן מיט דער שעטשקע... אַז ס'זיינען געווען גרויסע פרעסט, האָט מען געקאָכט די שאָלעכץ אין וואַסער און מען האָט דאָס געגעבן די בהמות, זיי זאָלן זיך דערוואָרעמען... מיר פלעגן אויך אום ווינטער אויסשפּרייטן שטרוי אויף דער ערד אין שטאַל, זיי זאָל ניט זיין קאַלט, אַז זיי וועלן זיך אַוועקלייגן...

מיר האָבן אויך געהאָדעוועט עופות (אויפעס). מיר פלעגן זעצן די הינער אויף אייער פאַר פסח, און אויף ראש־השנה (ראָש־האַשאָנע) האָבן מיר געקאָנט האָבן יונגע עופות און הינער אויף יום־כיפור פאַר כפרות (קאַפּאָרעס)... האָבן מיר שוין געהאַט אייער אויך צו עסן פאַר די קינדער... אום ווינטער האָבן מיר געהאַט זייער ווייניק אייער. די הינער האָבן ווינטער געלייגט ווייניק אייער, האָבן מיר געמוזט אַמאָל צו־קויפן... אויף פסח האָבן מיר גענוצט אַ סך אייער. פסח האָבן מיר געמאַכט האַלקעס און אויך פּאַמפּושקעס, האָבן מיר געמוזט האָבן אַ סך אייער...

פון דער שמאַלץ, וואָס מיר האָבן צוגעגרייט אויף פסח, פלעגן מיר אויך פאַרקויפן. און דאָס האָט אונז געהאָלפן צו קויפן פאַר די קינדער העמדלעך אויף פסח... אַ גאַנץ ווינטער זיינען די קינדער געגאַנגען אין גראָבע לייוונטענע העמדלעך. אויף פסח האָט מען געקויפט אַביסל דינע לייוונט און אויפגענייט שיינע העמדלעך אויף יום־טוב. מיין מאַמע, ווי איר ווייסט שוין, איז געווען אַ גוטע בייטאָרקע... איך געדענק, ווי די שכנטעס פלעגן קומען צו מיין מאַמען זי זאָל זיי צושניידן עטלעכע העמדלעך פאַר זייערע קינדער... מיין מאַמע פלעגט זיי ניט נאָר צושניידן נאָר ווייזן ווי צו נייען. מיין מאַמע האָט דאָס געהאַלטן פאַר אַ מצוה (מיצווע)...

איצט וועל איך אייך דערציילן, ווי מען פלעגט אויסטראָיען די קליינע אינגלעך: מען האָט פאַר זיי אויפגענייט הייזלעך און קאַמזיילקעס פון קאָרט.

אַ קורץ דזשעקעטל האָט מען גערופן אַ מונאַרקע, און אַ וועסט האָט מען גערופן אַ קאַמזוילקע. דאָס האָט מען גענייט אויף פּסח... אויף סוכּות האָט מען גענייט וואַרעמע זאַכן. אַנשטאָט אַ מונאַרקע האָט מען גענייט אַ קאַפּאָטקע, און די קאַפּאָטקע איז שוין געווען אונטערגעבעט מיט וואַטע, עס זאָל די קינדער זיין וואַרעם. די קאַמזוילקע איז אויך געווען אונטערגעבעט מיט וואַטע, די קינדער זאָלן זיך ניט פאַרקילן. די מונאַרקע איז געווען אַ קורצע און די קאַפּאָטקע איז שוין געווען אַ לאַנגע, עס זאָל די קינדער ניט זיין קאַלט אין די פיס...

אַז מען איז געווען אַביסל רייכער האָט מען זיך שוין געקענט פאַרגינען צו געבן צו אַ שניידער אויפצונייען פאַר די אינגלעך די קליידער... שטיוועלעך האָט מען געמאַכט ביי אַ שוסטער. מען האָט ניט געקאָנט זיי קויפן ערגעץ וואו... פאַר די מיידלעך האָט מען אויך גענייט אַליין, אַ קליידל, אָדער אַ ספּאָד־ניצע, און אַ בלוזקע. אויפצונייען אַ ספּאָדניצע אָדער אַ בלוזקע איז ניט געווען אַזוי שווער ווי פאַר די אינגלעך. איך אַליין האָב אויפגענייט פאַר מיר זאַכן. ספּאָדניצעס און בלוזקעס און אַמאָל אַ קליידל אויך... ווינטער געמוזט טראָגן אַ וואַטאָפּקע, פּאָכאָזשע (ענלעך) צו אַן אונטערקלייד. דאָ רופט מען דאָס אַ „פּעדעקאָוט"...

עס איז געווען אַ שניידערקע אין אַדעלסק, און אַז מען האָט זיך געקענט פאַרגונען, האָט מען געקויפט אַ שטיקל וואָלענס און געגעבן דער שניידערקע. אַז די מיידלעך זיינען אונטערגעוואַקסן האָט מען שוין געטראָגן שענערע זאַכן. שבת און יום־טוב האָט מען זיך אויסגעפּוצט. עס זיינען שוין געווען שניידער אין די שטעטלעך סאַקאַלקע, אָדער קריניק, אָדער אַמדור, און מען פלעגט אַהין פאָרן זיך אויפנייען אַ פאַר קליידלעך צי אַ מאַנטל אויף יום־טוב, צי אויף אַ חתונה... אין די דאָזיקע שטעטלעך זיינען געווען דאַמסקע שניידער...

ווען די מיידלעך זיינען געוואָרן עלטער, האָבן זיי שוין געמוזט גיין אַרבעטן אין די גרויסע שטעט. דאָרטן זיינען שוין די מיידלעך געגאַנגען נאָך דער מאָדע...

איך האָב פאַרגעסן צו באַשרייבן וואָס די אינגלעך האָבן געמוזט טראָגן, ווען זיי זיינען געגאַנגען אין חדר אום ווינטער. אום ווינטער זיינען געווען גרויסע פרעסט און שנייען. מען איז געגאַנגען ביז אין די קני אין שניי. קיין קאַלאָשן האָט מען ניט געהאַט, האָבן די אינגלעך געמוזט טראָגן שטיוועלעך און וואַרעמע וואָלענע זאָקן. די זאָקן האָט מען אַליין אויסגעשטריקט פון גראָבער וואָל. מען האָט אויך געמוזט האָבן אַ פּעלצל, פלעגט מען קויפן ביי די גויים אַ פאָר שעפּסענע פעלכלעך און מאַכן אַ שעפּסן־פּעלצל, די קינדער זאָלן זיך ניט פאַרקילן. אויב ניט קיין פּעלצל, האָט מען געקויפט גראָבע געוואַנט און אונטער דעם געוואַנט אונטערגעבעט אַ באַרכע, עס זאָל זיין וואַרעמער...

.12

אין דער קאָלאָניע האָבן די אינגלעך געמוזט גיין אין חדר, צי מען האָט געהאַט פון וואַנעט צי ניט. ניט נאָר אין אונזער קאָלאָניע, נאָר אין גאַנץ אייראָפּע... אַ אינגעלע האָט געמוזט קענען דאַווענען און אַביסל לערנען חומש מיט רש״י (ראַשע) און מעביר (מאַוויר) זיין די סדרה (סעדרע).. דאָס איז געווען אַ קליין ביסל לערנען. די אינגלעך וואָס האָבן געוואָלט לערנען אויך גמרא (געמורע) און משניות (מישנאַיעס) זיינען אויסגעוואַקסן למדנים (לאַמדאָנים)...

מען האָט ניט געקענט האָבן צו עסן, האָבן די עלטערן געליען און גע־באָרגט און געשיקט די אינגלעך אין חדר... די אָרעמע עלטערן, וואָס האָבן ניט געהאַט פּאַרוואָס צו קויפן אַ פּעלצל, צי אַ שטיקל געוואַנט צו מאַכן פּאָר די אינגלעך וואַרעמע זאַכן, פלעגן זיי שיקן אין חדר אין צעריסענע שטיוועלעך, אין אַ צעריסענע קאַפּאָטקע, פון וועלכער ס'זיינען געהאנגען שטיקלעך. פון די העמדלעך פלעגן אויך אַראָפּהענגען צעריסענע שטיקלעך...

די אינגלעך זיינען געווען אין חדר פון אַכט אַזייגער אינדערפרי ביז אַכט אַזייגער אין אָוונט... אַז עס איז געווען אַ פראָסט, אָדער אַ שניי, האָט מען זיי מיטגעגעבן דעם מיטאָג אין חדר... אַנדערע אָרעמע מאַמעס פלעגן נעבעך שיקן די אינגלעך אין חדר הונגעריקע. ס'איז ניט געווען וואָס צו עסן, אָבער אין חדר האָט מען געמוזט גיין...

איצטער וועל איך באַשרייבן דעם חדר, דאָס הייסט, דעם רבינס שטיבל. דאָס שטיבל איז געווען איין צימער מיט אַ קאַמער. אין שטיבל איז ווינטער געווען נאַס און קאַלט. די פענסטער זיינען געווען פאַרשמירט פון ביידע זייטן. אינדרויסן מיט ליים און אינעווייניק מיט פּאַפּיר. האָבן די אינגלעך אַ גאַנצן טאָג ניט געהאַט קיין ביסל לופט. זיי פלעגן נאָך אַמאָל ביאַנטשען דעם רבינס קינדער און דער רבי (רעבע) פלעגט זיי נאָך גוט אָנברעכן די ביינער... אָבער וואָס דער רבי איז געווען שטרענגער איז פּאָר די אינגלעך געווען בעסער. זיי האָבן מורא געהאַט פאַרן רבין האָבן זיי זיך געלערנט בעסער... אַנדערע אינגלעך זיינען קראַנק געוואָרן ביים רבין אין שטוב פון דער נעץ און וויל־גאָטש... איך האָב נאָך אפילו קיין צענט חלק ניט געשריבן, וואָס די אינגלעך האָבן זיך דאַרטן אָנגעליטן, אָבער זיי זיינען אויסגעוואַקסן גוטע אידן...

די מיידלעך אָבער האָט מען אין יענע יאָרן ניט געלערנט. מען האָט זיי ניט געשיקט אין חדר זיך לערנען... אין די קליינע שטעטלעך האָט די עלטערן ניט געאַרט, אַז די מיידלעך האָבן ניט געקענט לערנען. מען האָט זיך נאָר אָפּגעגעבן מיט די אינגלעך זיי זאָלן זיך לערנען עברי, חומש, מעביר זיין די סדרה... אַז די אינגלעך זיינען געוואָרן עלטער, צען אָדער צוועלף יאָר, האָט

מען זיי אַוועקגעשיקט אין די גרויסע שטעט אין די תלמוד תורה'ס און אין די ישיבות... מען האָט פאַר זיי געקראָגן טעג צום עסן. דאָס הייסט, געוויסע באַלעבאַטים האָבן זיך פאַרפליכטעט צו געבן דעם ישיבה־בחור (יעשיווע־באָכער) אַ טאָג צו עסן ביי זיך אין הויז... אַז די אינגלעך האָבן ניט געהאַט קיין גענוג טעג צו עסן, האָבן זיי געהונגערט...

רייכע עלטערן האָבן צוגעשיקט צו זייערע אינגלעך געלט און זיי זיינען שוין ניט געווען הונגעריק. די אָרעמע האָבן נעבעך געהונגערט, אויב ס'האָט זיי אויסגעפעלט אַ טאָג אָדער צוויי אין דער וואָך, וואָס זיי האָבן ניט קיין הויז, וואו צו עסן... דערפאַר אָבער, אַז זיי זיינען אויסגעוואַקסן און געקאָנט גוט לערנען איז זיי שוין געווען גוט, זיי האָבן געקראָגן אַ גרויסן נדן און עטלעכע יאָר קעסט . . .

אַנדערע פלעגן דינגען אַ מלמד פאַר זייערע אינגלעך, האָבן די מיידלעך זיך שוין אויך געלערנט ביי אים אַביסל שרייבן אידיש און אויך דאַווענען. דאָס איז נאָר געווען ביי די פאַרמעגלעכע מענטשן; ביי די אָרעמע מענטשן און אויך ביי די קאָלאָניסטן איז געווען זייער זעלטן, אַז די מיידלעך זאָלן קענען שרייבן און דאַווענען...

.13

אין שטעטל אַדעלסק פלעגן די מיידלעך אום ווינטער פליקן פעדערן און קריגן צען קאָפּיקעס אַ פונט. די מיידלעך וואָס זיינען געווען שנעל האָבן געקענט פאַרדינען אַ רובל אַ וואָך. זיי פלעגן טאָן אַנדערע אַרבעט אויך, ווי שטריקן וואָלענע זאָקן און וואָלענע הענטשקעס, און אויך שקאַרפּעטקעס. אַז מען האָט ניט געטראָגן קיין וואָלענע זאָקן אָדער שקאַרפּעטקעס און קיין הענטשקעס, האָט מען זיך פאַרפרוירן די פיס און די הענט... אין אונזער קאָלאָניע האָבן די מיידלעך אויך געפליקט פעדערן און געמאַכט וואָלענע זאָקן, שקאַרפּעטקעס און הענטשקעס. זיי האָבן געאַרבעט פאַר די גויים און פאַרדינט אַ צוואַנציק צי דרייסיק רובל, און מיט דעם געלט זיך אויסגעקליידט אויף פסח... פאַר פסח זיינען די מיידלעך אויך געגאַנגען וואַלגערן מצות (מאַצעס) אין די גרעסערע שטעט. דאָס האָט זיי אויך אַרויסגעהאָלפן, האָבן זיי שוין זיך געהאַט מיט וואָס זיך צו באַקליידן אויף פסח און פאָרן גאַנצן זומער... אום זומער זיינען די מיידלעך געגאַנגען שניידן תבואה צי ביי די גויים אין אדעלסק, צי ביי אונז אין קאָלאָניע, און זיי האָבן זיך אויסגעקליידט אויף ראש־השנה, יום־כיפור און סוכות... און אַז מען איז שוין געווען באַקליידט פלעגן חול המועד פסח, אָדער חול המועד סוכות, קומען בחורים פון קריניק, צי פון אַמדור,

צי פון סאָקאָלקע, און מען האָט זיך באַקאַנט און מען איז שוין אַ כלה געוואָרן...

אַנדערע מיידלעך, וואָס זיינען ניט געווען אַזוי פּאַרריסן, זיינען געגאַנגען אין אַרומיקע שטעטלעך דינען. אַנדערע האָבן זיך געשעמט גיין דינען, האָבן זיי זיך געמאַטערט ביי אָרעמע עלטערן...

ווען איך בין געווען אַ קינד פון צען אָדער צוועלף יאָר, האָב איך מיט מיין טאַטן געאַרבעט אין אַ פּלאַץ, אין ביאַליסטאָק, וואו מען באַקט מצות אויף פּסח. מיין טאַטע איז געווען אַ טרעגער פון די מצות, און איך— אַ וועלגערין פון די מצות... מיין פאָטער, ווען איך בין אַלט געווען צען יאָר איז שוין געווען אַ בעל משפחה (באַל מישפּאָכע) פון אַ וייב און פיר קינדערלעך... קיין סך געלד האָט מיין טאַטע ניט געהאַט, נאָר אַ דריטל פון אַ נומער, און אויף קיין לעבן האָט ער ניט פאַרדינט פון געלד. און אויף פּסח האָט מען געמוזט באַ־קליידן די קינדער און באַצאָלן דעם רבין שכר־לימוד (סכאַר־לימעד). פלעגט מיין טאַטע אַוועקגיין אַ פאַר חדשים פאַר פּסח אין ביאַליסטאָק צי אין גראָדנע און פלעגט פאַר זיך באַשטעלן אַ פּלאַץ אין אַ בעקעריי צו טראָגן מצות... דער בעקער, וואָס האָט געבאַקן מצות, וועלכע באַלעבאַטים האָבן ביי אים באַשטעלט אויף פּסח, האָט געמוזט האָבן אַ מענטשן צו באַקן די מצות, און אַ מענטשן צו רעדלען די מצות, און מען האָט אים גערופן אַ רעדלער; און אַ קנעטער צו קנעטן די מצות, און אַ טרעגער צו צוטראָגן די מצות אין די הייזער. מיין טאַטע האָט באַדאַרפט באַשטעלן אַ פּלאַץ צו צוטראָגן די מצות ביי אַ דריי חדשים פאַר פּסח, אַז מען האָט זיך פאַרלאָזט אויף די לעצטע פאַר וואָכן פאַר פּסח, האָט מען שוין ניט געקראָגן קיין פּלאַץ...

דער באַלעבאָס פון דער בעקעריי, וואָס מען האָט גערופן „פעקאַרניע", האָט געצאָלט ניט דעם טרעגער, ניט דעם רעדלער, ניט דעם בעקער, ניט דער קנעטערקע, און ניט די וועלגערינס. די באַלעבאַטים, וואָס פלעגן באַשטעלן די מצות אין דער בעקעריי, פלעגן יעדן איינעם פון די אַרבעטער געבן אַ פּאָר רובל. דער מענטש, וואָס איז געשטאַנען ביים אויוון און געזען, אַז די מצה זאָל זיך ניט צוברענען, האָט געקראָגן מערער פון די אַנדערע... דער רעדלער האָט שוין ניט געקראָגן אַזוי פיל. דער טרעגער האָט געקראָגן מערער אפילו פון דעם, וואָס איז געשטאַנען ביים אויוון. די קנעטערקע האָט געקראָגן באַ־צאָלט מערער פון די וועלגערינס. ס'איז אויך געווען אַ וואַסער־גיסער, דאָס איז אַלע מאָל געווען אַ קליין אינגל אָדער אַ קליין מיידל. דער וואַסער־גיסער האָט אויך געקראָגן באַצאָלט ניט פון דעם באַלעבאָס פון דער בעקעריי, נאָר פון די באַלעבאַטים, וואָס האָבן באַשטעלט די מצות. אַז ס'זיינען געווען פאַר־מעגלעכע באַלעבאַטים, וואָס האָבן באַשטעלט די מצות, האָבן די אַרבעטער געקראָגן מער. פון אָרעמערע באַלעבאַטים האָבן די אַרבעטער, פאַרשטייט זיך,

געקראָגן ווייניקער... אַ גרויסע פֿאַמיליע האָט געבאַקן מערער מצות און אַ קלענערע האָט געבאַקן ווייניקער...

אַ חוץ מצות האָט מען געדאַרפֿט באַזאָרגן אויף פּסח אויך ווייַן און פֿלייש און שמאַלץ, און באַקליידן די קינדער... מייַן טאַטע האָט פֿאַר די פֿאַרדינסטן פֿון טראָגן די מצות געדאַרפֿט אַ חוץ אַרייַנברענגען דעם פּסח, אויך געדאַרפֿט באַצאָלן די חובות (כּויוועס) פֿאַרן גאַנצן ווינטער, וואָס ער איז געבליבן שולדיק צו מענטשן... אַז מייַן טאַטע האָט געקראָגן אַ גוטע בעקערייַ, וואו אַ סך פֿאַר־מעגלעכע באַלעבאַטים האָבן באַשטעלט זייער מצות, האָט מייַן טאַטע שוין געקאָנט אַי אַרייַנברענגען דעם פּסח אין שטוב, און באַצאָלן אַלע חובות...

ווען איך בין געווען אַ מיידל פֿון צוועלף יאָר, האָב איך זיך געבעטן בייַ מייַן טאַטן ער זאָל מיך מיטנעמען קיין ביאַליסטאָק צו וועלגערן די מצות. איך האָב זיך געוואָלט באַקליידן אויף פּסח. איך האָב געוואָלט האָבן אַ שיין קליידל און שיינע שיך, ווי אַנדערע מיידלעך... עס איז ניט געווען אַזוי גרינג ווי איך דערצייל אייַך. מען האָט געדאַרפֿט שטיין אויף די פֿיס אין דער בעקערייַ פֿון זיבן אַזייגער אינדערפֿרי ביז אַכט אַזייגער בייַנאַכט...

מייַן פֿאָטער האָט ניט געהאַט גענוג געלט צו דינגען אַ צימער פֿאַר מיר אין ביאַליסטאָק, האָט ער אויפֿגעזוכט מייַן מאַמעס אַ קוזין, אַ וואַסער־טרעגער, וואָס האָט געטראָגן עמער וואַסער אויף אַ קאָראָמיסלע צו אָרעמע באַלעבאַטים און קוים פֿאַרדינט אויפֿן לעבן. ווען מייַן טאַטע האָט מיך אַרייַנגעפֿירט צום וואַסער־טרעגער אין שטוב, איז מיר פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן. עס איז געווען איין צימער, און עס איז געווען אָנגעוואָרפֿן, און ס'איז אויך געווען אַ קליין קינד. די פֿרוי איז געווען ניט קיין שיינע, מיט אַ פֿולן פּנים בראָדעווו־קעס און צעגאָסן ווי אַ קאַטשקע. דער מאַן אירער איז געווען אַ קלייניער און אויפֿגעדרייט אין דרייען פֿון שלעפּן די שווערע עמער וואַסער. אָבער ווי אָרעם דער וואַסער־טרעגער איז געווען, אַזוי גוט איז ער געווען צו מיר; זייַן ווייב אויך. נאָר ווי מלאכים. איך בין געווען בייַ זיי דרייַ וואָכן. ווען איך פֿלעג קומען אַהיים בייַנאַכט, פֿלעג איך מוזן עסן וועטשערע, וואָס די וואַסער־טרעגערקע האָט מיר איבערגעלאָזט. אַזוינע טייערע מענטשן האָב איך נאָך ניט געזען. אָרעמע און פּראָסטע, און אַזוינע גוטע. אַ שאָד וואָס איך האָב פֿאַרגעסן זייערע נעמען. ס'איז שוין אַוועק אַ לאַנגע צייט זינט דעמאָלט, בייַ דרייַ און זיבעציק יאָר. זייערע נשמות זאָלן רוען אין גן־עדן...

.14

איך געדענק, ווי מייַן טאַטע האָט גענומען מייַן קליין ברודערל יהושע וועלוול, אים אייַנגעוויקלט אין אַ טלית, אים געטראָגן אין בית־המדרש

און נאָכדעם אין חדר, כדי ער זאָל אויסוואַקסן אַ גוטער איד און קענען לערנען. לערנען האָט ער טאַקע געקענט, אָבער קיין פרומער איד איז ער ניט אויסגעוואַקסן. מיין ברודער יהושע וועלוועל איז שוין באַלד 83 יאָר אַלט... עס זיינען געשטאָרבן פאַר יהושע וועלוול צוויי קינדער ביי מיינע עלטערן. איז ער שוין געווען אַ ציטעריקער, און דערפאַר האָט מען אים געטראָגן אין טלית אין בית־המדרש, ס'זאָל זיין אַ שמירה... איז ווי איך האָב געזאָגט, ער איז שוין באַלד אַלט 83 יאָר און ער האָט איצט דריי פאַרהייראַטע זין און אַ טאָכטער...

איך בין עלטער פון מיין יהושע וועלוול מיט צוויי און אַ האַלב יאָר. נאָך יהושע וועלוולען זיינען געקומען נאָך קינדער. און איך האָב געמוזט ניאַנטשען די קינדער, ווייל מיין מאַמע איז געווען פאַרנומען מיט מעלקן די קי און פאַשען די בהמות. איך בין דעמאָלט נאָך קיין פינף יאָר ניט אַלט געווען. ביי אונז אין שטוב, ווי איך האָב באַשריבן פריער, איז ניט געווען קיין טאָילעט (אַן אָפטריט) און ניט קיין באָד. מען האָט געבאָדן די קינדער אין אַ צעבער, וואָס מען האָט געגעבן די בהמות עסן... מען האָט געדאַרפט טראָגן די וואַסער פון ברונעם... עס זיינען ניט געווען קיין קראַנען און קיין סינק, ווי דאָ אין אַמעריקע, מען זאָל אַ דריי טאָן די קראַנען און ס'זאָל זיך גיסן וואַסער, קאַלטע און וואַרעמע. מען האָט געמוזט טראָגן פון ברונעם צוויי עמער וואַסער אויף אַ קאַראָמיסלע, און דער ברונעם איז געווען אַ דריי בלאַק ווייטער פון שטוב... זומער צייט פלעגט אַמאָל אויסטריקענען די וואַסער אין ברונעם...

אין צעבער, וואו מען האָט געבאָדן די קינדער, האָבן זיך אויך די דערוואַקסענע אָרומגעוואַשן אויף שבת. דאָס איז געווען אַ הילצערנער צעבער. אין הילצערנעם צעבער האָט מען אויך געוואַשן וועש. מען האָט אָנגעוואַרעמט אַ פאָר עמער וואַסער צוליב דעם. מען פלעגט אויסשווענקען די וועש און דערנאָכדעם פראַצן מיט אַ פראַנעק...

אין באָד פלעגט מען גיין אויף ראש־השנה. די באָד איז געווען אַ וויאָרסט פון דער קאָלאָניע. און אַז מען האָט זיך פאַרגונען איז מען געגאַנגען אויף פסח אויך, אָבער נאָר די מענער. די קינדער האָט מען נאָר גענומען אין באָד אויף ראש־השנה און יום־כפור... אום זומער איז ניט ווייט פון אונז געווען אַ טייכל, געדענק איך, ווי מיר מיידלעך פלעגן גיין צום טייכל וואַשן די גרעט און פראַצן מיט אַ פראַנעק, ניט אויף אַ וואַש־ברעטל, נאָר אויף אַ פשוט ברעטל.

לעבן שטעטל אַדעלסק האָבן געוואוינט די גויים, און זייערע ווייבער פלעגן אין די גרעסטע פרעסט שטייען ביים טייך און וואַשן די גרעט און פראַצן מיט אַ פראַנעק.

די ווייבער פון דער קאָלאָניע זיינען געגאַנגען אין אַ באָד ווען זיי האָבן געדאַרפט גיין אין מקוה (מיקווע) און אַמאָל האָבן זיי געדאַרפט גיין אַלע

מאַנאַט... אין פרעסט און אין שנייען זיינען די ווייבער געגאַנגען... איך געדענק נאָך ווי מיין מאַמע פלעגט מיך מיטנעמען. די ווייבער פלעגן באַצאָלן דעם בעדער צו פינף און צוואַנציק קאָפּיקעס, און ער האָט שוין אָנגעוואַרעמט די וואַסער אין באָד...

דער בעדער איז שטענדיק געווען אַן אָרעמער. דער בעדער האָט געמעגט זיין דער שענסטער מענטש, אָבער מען האָט געהאַלטן אים פאַר ניט קיין חשובן (כאַשעוון) מענטשן. די מיידלעך פלעגן זיך ניט וועלן חברן (כאַווערן) מיט דעם בעדערס מיידל. פאַרוואָס ווייס איך ניט...

אין די גרויסע פרעסט און שנייען, ווען דער וועג איז געווען פאַרשנייט, זיינען די פרומע ווייבער געגאַנגען אין ברונעם פאַר אַ מקוה... דאָס האָט מיין מאַמע מיר אַליין דערציילט... עס פלעגן אויספאַלן גרויסע פרעסט און שנייען גאַנצע בערג. מען האָט געקענט פאַרפאַלן ווערן, אויב מען האָט זיך געלאָזט גיין קיין אַדעלסק אין באָד אַריין. די מענער האָבן אויסגעהאַקט אַ פּאָלאָנקע אין טייך און די ווייבער האָבן זיך געטובלט דאָרטן אָדער אין ברונעם...

אַמאָל האָט מען אויסגעשעפּט דאָס וואַסער פאַר די בהמות, און אַמאָל איז דאָס וואַסער פאַרפרוירן געוואָרן, האָט מען שוין געמוזט גיין אין מקוה אין טייך... מיין מאַמע איז אויך געגאַנגען אין טייך צי אין ברונעם. מיין טאַטע האָט צוגעגרייט די מקוה, וואָס מען האָט געניצט ווינטער אין די גרויסע פרעסט און אין די זאַווערוכעס... זומער איז שוין געווען גרינגער...

איך האָב פאַרגעסן צו שרייבן, אַז דער ברונעם איז געווען זייער טיף און מען האָט געמוזט אַראָפּלאָזן די פרוי מיט אַ שטריק. אַז עס איז ניט געווען צו טיף, האָט מען זיך אַראָפּגעלאָזט אין ברונעם מיט אַ לייטער... די ווייבער האָבן ניט געטאָרט אָפּלייגן אויף אַ טאָג די מקוה. עס וואָלט געווען די גרעסטע עבירה (אַווייריע). מען וואָלט אפשר געגאַנגען אין גיהינום (געהענעם) צוליב דעם...

נאָך דער מקוה האָט דער בעדער געמוזט שטיין ביי דער טיר און די ווייבער האָבן געמוזט קוקן אויף אים. דער בעדער האָט געמוזט זיין אַ פרומער איד. אויב ניט קיין פרומער האָט מען ניט געטאָרט קוקן אויף אים. אויב ס'איז געקו־מען אַנטקעגן דער אייגענער מאַן האָט מען שוין געקוקט אויפן אייגענעם מאַן...

עס איז געווען אַ גרויסע מורא, אַז חס ושלום, מען זאָל ניט באַפאַלן, ווען מען איז אַרויס פון מקוה, ווייל די באָד איז געווען ניט ווייט, וואו די גוים האָבן געוואוינט. האָבן די ווייבער אויסגעפרעגט דעם בעדער, אפשר ווייסט ער, ווער פון די שכנות דאַרפן דעם אָוונט גיין אין מקוה, האָבן זיי שוין געהאַט קאָמפּאַניע... די מענער זיינען דאָך אויך געגאַנגען אַנטקעגן, איז שוין ניט געווען אַזאַ מורא. די מענער האָבן ניט געטאָרט וויסן, אַז דעם שכנס ווייב

איז אויך געגאַנגען אין דער מקוה, אָבער ווען זיי האָבן זיך געטראָפן לעבן דער באָד איז שוין קיין עבירה ניט געווען... דאָס פאַרקוקן זיך פון די ווייבער נאָך דער מקוה אויף אַ פרומען אידן איז געווען אַ סגולה, אַז זייערע קינדער, וואָס זיי וועלן געבוירן, וועלן זיין פרומע אידן...

.15

איצטער גיי איך אייך דערציילן פון מיינע יאָרן, ווען איך בין געווען אַ קינד פון אַכט ביז צען יאָר אַלט... ווי איך האָב געשריבן פריער האָב איך געניאַנטשעט די קינדער... ווינטער צייט האָט מען די קינדער ניט געקאָנט באָדן צו אָפט האָט מען נאָר איינמאָל אַ וואָך, פרייטאָג ערב שבת, אַרומגע־וואַשן די קליינע קינדער. אַז איך דערמאָן זיך אין יענע צייטן, גייט מיר דורך אַ סקרוכע. עס האָבן זיך געשאָטן די לייז פון די קעפּ, ווען איך האָב זיי אַרומגעוואַשן און געבומען קאָמען זייערע האָר. עס האָט אויך געגרונען מאַטעריע פון זייערע קעפּ. זיי זיינען כמעט פאַרפאַרשיוועט געוואָרן. זיי האָבן כמעט געהאַט פאַרכעס, און ס'זיינען געווען אַזוינע וואונדן, אַז מען האָט זיי ניט געקאָנט וואַשן און קעמען. די לייז זיינען אויך געווען אין די העמדלעך און עס האָט געביסן דאָס גאַנצע לייב... שבת האָט מען צייט, האָט מען די קינדער אויסגעלויזן און אויך די גרויסע האָבן זיך אויסגעלויזן...

אויף די קינדער איז געווען אַ גרויס רחמנות (ראַכמאָנעס). די האָר אויף זייערע קעפּלעך זיינען געווען אויסגעלייגט אין קאָלטענעס... ניט נאָר אונזערע קינדער, נאָר די קינדער פון דער גאַנצער קאָלאָניע זיינען געווען פאַרלייזיקט מיט קאָלטענעס. מען פלעגט אויסשמירן זייערע קעפּ מיט שירע מאַשץ און פאַרבינדן מיט שמאַטעס איבער נאַכט. און אינדערפרי אַראָפּרייסן. די גע־שרייען זיינען געווען אין הימל... מען איז געגאַנגען אין חדר אַריין מיט ווייטאָגן, אָבער קיינער האָט זיך ניט געדאַרפט שעמען, ווייל אַלע קינדער האָבן געהאַט אום ווינטער אויסגעשאָטענע קעפּ, און אַלע קינדער האָבן געהאַט קאָלטענעס אויף זייערע קעפּ. קיינער איז ניט געווען קיין יחסן (יאַכסן)... מ'זאָגט, דאָס איז געווען דערפאַר וואָס מ'האָט געניצט אַ סך זאַמד אין הויז. מען פלעגט האַלטן די זאַמד אונטער די בעטן, אונטער די בענק, און אַ סך אויך. די גאַנצע הויז איז געווען זאַמד. מען האָט אָנגעגרייט זאַמד אויף אַ גאַנצן ווינטער. ווינטער צוליבן שניי האָט מען ניט געקענט קריגן קיין זאַמד. דאָך געדענק איך, ווי איך און נאָך מיידלעך, ווען דער שניי איז אַביסל זיך צעגאַנגען, זיינען מיר געגאַנגען זוכן אַביסל זאַמד. אָן זאַמד האָט מען זיך ניט געקאָנט באַגיין, ווייל ס'איז געווען זייער נאַס אין הויז...

איך האָב פאַרגעסן, אַז קיין עלעקטריציטעט איז אויך ניט געווען. נו מיט וואָס האָט מען געקענט מאַכן ליכטיק די הויז? האָט מען געהאַט אַ קעראָסין לעמפּל און דאָס גלעזל איז אימער געווען פאַרקאָפּטשעט און שוואַרץ פון רויך און עס האָט געשטונקען פון קעראָסין. קעראָסין האָט מען גערופן גאַז. די גאַז האָט מען געזשאַלעוועט. איז ווייסט איר וואָס מען האָט געטאָן? מען פלעגט קויפן סאָסנאָווע האָלץ און מען האָט עס געטריקנט, און מען האָט די האָלץ צעשניטן און צעהאַקט און מען האָט געמאַכט דראַזגעס, און די דראַזגעס האָט מען געטריקנט און מען האָט זיי געשפּאָלטן זייער דין, אַזוי ווי פּאַפּיר און שמאָל ווי אַ ברויט־מעסער... מיט די דראַזגעס האָט מען באַלויכטן דאָס הויז. אָבער פון דעם קאָנט איר פאַרשטיין, אַז פון דעם איז אויך געווען אַ פולע הויז מיט רויך. דאָס לעמפּל מיט גאַז האָט מען נאָר געהאַט אויף שבת, און ווען מען האָט געפּליקט פעדערן ביינאַכט...

ווען מען האָט געברענט די דראַזגעס האָט מען מורא געהאַט פאַר אַ פייער. ווען עס וואָלט אויסגעבראָכן אַ פייער וואָלט מען געווען אומגליקלעך, ווייל די הייזער זיינען ניט געווען פאַרסטראַכירט... מען האָט אום ווינטער געפּליקט אַ סך פעדערן, און אַז מען האָט געענדיקט מיט פּליקן די פעדערן, האָט מען זיך גענומען שטריקן זאָקן מיט שקאַרפּעטקעס, מיט הענטשקעס, אויך לייבלעך, ווער עס האָט געקענט, און אַלץ ביי דעם פאַרקאָפּטשעטן לעמפּל...

דאָס וואָס איך שרייב איצט איז געווען אַ 77 יאָר צוריק. איך בין דעמאָלט אַלט געווען ביי אַכט אָדער ניין יאָר. איך האָב שוין געקענט אויסאַרבעטן שיינע טישטוכער און דעקעס אויף די בעטן. איך האָב געקענט אויסנייען פייגעלעך און קאָטשקעס און בלומען, און זיי אויסגעהאנגען אויף דער וואַנט... מען האָט מיך געהאַלטן פאַר אַ געראָטענע. איך באַרים זיך ניט, נאָר אַזוי פלעגט מען זאָגן אויף מיר... שוין אַלס קינד פלעג איך העלפן אין הויז. ווען איך בין אַלט געווען בלויז זעקס יאָר האָב איך שוין געהאָלפן האָדעווען די קינדער.

.16

איך האָב זיך אויסגעלערנט וואַלגערן די מצות נאָך אין דער קאָלאָניע, ווען איך בין געווען אַזוי יונג ווי אַכט יאָר... יעדער באַלעבאָס אין דער קאָלאָניע האָט דאָך געדאַרפט האָבן מצות אויף פסח, פלעגן זיך צענויפקלייבן ביי אַ צען, אָדער צוועלף שכנות, און ווער עס האָט געהאַט דעם גרעסטן אויוון ביי דער האָט מען געבאַקן. מיין טאַטע און מאַמע האָבן דאָך אויך געדאַרפט האָבן מצות אויף פסח זיינען זיי אויך געווען שותפים, און איך האָב געהאָלפן

וועלגערן די מצות... איך האָב פאַרגעסן איך דערציילן, אַז דער מאַן וואָס האָט אויף אַ לאָפּעטע אַריינגערוקט די מצות אין אויוון, האָט מען גערופן זעצער, דאָס הייסט, ער האָט אַריינגעזעצט די מצות אין אויוון...

קנעטן די מצות האָט מען געמוזט גוט קענען. ווען אַ קנעטערקע האָט ניט געקאָנט גוט קנעטן און איבערגעלאָזט אַ פּאָר ברעקלעך, איז געווען חמצדיק די גאַנצע מיירע און מען האָט שוין ניט געטאָרט נוצן... איך האָב געזען ווי די קנעטערקע האָט געקנאָטן און איך האָב זיך באַלד אויסגעלערנט און איך האָב געהאָלפן דער קנעטערקע און זי האָט מיר זייער געדאַנקט...

ביי אונז אין קאָלאָניע איז אויך געווען אַ בעקעריי, וואו מען האָט געבאַקן מצות פאַר אַלעמען, פאַר געלט, און אַלע פאַרמעגלעכע באַלעבאַטים פון דער קאָלאָניע און אַרום די ישובים פלעגן באַקן מצות אין דער בעקעריי... די באַלע־באָסטע פון דער בעקעריי פלעגט צאָלן אַ רובל אַ טאָג. איך פלעג פאַרדינען אַכט אָדער צען רובל אויף פּסח און איך פלעג זיך פאַרן געלט מאַכן אַ פּאָר קליידלעך און אַ מאַנטל. ס'איז געווען אַ גרויסע פרייד, אַז מען האָט זיך געקענט אַליין באַקליידן...

די מענטשן, וואָס האָבן געהאַלטן די בעקעריי, זיינען געווען שוין אַלטע מענטשן. אים האָט מען גערופן דוד לייזער, און איר האָט מען גערופן פּעשע לאה. ער האָט געהאַט פון דער ערשטער פרוי אַ זון, אברהם איצע, און זי האָט געהאַט אַ טאָכטער פון דעם ערשטן מאַן. זי האָט געהייסן ליבע. האָט מען זייביידן חתונה געמאַכט. ליבע איז געווען אַ גרויסע באַלעבאָסטע, ביי איר האָב איך זיך טאַקע אויסגעלערנט צו זיין אַ גוטע וועלגערין... אברהם איצע איז געווען אַ קליין־געוויקסיקער. ער פלעגט אַקערן דאָס פעלד מיט אָקסן. די אָקסן זיינען געווען זייער גרויסע... ליבע מיט אַברהם איצע האָבן געהאַט פינף קינדער — צוויי טעכטער און דריי זין. איין טאָכטער האָט מען גערופן צירל און מיט איר פלעג איך זיך חברן. מיר פלעגן צוזאַמען פאַשען די בהמות אויף די פּאַזעראַנקעס. די צווייטע טאָכטער, חיה פייגל, איז ניט געווען קיין שיינע. זי האָט געהאַט קאָסאָקע אויגן... זייער עלטסטער ברודער, שמואל יאַנקל, האָט חתונה געהאַט אין אַ שטעטל יאַנעווע, ניט ווייט פון דער קאָלאָניע, מיט אַ גבירס אַ טאָכטער. שמואל יאַנקל איז געווען אַ גרויסער למדן און דערפאַר האָט ער געקראָגן אַ גרויסן נדן און עטלעכע יאָר קעסט. אַזוי איז שוין געווען דער מנהג (מינעג), אַז מען האָט נאָר געקראָגן אַ למדן פאַר אַן איידעם, האָט מען שוין דער טאָכטער געגעבן אַ סך נדן און עטלעכע יאָר קעסט... פאַרשטייט זיך, אַז אָרעמע עלטערן האָבן ניט געקאָנט געבן קיין סך נדן, האָבן זיי חתונה געמאַכט זייערע טעכטער פאַר אַרבעטער... דער צווייטער ברודער, מרדכי משה,

האָט געהאַט סמיכות אויף רבנות און חתונה געהאַט מיט זייער אַ רייכנס אַ טאָכטער און האָט געקראָגן גאָר אַ גרויסן נדן מיט צען יאָר קעסט...

מיין חברטע צירל האָט חתונה געהאַט פאַר איינעם פון שטעטל סוכע־וואָלע, אויך ניט ווייט פון דער קאָלאָניע. אירע עלטערן האָבן פאַר איר געקאָנט געבן נאָר דריי הונדערט רובל נדן. דאָס איז אויך געווען שווער פאַר די עלטערן, אָבער מען האָט געמוזט טאָן מיט איר אַ לייטישן שידוך צוליב די ברידער...

קיין דאָקטאָר איז אין דער קאָלאָניע ניט געווען. אַז אַ פרוי איז געגאַנגען צו־קינד, האָט מען גערופן חיה־פעשען, די אַלטע פרוי, וואָס ביי איר אין הויז איז געווען די בעקעריי... זי האָט געהאַט זייער אַ גרינגע האַנט. מען פלעגט זי רופן צו אַ קימפעטאָרין אפילו אין אַדעלסק...

ס'פלעגט זיך אַמאָל מאַכן, וואָס אַ פרוי איז געגאַנגען שווער צו קינד, האָט מען געמוזט ברענגען אַ דאָקטאָר פון קריניק צי פון גראָדנע... ווען מיין מאַמע איז געגאַנגען צו קינד פלעג איך לויפן רופן חיה פעשען, וואָס גיכער. זי איז געווען אַ זעלטענע פרוי, אַ טייערע נשמה... מען האָט גערופן פעשע לאהן: די באָבע... זי איז געווען די באָבע ביי אַלע מיינע שוועסטער און ברידער... ווען זי איז געשטאָרבן, איז איר טאָכטער ליבע געווען די באָבע...

.17

און איצטער וויל איך אייך דערציילן, ווי מען פלעגט טרייבן מענער מיטן עטאַפּ אין רוסלאַנד. איך האָב דאָס געזען מיט מיינע אייגענע אויגן. איך בין דאַן געווען אַ קינד. עס זיינען געווען גרויסע פרעסט און דער שניי איז געווען ביזן דאַך. מען האָט ניט געקאָנט אַרויסגיין פון הויז. די זאַווערוכע פלעגט פאַרטראָגן דעם מענטשן אין דער לופטן. און דאָ האָט מען געטריבן מענטשן מיטן עטאַפּ. און איר ווייסט וואָס עטאַפּ האָט געמיינט? אַז מען האָט געכאַפּט אַן אָרעמען מענטשן אָן אַ פּאַספּאָרט, האָט מען אים געטריבן צו־פוס פון איין דאָרף ביז צום צווייטן, פון איין שטאָט ביז דער צווייטער, הונדערטער מיילן ביז זיין געבורטס־אָרט.

איך געדענק ווי מיר קליינע קינדער פלעגן רחמנות האָבן אויף די אַרעס־טאַנטן און עפּעס זיי אַרויסטראָגן צו עסן. זיי זיינען געווען הונגעריק. איך געדענק אַזוי ווי היינט וואָלט דאָס פּאַסירט... אַז מען האָט זיך מיט עפּעס פאַר־זינדיקט אין רוסלאַנד קעגן געזעץ און אַז מען האָט געכאַפּט, איז געווען אַז אַך־און־ווי דעם געכאַפּטן. מען האָט אָפּגעשלאָגן די לונגען און אַריינגעזעצט אין אַ קאַרצער, וואָס דאָס מיינט, אַ פינצטערער קאַמער...

איך געדענק, ווי מיין טאַטנס אַ ברודער, אַרטשיק, האָט זיך פאַרבאַהאַלטן ביי אונז אויפן בוידעם. דאָרטן איז געלעגן שטרוי, פלעגט ער שלאָפן אין דער שטרוי ביינאַכט אין די גרויסע פרעסט. מיין טאַטע פלעגט אים אַרויפ־טראָגן עסן...

איינמאָל ביינאַכט האָבן מיר דערזען, ווי דער סטאַראָסטע מיט צוויי קאָלאַדניקעס גייען אים זוכן. קענט איר זיך שוין פאָרשטעלן אונזער שרעק. מיין אָנקל האָט זיך אַרויסגעגנב׳עט דורכ׳ן דאַך... פאַרוואָס האָט ער זיך באַהאַלטן? מען האָט אים געזאָלט נעמען אין רעקרוטן. ער האָט אַרויסגעצויגן דעם גרעסטן נומער. אָבער ער האָט מורא געהאַט, אַז ס׳וועט קומען צו זיין נומער, דערפאַר האָט ער זיך באַהאַלטן. אָבער מען האָט אויסגעפילט די מאָס רעקרוטן און ס׳איז ניט געקומען צו זיין נומער, און ער האָט ניט געדאַרפט גיין דינען...

.18

איצטער גיי איך שרייבן וועגן מיין לעבן פון דרייצן־פערצן יאָר ביז אַכצן. ווי איך געדענק איז מיין טאַטע אַוועק קיין ביאַליסטאָק אַרבעטן אין אַ פאַרבאַרניע. פון פעלד האָט ער ניט געקאָנט ציען קיין חיונה... אין דער פאַרבאַרניע האָבן געאַרבעט נאָך עטלעכע פון דער קאָלאָניע, וואָס האָבן אויך ניט געקאָנט ציען קיין חיונה (כיאונע) פון זייערע פעלדער. איין קאָלאָניסט האָט געוואוינט די אַנדערע הויז פון אונז. מען האָט אים גערופן יהושע עטקעס. זיין מאַמען האָט מען גערופן עטקע. אַזוי פלעגט מען רופן איינער דעם אַנדערן; אָדער צוגעבן דער מאַמעס נאָמען אָדער דעם טאַטנס נאָמען. דער דאָזיקער יהושע עטקעס איז אַוועק פריער פאַר מיין טאַטן קיין ביאַליסטאָק צו אַרבעטן אין דער פאַרבאַרניע, און ער האָט שוין פאַר מיין טאַטן אויך אויסגעבעטן אַ פלאַץ דאָרטן צו אַרבעטן...

און איר ווייסט וויפיל זיי האָבן פאַרדינט אַ וואָך? דריי און אַ האַלב רובל. און געאַרבעט האָבן זיי פון זעקס פאַרטאָג ביז זעקס פאַרנאַכט... אין דער זעל־בער פאַבריק האָט אויך געאַרבעט מיין טאַטנס אַן עלטערער ברודער... דעם פאַבריקאַנט האָט מען גערופן אַרקע סאַראַסקע, דער גרעסטער פאַבריקאַנט אין ביאַליסטאָק. די פאַבריק איז געווען אַ פאַר וויאָרסט פון שטאָט. דער הויף איז געווען מיילן די לענג און די ברייט. עס איז דאָרטן געווען אַ פאַראָווקע מיט מאַשינעס. ס׳האָבן דאָרטן געאַרבעט הונדערטער מענטשן...

מיין טאַטע האָט מיך גענומען צו זיך מיך אויסלערנען עפּעס אַן אַרבעט. מיין טאַטע האָט מיר אָפּגעדונגען צו שטיין קוואַרטיר אין הויף פון דער פאַב־

ריק, ביי אַן אָרעמען וועבער, פאַר פערצן קאָפּיקעס אַ וואָך. דעם וועבערס ווייב האָט געשפּולט קעטע. דעם וועבערס ווייב האָט מיך אויסגעלערנט צו שפּולן די קעטע אויף די גרויסע שפּולעס. אַז איך האָב זיך אויסגעלערנט צו שפּולן האָט מען מיר שוין געגעבן אַ פּלאַץ צו אַרבעטן. עס איז מיר געווען אַזוי שווער צו דרייען דאָס שפּין־רעדל מיט דער וואָל, אַז עס פלעגן זיך מיר פּלאָנטערן די פּאַסמעס מיט דער וואָל... פון דער וואָל זיינען געווען קאָניצעס, און אַז עס האָט זיך מיר געפּלאָנטערט, פלעג איך אַראָפּרייסן גאַנצע שטיקער און אַריינלייגן צווישן די קאָניצעס. אַז מען האָט איבערגעקליבן די קאָניצעס האָט מען געזען אַז ס'איז דאָ צופיל איבערגעפירטע וואָל... מען האָט מיך אָפּ־געזאָגט. ווען איך האָב געאַרבעט לעבן טאַטן אין אייגענעם הויף, פלעגט מיין טאַטע און אַנדערע פון דער פּאַרבאַרניע קאָכן פאַר זיך עסן. האָט מיין טאַטע געקאָכט אַביסל מער און איך פלעג קומען צום טאַטן און אָפּעסן. מ'שטיינס געזאָגט, וואָס מען האָט שוין געהאַט וואָס צו עסן...

איך האָב איך שוין דערציילט, אַז מיין טאַטע און די אַנדערע אַרבעטער פלעגן קריגן דריי און אַ האַלב רובל אַ וואָך שכירות. האָבן זיי געדאַרפט נאָך שפּאָרן און שיקן פאַרן ווייב און קינדער... זיי פלעגן גיין זונטאָג אין שטאָט און אָנקויפן אויסגעבאַקענע גראָבע ברויט, גרויפּן אויף אויפצוקאָכן אַביסל קרופּניק, אַ פּאָר הערינג מיט ליאַק, און אַביסל בולבעס, און טונקען די בולבעס אין ליאַק און פאַרבייסן מיט אַ שטיקל הערינג, וואָס דאָס איז שוין געווען אַ לוקסוס.... אויף שבת האָבן זיי געקויפט פלייש און אַנדערע גוטע זאַכן, און עס איז שוין געווען כיד המלך (קעיאַד האַמעלעך)...

ווען איך האָב געאַרבעט לעבן טאַטן אין דער זעלביקער פאַבריק, האָט מיר שוין דער טאַטע אָנגעדונגען שבת עסן ביים וועבערס ווייב. ווען איך האָב אָבער פאַרלוירן מיין שטעלע, איז מיר שוין געווען זייער שלעכט. איך בין דעמאָלט נאָך קיין פופצן יאָר ניט אַלט געווען. איך האָב געזוכט אַרבעט אין די פאַבריקן נאָענט לעבן טאַטן, אָבער איך האָב דאָרטן ניט געקאָנט אַרבעטן. דאָס זיינען געווען גויאישע פאַבריקן, און מען פלעגט אַרבעטן זייער שפּעט און עס איז געווען אַ סכנה (סאַקאָנע) צו גיין אַהיים ביינאַכט... איך בין געגאַנ־גען אין שטאָט זוכן אַרבעט, אָבער ס'איז מיר אָנגעקומען זייער שווער, איידער איך האָב געקענט עפּעס פאַרדינען...

.19

איצטער וועל איך באַשרייבן דעם פאַבריקאַנט, אַרקע סאַראַסקע, וואָס האָט געצאָלט דריי און אַ האַלב רובל די אַרבעטער. ער איז געווען אַ גרויסער חסיד. פלעגט פאָרן צום וואָלאָזשער רבין. ער פלעגט ניט קוקן אויף קיין

ווייבער, אָבער אַז ער האָט דערטאַפּט אַ יונג מיידל אַליין, האָט מען שוין געהאַט גרויסע צרות ביז מען האָט זיך אַרויסגעקריגן פון זיינע הענט. און אַזוי איז געווען די גאַנצע פאַמיליע, די זין און די איידימס, פאַרשטעלטע חסידים, און אַלע רייכע הולטייעס...

די מיידלעך האָבן זיך שוין דערוואוסט איינער פון דער אַנדערער, אַז מען טאָר אַליין ניט גיין אין קאַנטאָר פון דער פאַבריק... און אַזוינע מיליאָנערן האָבן דאָס געצאָלט דריי און אַ האַלבן רובל אַ וואָך צו אַ פאַמיליע־מאַן... אָבער מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער זיינען שוין די מענטשן געוואָרן קלוגער און מען האָט שוין אָנגעהויבן צו סטרייקן, און אויף די באַלעבאַטים איז אָנגעקומען אַ צרה. אָבער ס'איז זיי נאָך אַלץ געווען בעסער ווי די אַרבעטער...

איצטער וועלן מיר צוריקגיין צו דער צייט, וואָס מען האָט מיך אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט... מיין טאַטע איז געגאַנגען אין שטאָט צו זוכן פאַר מיר אַ סטאַנציע. פאַר אַ צימער האָט מען געדאַרפט צאָלן אַ רובל אַ חודש. איז ווי האָב איך געקענט צאָלן אַ רובל אַ חודש, אַז איך האָב ניט פאַרדינט... האָט מען מיין טאַטן געזאָגט פון עפּעס אַ פּלאַץ, וואו עס האָבן געוואוינט אַ ווייבל מיט איר מאַן, מיט איר קליין מיידעלע... דער מאַן איז געווען אַ גרויסער נאַר און טאַקע אַן אידיאָט. דאָס קליינע מיידעלע זייערס איז אויך געווען אַן אידיאָטקע, ווי איר טאַטע. דער מאַן איז דווקא געווען אַ רייכנס אַ זון, און די ווייב איז געווען פון אָרעמע עלטערן. האָט מען דאָס פאַרשלייערט דעם אידיאָט מיט דער אָרעמער מיידל. דער רייכער פאָטער האָט צוגעזאָגט אַלע גליקן אַבי דאָס אָרעמע מיידל זאָל חתונה האָבן פאַר זיין אידיאָט דעם זון. דער רייכער פאָטער האָט געהאַט אַ הויף מיט הייזער. איז אין הויף געווען אַ קליין שטיבעלע פון דער צווייטער זייט, וואו די שכנים האָבן געוואַשן זייערע וועש... אין דעם שטיבל האָבן דאָס געוואוינט דאָס ווייבל מיט דעם מאַן, מיטן מיידעלע. עס איז נאָר געווען איין צימער און קיין אָפּטריט, אָדער ווי מען רופט דאָס אין אַמע־ריקע, אַ טאָאילעט, אויך ניט געווען. עס איז געווען אַ גרויסער פּאַרקאַן, האָט מען אויפגעעפנט אַ ברעט און דאָס גענוצט פאַר אַן אָפּטריט...

אין דעם שטיבל האָט דאָס אָרעמע ווייבל געהאַלטן צוויי מיידלעך, איך און נאָך אַ מיידל. מיר זיינען ביידע געשלאָפן אין איין בעט, און וואָס פאַר אַ בעט! דאָס איז געווען מיט אַ ביסל שטרוי צעריבענע... אוי איז דאָס געווען אַ לעבן אַזוי ווי רעטאַך... איך האָב זיך געמאַטערט אַ לאַנגע צייט. קיין סך אַרבעט האָב איך ניט געקריגן. איך האָב זיך געלערנט פאַר אַ שערערקע. און צו זיין אַ שערערקע דאַרף מען אַ „פול", ווי מען זאָגט אין אַמעריקע... האָב איך קיין אַרבעט ניט געקענט קריגן צו שערן קעטען, פלעג איך שפּולן אַביסל קעטע. דאָס איז מיר ניט געפעלן, האָבן איך זיך אויסגעלערנט צו נופּן

די שטיקער טוך, ווען זיי זיינען פּאַרטיק געוואָרן פון וועבער. מען האָט גע־דאַרפט אַרויסנעמען די קניפּלעך, קיין לעכלעך זאָלן ניט זיין. איז פון אַ סך מלאכות געווען ווינציק ברכות...

אַז מען איז געקומען אַהיים פון דער אַרבעט, האָט מען דאָך געדאַרפט עפּעס אָפּצועסן. די באַלעבאָסטע איז געווען אַ גוטע און זי האָט שוין צוגעגרייט אַביסל וועטשערע. און געצאָלט האָב איך איר אינגאַנצן פופצן קאָפּיקעס אַ וואָך. וואָס פאַר אַ סאָרט וועטשערע דאָס איז געווען, איז שוין אַן אַך־און־וויי, אָבער אַבי מען האָט געהאַט די נשמה צו דערהאַלטן. אויף שבת פלעגט זי אויך צוגרייטן פאַר מיר עפּעס עסן...

איך האָב פאַרגעסן צו דערציילן, אַז דאָס בעט איז געווען אַ שלאָפבאַנק, געהאַלטן דאָס קינד דאָרטן און ס'איז געווען נאַס אויך, אָבער אַז מען קאָן ניט אַריבער מוז מען אַרונטער...

מיינער אַ יונגערער ברודער, יהושע וועלוול, האָט געלערנט אויף דער זעלבער גאַס אין בית המדרש און ער איז געקומען עסן שבת מיט מיר. האָב איך שוין געדאַנקט גאָט זאָל שוין זיין אַזאַ סטאַנציע, אַבי ביי אַ גוטער באַלעבאָסטע...

הינטער דעם שטיבל איז געווען אַ פּראַטשקאַרניע. פלעג איך זונטאג וואַשן מיינע וועש און אויך מיין ברודערס, און דאָס האָט מיך געמאַכט צו וואוינען אין אַזאַ אָרעמען פלאַץ... אַז עס האָט מיר דערעסן פלעג איך נעמען און אַוועקפאָרן אַהיים אויף אונזער קאָלאָניע... אָפּגעווען דאָרט אַביסל צייט און פלעג ווידער פאָרן קיין ביאַליסטאָק... אויף שניט־צייט בין איך אָבער אַלעמאָל געפאָרן אַהיים שניידן די תבואה, דאָס איז געווען נויטיקער, ווי אַרומשלעפּן זיך און ניט האָבן קיין אַרבעט...

.20

די גאַנצע צייט, וואָס איך האָב זיך געמאַטערט צו געפינען עפּעס אַרבעט אין ביאַליסטאָק, האָב איך געוואוינט ביי דער דאָזיקער פרוי מיטן אידיאָטישן מאַן. און ווען איך האָב ניט געהאַט צו צאָלן, האָט זי מיר געגלויבט. און אפילו ווען זי האָט שוין געהאַט דריי קינדער האָב איך מיט נאָך אַ מיידל נאָך אַלץ געוואוינט ביי איר. און אַז איך פלעג אַוועקפאָרן אַהיים און קומען צוריק, איז געשטאַנען דאָס פלאַץ ליידיק... ניט אַלע מיידלעך האָבן דאָס געוואָלט וואוינען אין אַזאַ פינצטערן פלאַץ...

מיין טאַטן פלעג איך זען נאָר איינמאָל אַ וואָך, שבת. ס'איז געווען צו־

ווייט צו זיין פאַבריק... ער פלעגט מיט די אַנדערע אַרבעטער, אונזערע שכנים אין דער קאָלאָניע, וואָס האָבן צוזאַמען געאַרבעט אין דער פאַרבאַרניע, קומען אין שטאָט... זיי פלעגן זיך צונויפנעמען אין אַ פלאַץ, וואָס דאָ אין אַמעריקע רופט מען דאָס אַ רעסטאָראַן, דאָרטן האָט מען דאָס גערופן אַ גאַרקיך... עס איז געווען אַ קליינער פלאַץ, און די באַלעבאָסטע איז געווען אַן אַלטע פרוי, אָבער זייער אַ גוטע. אַלע פלעגן זיך דאָרטן טרעפן. איך פלעג זיך אויך דאָרטן טרעפן מיט מיין טאַטן... לאה האָט זי געהייסן די באַלעבאָסטע פון דער גאַרקיך, און זי איז געווען אַ טויבע, און זי האָט נעבעך ניט געקאָנט הערן. מען האָט געדאַרפט שרייען צו איר.

ביי לאהן אין גאַרקיך האָט געדינט אַ מיידל פון אונזער קאָלאָניע. זי איז געווען די טאָכטער פון יהושע עטקעס, וואָס האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט מיין טאַטן אין דער פאַרבאַרניע... און דאָ וויל איך דערציילן, אַז סיי מיין טאַטע, סיי יהושע עטקעס, סיי אַנדערע אַרבעטער פלעגן שלאָפן אין דער פאַבריק, זיך אויסגעבעט מיט וואָל און זיך צוגעדעקט מיט זייערע קאַפאָטקעס, אָדער מיט אַלטע קאָלדרעס, וואָס מען האָט געבראַכט פון דער קאָלאָניע...

וועגן דעם יהושע עטקעס, וועלכער האָט געוואוינט די צווייטע הויז פון אונז אין דער קאָלאָניע, געדענק איך נאָך, ווי זיין ווייב איז געגאַנגען צו־קינד, און מען האָט געמוזט ברענגען אַ דאָקטאָר פון קריניק, צוויי מייל פון אונזער קאָלאָניע... איך געדענק נאָך, ווען דער דאָקטאָר איז געקומען זיינען אַלע פון דער קאָלאָניע זיך צונויפגעלאָפן און געקוקט אויף אים. דער דאָקטאָר פון קריניק, זייער אַ גרויסער דאָקטאָר, האָט שוין יהושע עטקעס ווייב ניט גע־האָלפן. ווען ער איז געקומען איז שוין געווען צו שפעט... איך געדענק נאָך וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן... אַ לאַנגע צייט האָט מען ניט געקענט פאַרגעסן דעם טרויער, ניט נאָר ביי יהושע עטקעס פאַמיליע, נאָר ביי אַלע אין אונזער קאָלאָניע... זעקס קינדערלעך יתומימלעך זיינען געבליבן, און האָבן זיך נעבעך אַרומגעוואַלגערט... אין עטלעכע חדשים אַרום האָט יהושע עטקעס חתונה געהאַט מיט זיינער אַ קוזינע, אַן עלטער אַרעם מיידל... חיה טאַמאַרע, אַ מיידל פון פערצן יאָר, האָט ניט געקאָנט אויסקומען מיט איר שטיף־מאַמע, האָט איר טאַטע, יהושע עטקעס, איר גענומען קיין ביאַליסטאָק און איר אַוועקגעגעבן דינען אין לאהס גאַרקיך. זי איז דאָך געווען אַן עלנטע, פלעג איך פון צייט צו צייט קומען צו איר... די לאה פון דער גאַרקיך איז דאָך געווען אַ גוטע. איז אַז איך פלעג קומען פלעגט זי הייסן חיה טאַמאַרען מיר געבן עפּעס עסן. זי האָט געוואוסט אַז איך פאַרדין זייער ווייניק... די דאָזיקע לאה האָט מיך נאָך געקאָנט פון פריער, ווען איך און מיין טאַטע האָבן געאַרבעט אין ביאַלי־סטאָק ביי מצות אין דער פעקאַרניע, וואו זי איז געווען אַ שותפטע...

אין לאה׳ס גאָרקיך פלעגן אַמאָל קומען שלעכטע גנבים. האָט לאה געהיט חיה טאַמאַרען פון זיי. זי האָט איר געהיט בעסער ווי אַן אייגענע מאַמע... איר גאָרקיך איז געווען אין סאַמע מאַרק, לעבן שטאָט־זייגער.

.21

איך האָב פאַרגעסן צו דערציילן, ווען איך האָב פאַרלוירן מיין פלאַץ אין דער פאַבריק פון אַרקע סאַראַסקע, האָט מיך אַ שוועסטער־קינד פון דעם וועבער, ביי וועמען איך האָב פריער געוואוינט, זייער אַ גוט מיידל, מיך געלערנט בופן די שטיקער טוך, וואָס זיינען פאַרטיק געוואָרן פון וועבער. מען האָט געדאַרפט אַרויסנעמען די קניפלעך, עס זאָלן ניט בלייבן קיין לעכער. און אויב דער וועבער האָט אַריינגעוועבט צוויי פעדים פאַר איינעם, האָט די נופערקע געדאַרפט אַרויסנעמען און פאַרריכטן, אַז עס זאָל ניט זיין קענטיק. און אויב אין אַנדערע ערטער זיינען געווען לעכער, האָט די נופערקע געדאַרפט פאַרשטאָפן... דאָס איז מיר נאָך ניט געווען גענוג. איך האָב געוואָלט זיך אויסלערנען צו זיין אַ שערערקע. אַ שערערקע איז בעסער. עס איז שווערער, אָבער מען קאָן מער פאַרדינען... און אין לאה׳ס גאָרקיך פלעגן זיך צונויפקומען אַלע שבת אונזערע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער פאַבריק. מען האָט אין דער גאָרקיך געגעסן טשאָלענט. מען פלעגט עסן דעם טשאָלענט אויף באָרג, ווייל מען האָט דאָך ניט געטאָרט צאָלן קיין געלט אום שבת לויט דעם אידישן דין. האָב איך איינמאָל אַ שבת דאָרטן געטראָפן אַ קאָלאָניסט, משה קינזעס. ער האָט געוואוינט אַן אַכט שטיבער פון אונז... און גראַדע איז זיין ווייב נחמה מיט מיין מאַמען געווען צעקריגט... נחמהס אינגל, אַורעמל, האָט זיך צעשלאָגן מיט מיין ברודער יהושען. ער האָט געוואָרפן אַ שטיין און האָט געטראָפן מיין ברודער אין פוס. עס האָט גלייך אָפגעשפּרונגען די הויט פון ביין און עס האָט אָנגעהויבן צו פוילן, און עס איז געוואָרן ווילדפלייש. קיין דאָקטאר, ווי איר ווייסט שוין, איז אין דער קאָלאָניע ניט געווען, נאָר אַ פעלדשער, און דער פעלדשער האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס עס איז מיטן פוס, ביז עס האָט שוין געפוילט. איז מיין מאַמע מיט דער נחמהן זיך געווען די ערגסטע שונאים...

איך געדענק, ווי מיין מאַמע איז געפאָרן מיט מיין ברודער צום גרויסן דאָקטאר פּראַגע אין ביאַליסטאָק. פּראַגע האָט געמאַכט אַן אָפּעראַציע אויף מיין ברודערס פוס און עס איז געווען אַ דערפאָלג. ער האָט נאָכדעם שוין געקאָנט גיין, אָבער עס איז געבליבן אַ סימן אַ סך יאָרן. מיין ברודער, וועמען איך באַשרייב, איז איצט אַלט דריי און אַכציק יאָר...

איצטער ווען איך זיך אומקערן צוריק צו משה קינזעס. ניט געקוקט דאראויף, וואָס מיין מאַמע און זיין ווייב זיינען געווען שטאַרק ברוגז, איז ווען ער האָט מיך באַגעגנט אין לאה'ס גאַרקיך, געווען זייער פריינדלעך צו מיר. ער האָט מיר געטאָן זייער אַ גרויסע טובה (טויווע). דער משה קינזעס איז געווען אַ הויכער מיט אַ לאַנגער באָרד און אַ שיינער אויך. ער איז געווען אַ וועבער און די וועבער האָבן דאַן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין ביאַליסטאָק... איך האָב זיך באַקלאָגט פאַר אים, אַז ס'איז מיר זייער שווער צו קריגן אַרבעט און אַז ווען איך וואָלט זיך אויסגעלערנט צו שערן קעטן, וואָלט מיר אפשר געווען בעסער. איך האָב זיך אויך געקלאָגט פאַר אים, אַז איך ווייס ניט צו וועמען זיך צו ווענדן. זיך לערנען שערן דאַרף מען דאָך האָבן אַ גוטע רעקאָמענדאַציע פון עמיצן, אַ פּול, ווי מען זאָגט אין אַמעריקע. ער האָט מיך אויסגעהערט און געזאָגט, אַז אין אַ וואָך אַרום וועט ער קומען צו לאהן אין גאַרקיך עסן טשאָלענט, און איך זאָל אויך זיין, אפשר וועט ער עפּעס האָבן פאַר מיר...

הכלל, ער איז געקומען דעם צווייטן שבת מיט גוטע נייעס, אַז די שערערקע אין דער פאַבריק, וואו ער אַרבעט, האָט אים צוגעזאָגט, אַז זי וועט מיך לערנען שערן. ניט אין אַלע פאַבריקן האָט מען געקענט לערנען. אין דער פאַבריק האָט די שערערקע יאָ געקענט לערנען, ווייל איר ברודער איז דאָרטן געווען דער מייסטער... זי איז געווען די כלה פון איינעם אַ וועבער אין דער זעלביקער פאַבריק, מיטן נאָמען אפרים איצי יאַנער. זיין טאַטן האָט מען גערופן איצי יאַנערס...

אפרים איצי יאַנערס כלה האָט מיך געלערנט שערן די קעטעס. נאָכן די טוך האָב איך שוין אויך געקאָנט. איז ווען איך האָב זיך געלערנט, האָב איך אין יענער פאַבריק גענופּט אַ פּאָר שטיקער טוך אַ וואָך. אָבער צו פאַרדינען אויפן לעבן איז געווען זייער שווער. אפילו ווען איך האָב זיך שוין אויסגעלערנט שערן. מען האָט געדאַרפט קריגן ערגעץ אַ פאַבריק, וואָס זאָל דיך וועלן פאַר אַ שערערקע. אָבער קיין פאַבריק ניט געקאָנט קריגן. נאָך ניט געווען באַקאָנט אין שטאָט. געווען דעמאָלט אַ יונגע מיידל פון פופצן יאָר. אַמאָל ענדע וואָך פלעג איך יאָ קריגן אָפּשערן אַ צוויי קעטן, אויסנופּן אַ פּאָר שטיקער טוך. ס'איז שוין געווען ביי מיר אַ יום־טוב. ניט אַזוי דער פאַרדינסט, ווי דאָס פאַרגעניגן, וואָס איך קאָן שוין אָפּשערן אַ קעטע אַליין. זיין אַ שערערקע איז זייער אַ פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט. מען קאָן אַמאָל איבערפירן אַ קעטע, און אַ קעטע קאָסט אַ סך געלט...

דערווייל איז געוואָרן סלעק, ווי מען זאָגט דאָ אין אַמעריקע. ניט געווען קיין סך אַרבעט, און פאַרלוירן אפילו דאָס ביסל אַרבעט, וואָס איך פלעג קריגן אַלע דאָנערשטאָג און פרייטאָג. וואָס זאָל איך אייך דערציילן, מיר איז מיאוס

געוואָרן זיך צו שלעפּן פון איין פאַבריק צו דער צווייטער זוכן אַרבעט. קיין שערערקעס דאַרף מען אין אַ פאַבריק ניט האָבן קיין סך. צו צען וועבער דאַרף מען האָבן איין שערערקע. שפּולערקעס דאַרף מען האָבן צו צוויי וועבער. איך בין אין כעס געוואָרן און אַוועקגעפאָרן אין דער קאָלאָניע. דערוויל זיך אָפּגעוואוינט פון דער אַרבעט און פון די פאַבריקן, און ווען איך בין געקומען צוריק קיין ביאַליסטאָק איז שוין געווען פאַר מיר פיל ערגער צו קריגן אַרבעט...

.22

איצטער הייבן זיך אָן מיינע ריכטיקע צרות:

מיין טאַטן האָט מען אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט, דאָס הייסט, פון דער פאַרבאַרניע, און ער איז גֶעקומען צוריק אין דער קאָלאָניע. ער האָט געקויפט אַ פערדל. קיין גוטן פערדל האָט ער ניט געקאָנט קויפן, נו, האָט ער געקויפט אַ ביליגערן און אַ מאָגערן, ווייל אַ גוט פערדל האָט געדאַרפט קאָסטן אַ סך געלט. מיין טאַטע האָט גענומען אַקערן מיטן פערדל דאָס ביסל פעלד וואָס ער האָט געהאַט. קיין גוט עסן האָט מען דעם פערדל ניט געגעבן. כדי אים געבן גוט עסן האָט מען געדאַרפט קויפן האָבער, און צו קויפן האָבער האָט מען געדאַרפט האָבן געלט און קיין געלט איז ניט געווען. האָט מען געבאַרט דאָס פערדל. מען האָט אים געגעבן שעצקע, דאָס הייסט, געהאַקטע שטרוי געמישט מיט אַביסל האָבער. האָט דאָס פערדל געזאָגט, אַז מען גיט מיר ניט קיין האָבער וועל איך ניט גיין, און טוט מיר עפּעס. האָט דאָס טאַקע אויסגעפּירט און ניט געגאַנגען. און אַז מיין טאַטע איז געגאַנגען אַקערן דאָס פעלד, האָט ער געמוזט שטופּן די סאָכע מיטן פערדל צוזאַמען...

אין אַדעלסק האָט געוואוינט אַ מאַן, וועמען מען האָט גערופן שכר (סאָכער). ער פלעגט האַנדלען מיט תבואה. פלעגט ער קומען צו מיין טאַטן ער זאָל אים פירן די תבואה קיין גראָדנע. און ווען מיין טאַטע האָט ניט געדאַרפט אַרבעטן אין פעלד, האָט ער געפירט שכר׳ס תבואה קיין גראָדנע און אויף צוריק האָט ער געפירט פּראָדוקטן צו די קראָמען אין אַדעלסק...

דער שכר האָט אויך געהאַט אַ קליין קרעמל און אַ שטיקל שענקל און ער איז געווען אַ יחסן. זיין טאַטע איז געווען אַ גרויסער למדן און איז געזעסן אין בית־המדרש און געלערנט און געלערנט. רעב שמואל האָט מען אים גערופן. זיין ווייב האָט געהייסן פעשע און האָט געהאַט אַ בעקעריי. איך געדענק נאָך, ווען איך בין געווען אַ קליין מיידל, האָט מיין מאַמע מיך געשיקט צו פעשען פאַרקויפן אַ פאָר פונט פוטער און עטלעכע קעזלעך, און געקויפט ביי איר ברויט אָדער חלה אויף שבת.

דער שכר, מיין טאַטנס גוטער פריינט, האָט אויך געקענט לערנען, אָבער ער האָט ניט געהאַט קיין צייט. ער פלעגט אַ סך האַנדלען. ער איז געווען אַ גרויסער אָרעמאַן און אַ דרייקאָפּ. ער האָט געהאַט אַ ווייב, איז זי געווען זייער אַ גראָבע, און ער איז גראַדע געווען אַ קליינער. ער האָט אויך געהאַט דריי מיידלעך, אויך גראָבע און זייער פעטע... איך פלעג קומען צו אים אין קרעמל קויפן גאַזע, ליכט און צוקער, און איך האָב געטראָגן אַהין פוטער און קעזלעך צו פאַרקויפן... מיין מאַמע האָט געמאַכט זייער גוטע קעזלעך און האָבן געהאַט אַ שם פאַר די בעסטע...

.23

איך וועל איצטער אַביסל באַשרייבן דאָס שטעטל אַדעלסק:

אינמיטן שטעטל איז געווען דער מאַרק, אַ גרויס שטיק פלאַץ. דאָס שטיק פלאַץ איז געווען פון ערד און געקאָפּט, עס זאָל זיין טרוקן אום ווינטער צייט, ווייל עס זיינען געווען יאַרידים כמעט יעדע וואָך. פון די יאַרידים האָבן די אידן דאָרטן געמאַכט אַ לעבן. די יאַרידים פלעגן פאָרקומען זונטאג און דאָנער־שטאג... די גויים האָבן געבראַכט אין שטעטל אין פאַרשיידענע הייזער וואָל צו מאַכן זאָקן, שקאַרפעטקעס, און די מיידלעך האָבן פון דער אַרבעט פאַרדינט אויף זיך צו קליידן. און דער גוי צי די גויע, וואָס האָט געבראַכט וואָל אין אַ הויז, האָט ער, אָדער זי, געקויפט דאָרטן אַביסל וואָדקע צו טרינקען איז קיין ניכטערע איז מען ניט אַרויס פון הויז...

אַנדערע גויים פלעגן קומען אויפן יאַריד אין אַדעלסק קויפן אַ קעלבל, צי אַ שעפּסל, צי אַ קו, צי אַ פערדל. די גויים פלעגן קומען פון אַרום די דערפער צו פאַרקויפן זייערע פראָדוקטן: אייער, פוטער, עופות, קעז, קאָרן, ווייצן־מעל אויף ברויט, אַרבעס, לינדזן — אַלץ וואָס די אידן האָבן נאָר געדאַרפט... אַז מען האָט נאָר געהאַט געלט צו קויפן, האָבן די אידן שוין געהאַט פון אַלדאָס גוטס. ס'זיינען אָבער געווען זייער אַ סך אָרעמע און קראַנקע אידן...

די פאַרמעגלעכע אידן אין שטעטל, ניט קיין סך, האָבן שוין געהאַנדלט גרויס. זיי האָבן געהאַט אַ סך געלט און זיי האָבן געליען דעם גוי אויסצוצאָלן מיט פראָצענט... דער גוי האָט געוויינלעך געבאָרגט געלט ביז נאָך סוכות, ווען ער נעמט אַרונטער פון די פעלדער... ווער עס האָט ניט געקאָנט געבן דעם גוי אויף באָרג האָט ניט געקענט מאַכן קיין סך מסחר (מיסכער)... זיינען אין שטעטל געווען בלויז אַ פאָר אַזוינע הענדלערס, וואָס האָבן געמאַכט גרויסע געשעפטן, און די אַנדערע האָבן זיך געמאַטערט, ווי ביי אונז אין דער קאָלאָניע.

די קאָלאָניסטן וואָס האָבן געהאַט אַ סך פעלד און האָבן דאָס אַלץ פאַראַקערט און פאַרזייט, און זיי האָבן געהאַט קי, אָקסן און פערד, איז זיי געווען גוט, אָבער ווער עס האָט געהאַט אַ קליין שטיקל פעלד איז טאַקע געווען זייער אַרעם.

אין שטעטל זיינען געווען עטלעכע שניט־קרעמער. איך האָב זיי אַלע געקענט. די וואָס האָבן ניט געקענט געבן דעם גוי אויף באָרג האָבן קוים געמאַכט אַ לעבן...

אין אדעלסק איז געווען אַ גרויסע צערקווע, אַ קלויסטער. די צערקווע איז געשטאַנען ביי אַ זייט לעבן מאַרק. פון אַרום אַלע דערפער זיינען די גויים געקומען מיטן זובריצער וועג זונטאג צום קלויסטער און זיי האָבן אָנגעבראַכט אין שטעטל אַ סך זאַכן צום פאַרקויפן...

דער זובריצער וועג איז געווען לעבן אונזער הויז. פלעגן מיר זיך אַרויסכאַפן און קויפן ביי די דורכפאָרנדיקע גויים אייער, הינער, קעלבלעך, שעפסלעך, וואָל געשפונענע... ביי אַנדערע האָט מען געקענט קויפן לעבן אונזער הויז; אַנדערע האָבן ניט געוואָלט פאַרקויפן, זיי האָבן געמיינט אַז אויפן מאַרק אין אַדעלסק וועלן זיי פאַרקויפן זייערע פראָדוקטן פאַר מער געלט.

אַז די גויים זיינען געקומען קיין אַדעלסק, זיינען זיי פריער אַריין אין צערקווע זיך מאַליען, דערנאָכדעם זיינען זיי אַרויסגעגאַנגען מאַכן מסחר. דערנאָך זיינען זיי אַריין אין די שענקלעך און זיך גוט אָנגעטרונקען. כמעט יעדע הויז איז שטעטל האָט געהאַט אַביסל בראָנפן צו פאַרקויפן...

דאָנערשטאג איז געווען דער גרעסערער יאַריד. דאָנערשטאג האָט מען אויפן מאַרק געהאַנדלט מיט אָקסן, קי, קעלבער, גענז און קאַטשקעס... איך געדענק איינע אַ פרוי, זי איז געווען פון אונזער קאָלאָניע. ווען זי איז געוואָרן אַן אַלמנה, האָט זי זיך איבערגעקליבן קיין אַדעלסק און געהאַנדלט מיט ליימענע כלים, טעפ, קריגלעך, שיסלען, טעלער, לאָדיזשטשיקעס, און אַנדערע כלים. חייקע די טעפערקע, האָט מען זי גערופן... זי האָט געוואוינט ביי אַן אַלטער פרוי, אַ בלינדער, מען האָט זי גערופן שאָשע מערקע. מען האָט געזאָגט, אַז זי איז אַ רייכע. איר הויז איז געווען אויף אַ בערגל. איך פלעג צו זיי אַרויפקומען זייער אָפט. אויף עטלעכע טרעפלעך האָט מען געדאַרפט אַרויפגיין. מיין מאַמע האָט מיך געשיקט אַהין צו פאַרקויפן קעזלעך און פוטער.

איך האָב אויך פאַרגעסן צו דערציילן, ווי אַזוי מען האָט געמאַכט די קעזלעך. די גאַנצע מילך האָט מען פריער געדאַרפט שטעלן אין אויוון אויף אַ האַלבער שעה זיך אָפבריען. די אָפגעבריטע קעז האָט מען געדאַרפט אָפזייען. האָט מען געהאַט אַזאַ לייוונטענע טאָרבע און מען האָט דאָרטן אַריינגעלייגט די אָפגעבריטע קעז. די טאָרבע האָט מען אויפגעהאָנגען אויף אַ שטעקן און עס האָט געמוזט אָפרונען. וואָס עס האָט אָפגערונען האָט מען

גערופן סיראָוועטקע. ווען מען האָט געמאַכט די קעז האָט מען געדאַרפט אַריינ־לייגן אין קעז־זעקלעך און אונטערלייגן אַ ברעטל אונטערן קעזל און איין ברעטל פון אויבן. אויפן אויבערשטן ברעטל האָט מען אַרויפגעלייגט שווערע שטיינער און מען האָט די קעזלעך געלאָזט ליגן איבער נאַכט. אויף מאָרגן האָט מען אַרויסגענומען די קעזלעך פון די זעקלעך, באַזאַלצן און געלאָזט זיך טריקענען אַ וואָך אָדער צוויי... פוטער האָט מען געשלאָגן פון סמעטענע אין אַ קלוצקע. דאָס איז געווען זייער שווער. מען האָט געשלאָגן מיט די הענט. איך האָב דאָס באַדאַרפט שרייבן פריער, אָבער איך האָב פאַרגעסן.

און איצטער צוריק צו אַדעלסק. ווען עס איז געווען אַ שטיקל מאַרק, געדענק איך, זיינען אַ סך אידן געשטאַנען אין מאַרק מיט זייער סחורה אויף די טישלעך. ווער ס'האָט נאָר געהאַט אַביסל סחורה האָבן אַלע געהאַנדלט אין מאַרק. פון דעם האָבן זיי געמאַכט אַ געמאַטערטן לעבן. אַ חוץ די, וואָס האָבן געהאַט גרויסע קראָמען.

.24

ווי איך האָב געשריבן פריער, איז לעבן אונזער הויז אין דער קאָלאָניע געווען אַ וועג, וואָס מען האָט גערופן, זובריצער וועג. דער וועג האָט געפירט פון אַ סך דערפער קיין אַדעלסק, קיין אַמדור און קיין גראָדנע... ווען מען איז נאָר אַריינגעפאָרן מיטן זובריצער וועג אין אַדעלסק, גלייך נאָך די מעשטשאַ־נעס, איז געווען די גרויסע קראָם, אפשר די גרויס ווי דאָ אין אַמעריקע אַ בלאָק. דער באַלעבאָס האָט געהייסן זונדל. נו, ווער עס איז אַריינגעפאָרן מיט תבואה, אָדער מיט אַנדערע פּראָדוקטן, און דאָס אַלעס פאַרקויפט צו זונדלען. קיין געלט האָבן זיי ניט גענומען. זיי האָבן פאַר זייערע פּראָדוקטן גענומען סחורה (סכוירע) אין דער קראָם און אַמאָל נאָך צוגעבאָרגט...

אין דער קראָם איז געווען שניט־סחורה און קאָרט, און לייוונט. איך קאָן ניט אויסשרייבן וואָס פאַר אַן עשירות ס'איז געווען אין קראָם... הינטער דער קראָם איז געווען אַ גרויסער שפּייכלער מיט תבואה, און עס איז געווען אַ לידאָוונע. ווינטער צייט פלעגט מען האַקן אייז אין טייך און דאָס אייז לייגן אין דער לידאָוונע... אין דער לידאָוונע האָט מען זומער־צייט געהאַלטן פלייש און מילכיקס, ביר און וויין. איך קאָן ניט אויסשרייבן וואָס מען האָט דאָרטן געהאַלטן. איך האָב דאָס אַליין געזען. איך בין עטלעכע מאָל געווען דאָרטן. גאַנץ טיף האָט מען ניט געקאָנט אַריינגיין. מען האָט געקאָנט דערפרוירן ווערן... דאָס אייז איז געווען געשניטן אין גרויסע שטיקער, אַזוי ווי מען פלעגט דאָ אין אַמעריקע קויפן שטיקער אייז צו לייגן אין די אייז־קאַסטנס... ביי

זונדלען אין דער לידאָוונע האָבן אַ סך אידן געהאַלטן זייערע פּראָדוקטן, וואָס קאָנען נאָך קאַליע ווערן אום זומער. מען האָט אים געצאָלט דערפאַר...

נאָך דער קראָם האָט ער געהאַלטן אַ שענק. די שטוב, וואו דער שענק איז געווען, איז געווען אַ גרויסע שטוב. עס פלעגן דאָרטן שטיין בענק און טישן. אין שענק האָט מען פאַרקויפט וויין און בראָנפן, ניט נאָר צו די גויים, נאָר אויך צו אידן אויף שמחות (סימכעס) און אויף חתונות. ווען איך בין געווען אַ קליין מיידל פלעג איך אַריינקומען אַהין קויפן, וואָס מיר האָבן נאָר געדאַרפט, ווייל ביי דעם זונדל האָט מען געקענט קריגן פון דעם קלענסטן ביז דעם גרעסטן...

זונדעלס ווייב האָט מען גערופן מעכליע, אַ קליינע און אַביסל צוביגן, אָבער אַ גוטע געשעפטס־פרוי. אין אַמאָליקע צייטן האָט זי געקאָנט שרייבן און רעכענען און האָט געהאָלפן פירן דאָס געשעפט זייער גוט...

וועגן דער לידאָוונע וויל איך צוגעבן, אַז מען האָט זי געגראָבן גאַנץ טיף אין דער ערד ביי אַ דרייסיק פוס די טיף און ביי אַ הונדערט פוס די לענג און די ברייט. דאָס איז געווען ווי אַ גרויסער קעלער, און מען האָט אויסגעלייגט איין שטיק אייז אויף דעם אַנדערן, עס זאָל ניט צוגיין...

מיט אַן אַכט און צוואַנציק יאָר צוריק איז מיין ברודער יהושע געווען אין לאָס אַנדזשעלעס זיך זען מיט מיר, און דערנאָכדעם איז ער אַוועקגעפאָרן אין סאַן פראַנציסקאָ, און דערנאָכדעם קיין אָוקלאַנד, און אין אָוקלאַנד געטראָפן אַדעלסקער לאַנדסלייט, און ווייסט איר וועמען? זונדל׳ס עלטערן זון, חיים הערשל, און אפרים לייקעס עלטערן זון, איך געדענק ניט ווי מען האָט אים גערופן; אויך שכר׳ס אַ זון, גרשון. גרשון האָט געהאַט אין אָוקלאַנד אַן אייזן־קראָם, און מיין ברודער האָט ביי גרשונען געאַרבעט אַ צוויי יאָר, און דערנאָכדעם איז ער אַוועקגעפאָרן קיין ניו־יאָרק...

.25

ווי איך האָב דערציילט פריער, זיינען אַ סך פון אונזער קאָלאָניע, אַזעלכע וואָס האָבן געהאַט ווינציק פעלד, זיינען אַוועק קיין ביאַליסטאָק, אָדער געאַר־בעט ביי וועבעריי, אָדער אין דער פאַרבאַרניע. דאָס ביסל פעלד, וואָס זיי האָבן געהאַט, האָבן זיי פאַרדונגען צו גויים, וואָס האָבן באַאַרבעט דאָס האַלב אויף האַלב. דאָס הייסט, האַלב תבואה, וואָס האָט אויסגעוואַקסן, פאַר זיך, און האַלב תבואה פאַרן באַלעבאָס פון פעלד... די וואָס פלעגן אַרבעטן אין ביאַליסטאָק פלעגן קומען אַהיים אין דער קאָלאָניע אויף פסח און אויף סוכות.

אין דער קאַלאָניע זיינען געווען אַזעלכע, וואָס אַ חוץ וואָס זיי האָבן גע־האַט שטיקלעך פעלד, זיינען זיי אויך געווען בעלי מלאכות, ווי קלמן אַבעס. קלמן איז געווען אַ שמיד. ער האָט געהאַט אַ קוזניע און ער האָט געמאַכט מעסערס, און מאָנטאג איז זיין ווייב רייזקע געגאַנגען אין סאָקאָלקע צו פאַר־קויפן אַביסל מעסערס. דינסטאג איז רייזקע געגאַנגען אין קרינ‌יק צו פאַר־קויפן די מעסערס, און דאָנערשטאג איז זי געגאַנגען אין אַמדור צו פאַרקויפן די מעסערס. קלמן האָט געהאַט זייער ווייניק פעלד, האָט ער דאָס פאַרדונגען צו אַ גוי אויף צוויי יאָר. ער האָט זיך אויסגעבויט אַ קליין שטיבל מיט אַ קוזניע און געקויפט אַ קו, און אַזוי האָט ער זיך געמאַטערט...

אָדער לאָמיר נעמען כייקע דער טעפּערקעס זון, משה חיים. ער האָט זיך אויסגעלערנט פאַר אַ מעבל סטאָליער אין סאָקאָלקע, דערנאָכדעם האָט ער חתונה געהאַט פאַר זיין אַנקלס טאָכטער, רחל איטקע, טאָקע אין דער קאָלאָניע; געקראָגן זיין פאַרשטאָרבענעם טאַטנס פעלד, וואָס זיין אַנקל פלעגט באַאַרבעטן, זיך אויפגעבויט אַן אייגענע שטוב, געקויפט אַ פאָר קי, און דאָס וואָס ס'איז אַריינגעקומען פון פעלד, און דאָס וואָס ער האָט געמאַכט פון סטאָלעריי, האָט ער שוין פאַרדינט אויף אַ שיינעם לעבן...

אָדער לאָמיר טאָקע נעמען כייקע דער טעפּערקעס מאַנס ברודער, וואָס מען האָט גערופן וועלוועל לייזער. ער איז געווען אַ דאָרפס־שניידער. זיין עלטערן אינגל האָט מען גערופן יעקב־שיע. האָט ער אים אויסגעלערנט שניי־דעריי און ער איז געגאַנגען מיט יעקב שיען איבער די דערפער נייען ביי די גויים אין זייערע הייזער. פרייטאג פאַרנאַכט פלעגן זיי קומען אַהיים אין דער קאָלאָניע אויף שבת...

וועלוועל לייזער דעם שניידערס טאָכטער, רחל איטקע, וואָס האָט חתונה געהאַט פאַר כייקע דער טעפּערקעס זון, משה חיים, איז געווען מיין חברטע. מיר פלעגן גיין צוזאַמען אויף די פאַזעראַמקעס און געפּאַשעט בהמות צוזאַמען.

נאָך וויל איך זאָגן וועגן דער קאָלאָניע, אַז אַ סך פאַמיליעס האָבן זיך משדך (מעשאַדעך) געווען איינער מיט דער אַנדערער, און די מערסטע האָבן זיך אָנגעקערט איינער מיטן אַנדערן... אויך אייגענע שוועסטער־קינדער האָבן חתונה געהאַט איינער פאַרן אַנדערן...

.26

און איצטער קער איך זיך אום צו שכרן. מען האָט אים אויך גערופן שכר־אַריה. ער האָט ניט געהאַט קיין אייגענע געלט צו האַנדלען, האָט ער געמוזט לייען, אויסצאָלן און ווייטער לייען. אַזוי האָט ער זיך געמאַטערט.

אַז ער האָט אויפגעקויפט די תבואה און האָט זי געוואָלט פאַרקויפן אין גראָדנע, איז ער אימער געקומען צו מיין טאַטן, ער זאָל מיט זיין פערד און וואָגן פירן די תבואה קיין גראָדנע, און צוריקברענגען פון גראָדנע אַנדערע זאַכן, ווי פעס־לעך הערינג, טונען גאַזע, זעק מיט זאַלץ, זעק מיט צוקער און מיט מעל, און אַנדערע אַרטיקלען...

און עס האָט געטראָפן אין אַ פינצטערער נאַכט, ווען מיין טאַטע איז געפאָרן פון גראָדנע און דער וועג איז געווען פאַרשנייט און גרויסער פראָסט, האָט זיך דער וואָגן איבערגעקערט אין אַ גרויסן גרוב... דער טאַטע האָט געמוזט וואַרטן ביז עס איז געוואָרן טאָג. און ווען ס'איז געוואָרן ליכטיק, האָט מיין טאַטע דערזען, אַז ער איז ניט אויפן ריכטיקן וועג, און עס איז ניט געווען ווער ס'זאָל אים העלפן אַרויסנעמען די סחורה פון גרוב. האָט ער זיך געמוזט מאַטערן אַליין. און ווען ער האָט אַרויפגעלייגט די מאַסע אויפן וואָגן, און דאָס פערדל איז געווען געפרוירן און הונגעריק, האָט זיך דאָס ניט געוואָלט רירן פון אָרט...

וואָס־זשע האָט מען אָרעמער טאַטע געטאָן? ער האָט געמוזט שטופן דעם וואָגן מיטן פערדל צוזאַמען. ער האָט געשטעלט אויף זיך אַליין. ער איז געווען זייער אַ שטאַרקער מאַן. ווען די גוים פלעגן אַמאָל וועלן אָפּטאָן שאָדן די אידן און אָפּפּאַשן דעם קאָרן צי די ווייץ, אָדער דאָס גראָז פון אונזערע פעלדער, איז אַן מיין טאַטע האָט געגעבן אַ געשריי פון דער ווייטנס, זיינען זיי זיך צע־לאָפן ווי די פאַרסמטע מייז. אָבער די דאָזיקע נאַכט, ווען דער וואָגן האָט זיך איבערגעקערט, איז ער זייער קראַנק געוואָרן און האָט געקריגן פּליוראַסי, וואָס עס מיינט, וואַסער אויף די לונגען. דער פעלדשער, אַ גוטער מענטש, האָט אים ניט געקאָנט העלפן. אפשר ווען מען וואָלט זיך באַלד אַרומגעזען, וואָלט מען אים געקאָנט העלפן. מען האָט דאָס פאַרלאָזט. אין קריניק איז געווען אַ גוטער דאָקטאָר, אָבער ער האָט גענומען אַ סך פאַר אַ וויזיט. סוף־כל־סוף איז מיין מאַמע געפאָרן מיט מיין טאַטן קיין גראָדנע. דאָרטן איז געווען אַ שפּיטאָל. האָבן די דאָקטוירים אים ניט געוואָלט האַלטן אין שפּיטאָל אָן געלט מער ווי עטלעכע טעג.. מיין מאַמע האָט אים געבראַכט אַהיים אַ קראַנקן... דינגען אַ מענטשן מען זאָל אַקערן דאָס פעלד איז ניט געווען קיין געלט, איז ער קראַנקערהייט אַליין געגאַנגען אַקערן...

דער טאַטע איז געוואָרן אַלץ קראַנקער און קראַנקער און ניט געגלויבט זיך אַליין, אַז ער איז אַזוי קראַנק. ער פלעגט זיך אַראָפּכאַפּן פון בעט, לויפן אין שייער אויסדרעשן אַביסל קאָרן, אַז מען זאָל קאָנען האָבן צו באַקן אַביסל ברויט פאַר די קינדער. דעם קאָרן האָט מען געדאַרפט מאָלן אויף מעל, און מען האָט עס געדאַרפט טראָגן אין מיל, און די מיל איז געווען אַ מייל ווייט...

איך געדענק ווי איך און מיין מאַמע האָבן געטראָגן דעם קאָרן צו דער מיל׳ אין צוויי זעקלעך, איך — אַ העלפט און זי — אַ העלפט. ס׳איז געווען אַ ווינט־מיל, וואו מען האָט געמאָלן דעם קאָרן, ווייץ און גערשטן, אויך גריקע. די גריקע האָט מען געמאָלן אויף גרעטשענע גרויפּן, די גערשטן — אויף גערש־טענע גרויפּן; פון דער ווייץ האָט מען געהאַט די ווייסע מעל און מען האָט געבאַקן חלה אויף שבת, און געמאַכט לאָקשן און פאַרפל אויף שבת...

מיין ברודער יהושע איז געווען דעמאָלט אַ אינגל פון פערצן יאָר און מיין טאַטע, וואָס האָט שוין אַליין ניט געקאָנט דרעשן די תבואה, האָט מיט־גענומען מיין ברודער אין שייער. מיין ברודער האָט ניט געהאַט קיין וואַרעמע זאַכן אָנצוטאָן, פלעגט ער נעבעך פאַרפרוירן ווערן ביז ער איז געקומען צום שייער. אין שייער, ווען ער האָט גענומען דרעשן מיט דער צעפּ, האָט ער זיך שוין אָנגעוואַרעמט...

דער שייער איז געווען ווייט פון הויז, וואו אין אַמעריקע אַ בלאָק, און אין די גרויסע זאַווערוכעס האָט מען געמוזט גיין אין שניי ביז אין די קני. און אַז מען איז געקומען צוריק אין שטוב איז געווען דאָרטן זייער קאַלט. ס׳איז ניט געווען פאַר וואָס צו קויפן האָלץ. אַז מען האָט ניט געקויפט קיין האָלץ אין יעשען האָט מען ווינטער ניט געקענט קריגן, האָט מען שוין במילא (בעמיילע) געמוזט קאַרגן מיט דעם ביסל האָלץ. מען האָט געהייצט מיט שטרוי. מען האָט גענומען שטרוי און געבונדן אין גרויסע בינטלעך, ס׳זאָל האַלטן די היץ... מען קאָן דאָך פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ ווערדע עס האָט געהאַט די וואַרעמקייט פון שטרוי... פריער, ווען מיין טאַטע האָט פאַרדינט, פלעגט מיין מאַמע פאָרן מיט די גויים אין וואַלד און אָנקויפן בערעזענע האָלץ, ווייל בערעזענע האָלץ האַלט וואַרעמקייט... אַז מען האָט געקויפט די בערעזענע האָלץ האָט מען גע־מוזט טריקענען... מען פלעגט אויך צוקויפן סאָסנאָווע האָלץ. סאָסנאָווע האָלץ, אַז ס׳איז געווען טרוקן, איז געווען אַ פאַרגעניגן מיט דעם צו הייצן. אָבער סאָסנאָווע האָלץ האָט ניט געהאַלטן קיין היץ, האָט מען געמוזט האָבן בערעזענע האָלץ און דאָס געמישט מיט סאָסנאָווע האָלץ...

אַמאָל האָט מען געקויפט טאָרף. טאָרף האָט זייער לאַנג געהאַלטן די וואַרעמקייט, אָבער עס האָט זייער געשטונקען. אויב מען האָט ניט פאַרשמירט דעם אויוון האָט מען אין הויז ניט געקענט איינזיצן, מען האָט זיך פאַר־טשאַדעט. די טאָרף האָט זיך אויך געמוזט טריקענען און מען האָט זי געדאַרפט קויפן זומער־צייט... דאָס אַלעס האָט מען געקאָנט אויספירן, ווען מיין טאַטע איז געווען געזונט און האָט פאַרדינט. אַז ער האָט אָנגעהויבן צו קרענקען, דאַן האָבן זיך פאַר אונז אָנגעהויבן די ריכטיקע צרות... קראַנקהייט, הונגער און קעלט, און אַזוי פיל דאגות...

אום זומער איז נאָך געווען צו דערליידן. מען האָט געהאַט אַ דריי קי און זומער צייט האָט מען זיי געמאָלקן און מען האָט פאַרקויפט די מילכיקס אין אַדעלסק און געקויפט ביי יהושע דעם בעקער אַ פאָר פונט ברויט. און אַז מען האָט שוין געבראַכט דאָס שטיקל פרישע ברויט, איז דאָס געווען אויף אַ צאָן. איידער מען האָט זיך אַ ריר געטאָן איז פון דעם גאָרניט געבליבן.

ווען עס איז געווען אַ געראָטן יאָר אויף בולבעס, האָט מען שוין געדאַנקט גאָט פאַר דעם חסד (כעסעד). פאַר די קינדער איז שוין געווען אינדערפרי אָפּ־געקאָכטע בולבעס, און אויף מיטאָג, ווייטער בולבעס, און וועטשערע בולבעס, און מען האָט געלויבט און געדאַנקט דעם אויבערשטן...

פון דעם מילכיקס, ווי איר ווייסט שוין, האָט מען די קינדער ניט געגעבן, ניט קיין מילך, חס ושלום, און ניט קיין פוטער, און ניט קיין קעז, און אויך ניט קיין זויערמילך. מען האָט נאָר געקאָנט טרינקען די סיראָוועטקע, ווען מען האָט אָפּגעבריט די זויערמילך. פון דער סיראָוועטקע האָט מען אויך געמאַכט קעז און דאָס האָט מען שוין געגעבן די קינדער צו עסן... וואָס האָבן אונזערע עלטערן געקאָנט טאָן, אַז פאַר דעם ביסל מילכיקס האָט מען געדאַרפט קויפן ברויט און אַנדערע זאַכן, ווי אַ פאָר שיכלעך, אַביסל לייוונט, אַ העמדל אויפן לייב. מען האָט געמוזט האָבן אַ צוויי העמדלעך פאַר יעדן קינד. ניט קיין גוטע לייוונט, כאָטש גראָבע, אָבער מען האָט געמוזט האָבן אַ העמד אויפן לייב... און איר קענט זיך שוין פאַרשטעלן פאַרוואָס אונזערע עלטערן האָבן ניט געגעבן צו די קינדער די קעז מיט דער פוטער...

27.

ווען מיר האָבן געהאַט בעסערע צייטן, האָט די מאַמע געקויפט אַ גרויסן קרוג מיט סיראָפּ, און אַ שטיקל ברויט מיט סיראָפּ איז געווען זייער גוט צו עסן. די מאַמע האָט אויך געשמירט פאַר אונז קינדער אַ שטיקל ברויט מיט סמע־טענע, און דאָס איז שוין געווען אַ יום־טוב. ווען מיר האָבן געהאַט בעסערע צייטן, האָבן די עלטערן געציטערט איבער אונז און אונז געגעבן גוט צו עסן...

דאָס ביסל פעלד איז געווען גוט אויסגעאַרבעט. דער טאַטע האָט אַליין געאַקערט און געזייעט און ס'איז געווען הצלחה (האַצלאָכע) ביי אונז... מיר האָבן געהאַט אַ קליין פעלד, אָבער מיר פלעגן אָנשניידן מערער פון די, וואָס האָבן געהאַט אַ סך פעלד. אַז דאָס פעלד איז געווען געראָטן האָבן מיר געקאָנט האָבן מערער בהמות.

ווען מיר האָבן געהאַט בעסערע צייטן, פלעגן מיר האָבן האָלץ פאַר אַ

גאַנצן ווינטער און ס'איז אונז געווען וואַרעם... איך געדענק נאָך, ווען מיין טאַטע איז געווען אין ביאַליסטאָק פלעגט מיין מאַמע אין יעשען דינגען גויים און פאָרן אין וואַלד און אָנקויפן אַ צען וועגענער האָלץ. דערנאָכדעם געדונגען גויים, מען זאָל צעזעגן דאָס האָלץ און צעהאַקן און צעלייגן דאָס, אַז עס זאָל זיך טריקענען...

אָבער דעם ווינטער, וואָס דער טאַטע איז געווען קראַנק, האָט מען זיך זייער אָנגעליטן פון דער קעלט... ניט ווייט פון דער קאָלאָניע איז געווען אַ וואַלד, פלעגן די אָרעמע מענטשן גיין אין וואַלד אָנקלייבן שפענער. די שפּע־נער האָבן געהאַלטן די היץ אויך, ווייל די שפענער האָבן געהאַט אַ סך קאָרע... דעם וואַלד האָט מען גערופן, זובריצער וואַלד.

אין די בעסערע צייטן, אַז מיינע עלטערן האָבן געהאַט אַ סך בהמות, האָבן זיי געהאַט מיסט אויף צו מיסטיקן דאָס פעלד. איך מיין דעם אָפּפאַל פון די בהמות. און אַז זיי האָבן אויסגעמיסטיקט דאָס פעלד האָבן זיי געהאַט אַ סך תבואה... איך געדענק, ווי מיר האָבן געהאַט פון אונזער דריטל נומער פעלד, מערער ווי אַנדערע פון אַ האַלבן נומער... אַז מען איז געגאַנגען פונדערווייטנס האָט מען שוין געקענט זען, ווי געראָטן אונזער פעלד איז...

ווען ס'זיינען געווען בעסערע צייטן האָט מיין מאַמע באַשטעלט פאַר מיר ביים דאַמסקן שניידער אין סאָקאָלקע זייער אַ שיינע קלייד. אַלע מיידלעך האָבן מיך מקנא געווען. איך געדענק נאָך דעם קאָליר פון דער קלייד. זי איז געווען גרין. און געבייט איז געווען אונטן אַזוי ווי מיט אַ טוניק און מען האָט נאָך אונטערגעבייט אַ קישעלע, אַז ס'זאָל אויסקומען פון אונטן אויך אָנגע־שטעלט... עס איז געווען זייער אַ שיין קלײדל. איך געדענק, אַז אויף ראש־השנה זיינען מיר אַלע מיידלעך געגאַנגען אין שול הערן שופר בלאָזן. האָבן די מיידלעך זיך איינגעקוקט אין מיין קליידל...

מיין טאַטע איז געווען זייער גוט צו מיר, און מיין מאַמע אויך. אום זומער האָב איך געשניטן די תבואה. איך בין געווען זייער אַ שנעלע שניטערקע. איך האָב געשניטן פאַר צוויי שניטער. מיין טאַטע, געדענק איך, איז געקומען אין מיטן טאָג צו רייטן אויף אַ פערד און מיר געבראַכט טרוקענע קעזלעך, וואָס מיר האָבן אָנגעגרייט אויף שניט צו האָבן מיטצונעמען אויפן פעלד. מיין טאַטע האָט מיך זייער ליב געהאַט. איך בין געווען אין יענער צייט אַ בת יחידה. גאָר שפּעטער מיט יאָרן איז געבוירן געוואָרן נאָך אַ מיידל, אָבער איך בין שוין דאַן געווען אַ גרויסע...

אַז מיר האָבן אָפּגעשניטן אונזער תבואה אויפן פעלד, בין איך געגאַנגען צו שכנים און געקראָגן פופציק קאָפּיקעס אַ טאָג. אַנדערע האָבן געקראָגן 45 קאָפּיקעס אַ טאָג. איך פלעג אַרויס מיטן בייט, וואָס איך האָב געשניטן

אַ סך פריער. דערפאַר האָבן די אַנדערע שניטער געמוזט זיך יאָגן צוליב מיר. זיי זיינען געווען אין כעס אויף מיר און זיי זיינען געווען געראָכט... היינט ווייס איך, אַז ס'איז געווען אַן עולה (אַוולע). אָבער ווער האָט דאָס דעמאָלט פאַרשטאַנען? קיין יוניאָן איז דאָך דאַן ניט געווען, אַבי מען האָט זיך געקאָנט אויספּיינען. מען האָט בעסער ניט פאַרשטאַנען... איך בין געווען יונג און שטאַרק און האָב געקאָנט זיך באַווייזן...

.28

פון צוועלף ביז פערצן יאָר זיינען געווען מיינע בעסטע יאָרן, דענק איך... אויך ביי אונז אין שטוב זיינען דאָס געווען די בעסטע יאָרן... מיין מאַמע האָט געמאַכט דעם שענסטן שבת. זי פלעגט באַקן חלות, געפלאָכטענע קיטקעס, און עס איז געווען פאַר די קינדער אויף אַ גאַנצער וואָך... איך פלעג ניט לאָזן מיין מאַמען קנעטן די דייזשע מיט טייג. איך האָב דאָס געקנאָטן... עס איז געווען פון דריי פוד קאָרן... ווייסט איר פאַרוואָס איך בין געווען אַזוי שטאַרק? מיר האָבן געהאַט אַ קעלער, איז ווינטער האָבן מיר געהאַלטן דאָרטן בולבעס, און זומער האָט מען געהאַלטן דאָס מילכיקס, און איך בין געווען אַ נאַשערקע, און ווען מיין מאַמע איז אַוועק מיט די בהמות הינטערן שטוב אַביסל זיי צו פּאַשען און מיך לאָזן מיט די קליינע קינדער, פלעג איך זיך אַראָפּכאַפּן אין קעלער. דער קעלער איז געווען זייער אַ טיפער. עס איז דאָרטן געשטאַנען אַ גרויסער לייטער. מען האָט זיך געדאַרפט היטן ווען מען איז אַראָפּגעגאַנגען. אין דער גלאָז וואָס איך האָב מיטגענומען פון שטוב האָב איך אַראָפּגענומען פון יעדן לאָדיזשטשיק אַביסל סמעטענע און זיך גוט אָנגעטרונקען... איז געווען גוט אַז די קינדער זיינען געשלאָפן, אָבער אַז עס איז געוואָרן אַ געשריי פון די קינדער און די מאַמע האָט דערהערט, איז זי געקומען צולויפן און מיך גענומען פאַר די באַקן און מיך גוט אָפּגעקנייפּט. זיי זיינען מיר געווען געשוואָלן פאַר עטלעכע טעג . . .

איך בין דעמאָלט אַלט געווען צען יאָר און געדאַרפט פאַרשטיין, אַז מען נעמט אַראָפּ די סמעטענע איז ניטאָ קיין סמעטענע, און אַז ס'איז ניטאָ קיין סמעטענע, וועט שוין אויך ניט זיין קיין פּוטער... מיין טאַטע איז געווען זייער אין כעס אויף מיין מאַמען, וואָס זי האָט מיר געמאַכט געשוואָלענע באַקן. דער גוטער טאַטע האָט געזאָגט, אַז דאָס ביסל סמעטענע וועט אונז ניט אָרעמער מאַכן, און אַז איך בין אַ גוט קינד און אַרבעט נאָך צופיל פאַר מיינע יאָרן, און פאַר אַזאַ קלייניקייט מאַכט מען אַזוינע געשוואָלענע באַקן אַ קינד פון צען יאָר ! . . .

אַזוי איז דאָס געווען. מען האָט געמוזט אַזוי לעבן. און אפשר איז די מאַמע טאַקע געווען גערעכט. איך האָב זייער האָלט געהאַט אַ נאַש צו טאָן, ווען די מאַמע איז פון הויז אַוועק און זי האָט מיך איבערגעלאָזט מיט די קינדער אַליין...

איך קער זיך אום אויף צוריק, ווען מיין טאַטע, פאַרנדיק פון גראָדנע, האָט זיך איבערגעקערט מיט דעם וואָגן סחורה און איז קראַנק געוואָרן... ער האָט זיך ניט געוואָלט גלויבן, אַז ער איז קראַנק. ער האָט געזאָגט: „אַזאַ שטאַרקער מאַן ווי איך זאָל זיין קראַנק! אַזאַ קלייניקייט ווי אַרויסשלעפּן אַביסל סחורה פון גרוב זאָל איך זיך נאָכגעבן, אַז איך בין אַ קראַנקער? ניין!"

ניט ווייט פון אונז איז געווען אַ שטיק פעלד, וואָס מען האָט גערופן באַלעצינאַ. דאָס איז געווען אַ גאַנץ גרויס שטיק פעלד, באַוואַקסן מיט גראָז און אַלע פון דער קאָלאָניע האָבן דאָרטן געפּאַשעט די בהמות. מען האָט אויך אַוועקגעפירט אַהין די פערד אויף אַ גאַנצער נאַכט. אַרום דער באַלעניצאַ איז געווען אַ שטיק פעלד אַרום פאַרזייט מיט קאָרן. מען האָט דאָס דאָזיק שטיק פעלד געמוזט פאַרצאַמען, אַז ניט וואָלטן די פערד, וואָס האָבן זיך געפּאַשעט ביינאַכט אין דער באַלעניצאַ, אַריין אין קאָרן און וואָלטן דאָס אויפּ־געגעסן און צעטראָטן... איז מיין טאַטע אַוועק אין דער באַלעניצאַ און האָט אַרום אונזער בייט אַרום געגראָבן אַ גרוב, אַז די פערד זאָלן ניט קאָנען אַריינ־גיין און אויפעסן דעם קאָרן... דאַן האָט זיך אָנגעהויבן אונזער גרויסער אומ־גליק. עס איז געווען זייער אַ הייסער טאָג און מיין טאַטע איז געווען זייער דאָרשטיק פון היץ. אַ שטאַרק פאַרשוויצטער האָט ער געטרונקען קאַלטע וואַסער און באַלד געקראָגן ניומאָניע...

איך געדענק ניט ווי לאַנג ער איז געווען קראַנק. איך געדענק, ווי די מאַמע האָט אים אַוועקגעפירט אין גראָדנע אין הקדש (העקדעש). דאָ אין אַמעריקע וואָלט מען דאָס גערופן קאָונטי האָספּיטאַל. אין הקדש איז אים ניט געוואָרן בעסער און ער איז געקומען אַהיים און האָט זיך אַריינגעלייגט אין בעט אַ געשוואָלענער און איז נאָך ערגער געוואָרן. האָט אים מיין מאַמע אַ צווייטן מאָל אַוועקגעפירט אין הקדש. ס'זיינען שוין געווען אַזוינע גרויסע פרעסט, אַז עס איז געווען אַ רחמנות אפילו אַ הונט אַרויסצוטרייבן אין דרויסן. מיין מאַמע איז געפאָרן אין אַזאַ פראָסט מיט דעם טאַטן נאָכאַמאָל אין הקדש און מיך איבערגעלאָזן מיט די קינדער אין הויז... קיין שטיקל האָלץ איז אין הויז ניט געווען. ס'איז געווען אַביסל מילכיקס, האָב איך געמאַכט עטלעכע קעזלעך, אויסגעשלאָגן אַ פאָר פונט פּוטער און אַוועק אין אַדעלסק צו פאַר־קויפן די פאָר פונט פּוטער מיט די קעזלעך, איך זאָל קאָנען האָבן אויף אַ

וועגעלע האָלץ און מאַכן וואַרעם די אָרעמע קינדערלעך, און קויפן אַ שטיקל ברויט ביים בעקער...

דער פראָסט האָט געברענט און דער שניי איז געווען אַזוי טיף און קיין וועג האָט מען ניט געקענט זען. קיין שליאַד איז ניט געווען. מען האָט געדאַרפט זוכן דעם וועג. איך בין געגאַנגען אויף קידוש השם. איך האָב געבלאָנדזשעט. איך בין געווען אינגאַנצן פאַרפרוירן... מען האָט אין דער קאָלאָניע קיין „בלומערס", ווי מען רופט זיי אין אַמעריקע, ניט געטראָגן, נאָר אָפּענע מייטקעס. קיין קאַלאָשן זיינען אויך ניט געווען. מען האָט געדאַנקט גאָט אַז מען האָט קאָמאַשן, דאָס הייסט, שיך. קיין וואַרעמען מאַנטל האָב איך אויך ניט געהאַט... איך האָב קוים זיך פאַרשלעפּט אַהיים. איך האָב זיך געמוזט זעצן מיט די פיס אין קאַלטער וואַסער, און אויך די הענט אין קאַלט וואַסער. ווען מען וואָלט געהאַלטן די פאַרפרוירענע פיס און הענט אין וואַרעמער וואַסער, וואָלט געשטאַכן ווי מיט שפּילקעס... איך האָב אָבער געבראַכט עטלעכע פונט ברויט פאַר די קינדער צו עסן. איך האָב געמוזט באָרגן דאָס ברויט ביי משה־שיען דעם בעקער אין אַדעלסק. פאַר די פאַרקויפטע קעזלעך און פוטער האָב איך נאָר געהאַט אויף אַ וועגעלע האָלץ צו קויפן.

און ווען מיין טאַטע איז געקומען דאָס צווייטע מאָל פון גראָדנע, האָט ער שוין געוואָוסט, אַז ער וועט ניט לעבן לאַנג. ער איז געווען אַזוי געשוואָלן, אַז איך האָב אים גאָרניט געקאָנט דערקענען. מיר האָבן זיך צעקושט. דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל. מער האָב איך זיך מיט מיין גוטן טאַטן ניט געקושט... ער איז געווען זייער אַ שיינער, מיין טאַטע, אַ הויכער, אַ בלאָנדער, מיט רויטע באַקן און מיט אַ לאַנגער בלאָנדער באָרד...

ווען מיין טאַטע איז געקומען פון גראָדנע איז געווען אין ראש חודש שבט. ער האָט זיך אָפּגעמאַטערט ביז דעם 15טן טאָג אין חודש אייר און איז געשטאָרבן. זיין נשמה זאָל רוען אין גן־עדן. עס איז געווען מיט 67 יאָר צוריק. איך, די שרייבערין, בין דעמאָלט אַלט געווען 18 יאָר. ווען ער איז געשטאָרבן איז ער אַלט געווען בלויז 49 יאָר. ער האָט איבערגעלאָזט זעקס קינדער... מיין טאַטע איז געווען זייער אַ קלוגער. מען האָט פאַרצויגן זיין נאָמען לייבע אויף לייבעשקע, און ווען עמיצער פון אונזערע קינדער האָט עפּעס געזאָגט אַ קלוג וואָרט, האָט מען געזאָגט אַז ס'האָט אויף זיך לייבעשקעס קאָפּ...

ביי אונז אין קאָלאָניע האָט מען ניט געקענט האָבן קיין מנין צו זאָגן קדיש נאָך דעם גוטן טאַטן. זיינען נאָטקע מיט אַלטערן געלאָפן קיין אַדעלסק זאָגן קדיש... מיין ברודער אַלטער איז נאָך קיין ניין יאָר ניט אַלט געווען, און מיין ברודער נאָטע — זיבן יאָר.

29.

ווען דער טאַטע איז געווען קראַנק האָט מען געדאַרפט האָבן דעם פעלדשער און יעדן מאָל ווען ער איז געקומען האָט מען אים געמוזט באַצאָלן. קיין געלט איז ניט געווען, האָט מען פאַרקויפט די תבואה...ווען דער טאַטע איז געשטאָרבן איז גאָרניט געבליבן מען זאָל האָבן צום עסן פאַר די קליינע קינדער... עס איז געווען דעם טאַטנס פאַמיליע, אָבער מען איז אימער געווען ברוגז איינער אויפן אַנדערן... איז געווען אַ גוטער גוי. ער האָט געבראַכט אַ וואָגן מיט מעל אויף ברויט, גערשטן אויף גרויפּן, אַרבעס, לינדזן און בולבעס, און דאָס געגעבן מיין מאַמען... מיין ברודער יהושע איז געווען ביי מיר צו גאַסט אין לאָס אַנדזשעלעס מיט אַ דריי יאָר צוריק און ער האָט מיר דערציילט וועגן גוטן גוי... די פּראָדוקטן וואָס דער גוטער גוי האָט געבראַכט, האָט שוין מיין מאַמע געהאַט פאַר די קינדער ביז מען האָט אַראָפּגעשניטן פון די פעלדער די נייע תבואה...

ווען מיין טאַטע איז געווען אַזוי קראַנק האָב איך שוין אַביסל געאַרבעט אין ביאַליסטאָק און איך האָב שוין געקריגן אַמאָל אָפּצושערן אַ קעטע. אָבער אַז מיין טאַטע איז געוואָרן אַזוי קראַנק, האָט מיר די מאַמע געשריבן, אַז איך מוז קומען אַהיים העלפן אַכטונג געבן אויף די קליינע קינדער. די מאַמע האָט דאָך געמוזט פאָרן מיטן טאַטן קיין גראָדנע צו דאָקטוירים... שפּעטער, ווען די מאַמע האָט געבראַכט מיין טאַטן צוריק פון גראָדנע, האָב איך זיך מיט איר מישב (מעיאַשעוו) געווען און מיר האָבן באַשלאָסן, אַז איך זאָל פאָרן צוריק קיין ביאַליסטאָק...

באַלד נאָך פסח בין איך אַוועקגעפאָרן קיין ביאַליסטאָק... איוף מיין גאַנץ לעבן פאַרדריסט מיך, וואָס איך בין אַוועקגעפאָרן פון דער היים און ניט געווען ביי מיין טאַטנס טויט... אַלע פון אונזער קאָלאָניע, וואָס האָבן געאַרבעט אין ביאַליסטאָק האָבן געוואוסט, אַז מיין טאַטע איז טויט, אָבער קיינער האָט מיר ניט געוואָלט אויסזאָגן... אויף שבועות בין איך געפאָרן אַהיים... מיר האָט עפּעס געזאָגט דאָס האַרץ, אַז מיין טאַטע לעבט שוין ניט... פון ביאַליסטאָק ביז סאָקאָלקע איז מען געפאָרן מיט דער באַן און פון סאָקאָלקע איז מען שוין געפאָרן מיט פערד און וואָגן. אַלע אונזערע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן געאַרבעט אין ביאַליסטאָק פלעגן פאָרן אַהיים אויף שבועות... מען האָט געדאַרפט צאָלן 25 קאָפּיקעס פון אַ פּערזאָן צו פאָרן מיט אַ פערד און וואָגן פון סאָקאָלקע אין דער קאָלאָניע. די אָרעמערע זיינען געגאַנגען צופוס. איך בין אויך געגאַנגען צופוס... ווען מיר זיינען שוין געווען ניט ווייט פון דער היים, ביי אַ וויאָרסט,

דאָרטן איז דאָ אַ דאָרף, וואָס רופט זיך וואַניעווניק, האָב איך געפרעגט די באַקאַנטע גויים, און זיי האָבן מיר אויך ניט געוואָלט אויסזאָגן...

אַז איך בין שוין צוגעקומען צו אונזער פעלד און האָב אָנגעהויבן גיין מיט דער מעזשע, האָב איך שוין געוואוסט, אַז מיין טאַטע לעבט ניט. דאָס שטיקל פעלד האָט זיך אָנגערופן פלאַץ. איך האָב געזען, אַז דער קאָרן אויפן פלאַץ איז פאַרוואַקסן מיט ווילדע גראָזן, האָב איך שוין פאַרשטאַנען, אַז מיין טאַטע איז שוין מער ניטאָ אויף דער וועלט...

איך בין אַריין אין הויז און מיין מאַמע האָט מיר געהייסן זיך זעצן שבעה (שיווע) אויף אַ שעה (שאָ). ווען עמיצער שטאַרבט און עס איז שוין מער ווי אַ חודש (כוידעש), דאַרפן די אייגענע זיצן שבעה נאָר איין טאָג; אויב עס איז ווייניקער פון אַ חודש, דאַרף מען זיצן זיבן טעג... איך האָב געוויינט און גע־קלאָגט אַרום אַ צוויי יאָר, אָבער, וואָס די ערד דעקט צו מוז מען פאַרגעסן...

יאָ, יאָ, ווי איז אונז געווען. אַ גרויסע פאַמיליע, זעקס קינדער. צוויי אינגלעך, נאָטע און אַלטער, האָבן געדאַרפט גיין אין חדר... מיין ברודער יהושע האָט געלערנט אין ביאַליסטאָק אין בית המדרש (בעסמעדרעש). אין דעם בית המדרש האָבן געדאַוונט רייכע אידן און ער איז זיי געפעלן געוואָרן און אים געמאַכט פאַר אונטער־שמש. ער האָט געלערנט און אויך אַרויסגעהאָלפן דעם שמש און האָט פאַרדינט אַ פּאָר רובל... איך האָב פאַרגעסן, עס איז ניט געווען קיין בית המדרש, נאָר אַ גרויסע שול, און מען האָט עס גערופן „די שול.“ ס'איז געווען אויף יורעפּצער גאַס.

איך געדענק, ווי איך און מיין ברודער פלעגן קומען אויף פסח אַהיים צו זען מיין מאַמען מיט די קינדער. די מאַמע האָט אָנגעגרייט מצות און וויין, און פלייש — אַלץ וואָס מען האָט געדאַרפט האָבן אויף פסח... מען האָט געמוזט מאַכן פסח. אויב אַ פאַמיליע האָט ניט געהאַט אויף פסח, האָט מען אַריינגע־טראָגן פּראָדוקטן פון דער שטאָט... פאַרוואָס שרייב איך אַזוי פיל וועגן יום־טוב פסח? דערפאַר ווייל פסח איז געווען דער הייליקסטער יום־טוב...

ווען די מאַמע האָט געגרייט צום טיש, צום סדר (סיידער), פלעגט ווערן אין הויז אַ גרויס געוויין, און אַלעס אויפן טיש איז געבליבן שטיין: די כוסות (קויסעס) מיטן וויין, דאָס עסן, און מען האָט זיך ניט צוגערירט. אַלע אין הויז זיינען געווען פאַרקלאָגט... אַזוי זיינען אַוועק עטלעכע פסחס (פּייסאַכס)... איך און מיין ברודער פלעגן אויך סוכות אויך פאָרן אַהיים; זיך ניט געוואָלט אַרומשלעפּן אין דער פרעמד. זיינען מיר געקומען אין דער קאָלאָניע צו זען דער אָרעמער מאַמען מיט די אָרעמע קינדערלעך, די קליינע יתומימלעך (יעסוימימלעך)... אַזוי האָבן מיר אָפּגעטרויערט אַ צוויי־דריי יאָר...

30.

איך בין געוואָרן חבר (כאַווער) אין ביאַליסטאָק מיט אַ מיידל פּעשע, זייער אַ גוטע מיידל. זי איז געווען אַ שפּולערקע און געאַרבעט ביי פרייזמאַנען אויף דער יורעפּצער גאַס. פרייזמאַן איז געווען זייער אַ גרויסער פאַבריקאַנט. זי האָט פאַר מיר געבעטן דעם מייסטער פון דער פאַבריק און ער האָט איר געהייסן מיך רופן. איז זי געקומען צו מיר מיט אַזאַ שמחה (סימכע), אַז איך וועל שוין האָבן אַ פּלאַץ וואו צו אַרבעטן און ניט זיך אַרומשלעפּן פון איין פאַבריק צו דער צווייטער צו זוכן אָפּצושערן אַ פּאָר קעטעס.

דער מייסטער האָט מיך אָנגענומען און איך האָב געקריגן דריי רובל אַ וואָך. איך האָב געשוירן קעטעס, און אַז ס'איז ניט געווען גענוג צו שערן האָב איך געצופּט די שטיקער טוך. מיר איז שוין געווען גוט ווי די וועלט. איך האָב שוין געקאָנט שיקן דער מאַמען מיט די קינדער אַ פּאָר רובל... און דריי רובל אַ וואָך איז געווען אַ גרויסער פאַרדינסט. די שפּולאַרקעס האָבן ניט פאַרדינט מער ווי אַ רובל און אַ האַלב אַ וואָך... אַ שערערקע קאָן פאַרדינען נאָך מערער. מען קען זיך אַרויפאַרבעטן אויף זעקס רובל אַ וואָך...

אין פאַבריק זיינען געווען זעכציק שטולן און צוויי ליינקעטניקעס. איך האָב אין פאַבריק געאַרבעט אַ לאַנגע צייט. איך בין פון פרייזמאַנען אַוועק צו לייזער ענדלערן. ביי לייזער ענדלערן האָב איך שוין געקריגן פיר רובל אַ וואָך. אַז מען האָט געקאָנט שערן ביי לייזער ענדלערן איז מען געווען די בעסטע שערערקע אין שטאָט... אָבער ביי לייזער ענדלערן האָב איך לאַנג ניט געשוירן, אפשר (עפּשער) אַ יאָר און מען האָט מיך צוריקגערופן צו פרייזמאַנען... איינער אַ יודע כאַצעלעס, וואָס איז געווען אַ לינקעטניק ביי פרייזמאַנען, האָט געבעטן מיין ברודער יהושען, ער זאָל מיך אָפּריידן פון לייזער ענדלערן. איך האָב שוין געקראָגן ביי פרייזמאַנען פיר און אַ האַלב רובל אַ וואָך... און אַז עס איז געווען „ביזי", ווי מען זאָגט דאָ אין אַמעריקע, האָב איך געקראָגן נאָך דער אַרבעט נאָך אַ קעטע אָפּצושערן. און פאַר אַ קעטע האָט מען געקראָגן זעכציק קאָפּיקעס, און איך האָב שוין געקענט העלפן מיין מאַמען מיט די קינדערלעך...

אָבער נאָך מיין טאַטנס טויט איז מיר געווען זייער שלעכט, ניט געהאַט וואָס צו עסן און ניט געהאַט אפילו די פּופּצן קאָפּיקעס צו באַצאָלן פאַר דעם צימער... און אַ שערערקע האָט געדאַרפט גיין שיין געקליידט. און פון וואַנעט האָבן איך זיך געקענט קליידן, אַז איך האָב ניט געהאַט קיין אַרבעט, און אַז איך האָב שוין מיט גרויסע צרות (צאָרעס) עפּעס אַרבעט געקראָגן, האָב איך דאָס אויסגעגעבן אויף עסן... מיין ברודער יהושע, וואָס האָט געלערנט אין שול,

און אַז ער איז געווען הונגעריק, איז ער געקומען צו מיר אויף סטאַנציע. איך האָב עפּעס אָפּגעקאָכט פאַר מיר און מיין ברודער אויף וועטשערע... די באַלעבאָסטע איז געווען אַ גוטע און זי פלעגט מיר הייסן איך זאָל מאַכן שבת פאַר מיר מיט מיין ברודער, און זי פלעגט מיר נאָך פון צייט צו צייט לייען געלט, ביז איך האָב עפּעס פאַרדינט...

מיין ברודער האָט נעבעך געפרוירן אום ווינטער אין אַ דינעם רעקל און אין קורצע הויזן און אין צעריסענע שיך. ס'איז געווען אַ רחמנות (ראַכמאָנעס) אויף אים צו קוקן... ער איז געווען אַ הויכער, אַ שיינער, און זייער אַ קלוגער... און אַז ער איז געקומען צו מיר אויף סטאַנציע כדי (קעדיי) די נשמה (נעשאָמע) צו דערהאַלטן, האָב איך אָפּגעקאָכט אַביסל קרופּניק, פּאַרווייסט מיט אַביסל מילך, און צו דעם אַ שטיקל שוואַרץ ברויט... אַז איך האָב פאַרדינט אַביסל, האָב איך געקויפט אַ הערינג און געטיילט אויף עטלעכע טעג....

.31

אַ פּאָר חדשים (כאָדאָשים) נאָך מיין טאַטנס טויט איז געשטאָרבן מיין קליין ברודערל. קאָנט איר זיך שוין פאָרשטעלן, וואָס ס'האָט זיך דאָרטן אָפּ־געטאָן. איך בין אין דער היים ניט געווען. איך און מיין ברודער יהושע זיינען געווען אין ביאַליסטאָק און אונטערגעהונגערט... פונדעסטוועגן, אַז איך האָב נאָר עפּעס פאַרדינט, פלעג איך צושיקן צו מיין מאַמען אַ טייל...

און דאָ איז אויסגעבראָכן אַ הונגער אין אונזער קאָלאָניע. דאָס איז געווען דאָס צווייטע יאָר נאָך מיין טאַטנס טויט. עס איז פאַרברענט געוואָרן די תבואה (טוואוע) אויף די פעלדער און עס איז ניט געווען וואָס צו עסן פאַר די קאָלאָניסטן... די רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן קוקורוזע, אָבער ניט גענוג, איז ביי מיין מאַמען אין הויז געווען אַ גרויסער הונגער... מיין שוועסטער שיינע גיטל אַ קינד פון פיר יאָר, מיין ברודער אַלטער אין צענטן יאָר, און מיין ברודער נוטע אין זיבעטן יאָר, פלעגן נעבעך עסן גראָז... מיין שוועסטער שיינע גיטל איז איצטער אַ פאַרמעגלעכע פרוי, מען קען זאָגן אַ רייכע אויך, און זי דערציילט אין פריידן נאָך ביז היינטיקן טאָג וועגן יענער צייט, ווען זי האָט געגעסן גראָז מיט מיינע צוויי ברידערלעך...

די צוויי ברידערלעך זיינען שוין פון לאַנג געשטאָרבן און זייער יונג אויך.

איך קער זיך אום צוריק צו יענער צייט נאָך מיין טאַטנס טויט. ס'איז געווען שוין אַ יאָר נאָך זיין טויט און די ברידער האָבן שוין אָפּגעזאָגט קדיש, האָט מיין מאַמע אַוועקגעפירט מיין יונגערן ברודער, נאַטקען, קיין גראָדנע אין

תלמוד תורה (טאַלמוד־טוירע) צו לערנען. אין גראָדנע האָט מיין מאַמע געהאַט אַ גרויסע פאַמיליע, איז זי געגאַנגען צו זיי און האָט זיי דערציילט, אַז איר מאַן איז געשטאָרבן און זי קאָן זיך קיין עצה (אייצע) ניט געבן. איר מאַן האָט אַלץ פאַרקרענקט און זי האָט געבראַכט איר אינגל נאָטקע קיין גראָדנע זיך צו לערנען. ער איז איצט אַכט יאָר אַלט און זי וויל אַז אירע אייגענע זאָלן אַכטונג געבן אויף אים. ער איז דאָך אַזוי יונג, קאָן זי אים דאָך ניט איבער־לאָזן אויף הפקר (העפקער)... און זאָלן אירע אייגענע זען, אַז ער זאָל חס וחלילה ניט ליידן פון הונגער און ניט ווערן קיין שלעכטער אינגל. זי האָט אים באַשטעלט „טעג" , אָבער ניט אַלע...

איינער, דער מאַמעס אַ קוזין, האָט זיך אונטערגענומען געבן נאָטקען דריי טעג אַ וואָך עסן, און ער וועט שוין זען, אַז ס'זאָל אים גאָרניט פעלן... דעם דאָזיקן קוזין האָט מען גערופן אַברהם בערל. ער איז געווען דער פיינ־סטער מענטש אין דער וועלט. ער איז אפילו געווען אַ וואַסער־פירער. ער האָט געהאַט פערד מיט וועגענער און האָט געהאַלטן פרעמדע מענטשן, וואָס האָבן צעפירט וואַסער... און אַ שיינער איז ער געווען, אַז ס'איז געווען אַ פאַר־געניגן אויף אים צו קוקן, און גוט אויך, און אַ גרויסער בעל־צדקה (באַל־צעדאָקע). ער האָט געהאַט אַן אייגענע הויז, און נאָך אַ פאָר הייזער צו פאַר־דינגען... און אַז ער איז געפאָרן מיט דער וואַסער און האָט אָנגעטראָפן נאָטקען גיין לערנען אין תלמוד תורה, האָט ער קיינמאָל ניט אויסגעלאָזן, אַז ער זאָל אים צורופן צו זיך און אים פרעגן, צי ער האָט וואָס צו עסן, און אים געבן אַ צען קאָפּיקעס... אָבער מיין ברודערל איז געווען אַ שעמעוודיקער און אים ניט געזאָגט דעם אמת (עמעס), אַז עס פעלט אים אַ טאָג אָדער צוויי...

זיין ווייב האָט מען גערופן פעשע. זי איז געווען אַ הויכע און אַ שיינע, און זייער אַ גוטע. אַזוי גוט האָב איך נאָך ניט געטראָפן... ווען איך האָב ניט געהאַט קיין אַרבעט, פלעג איך אַמאָל קומען אין גראָדנע, איז אימער געווען ביי איר אָפן די טיר. זי איז געווען אַזוי גוט, אַז איך האָב שוין ניט געוואָלט גיין צו קיינעם פון מיינע אייגענע . . .

פעשע מיט אַברהם בערלען האָבן געהאַט דריי קינדער — צוויי מיידלעך מיט אַ אינגל. ער האָט געהאַט צוויי ברידער, איינער איז געווען אַ סאָלדאַט און ער איז געווען זייער אַ שיינער, און ער האָט שוין געדאַרפט באַלד קומען פון סלוזשבע (דינסט). איך האָב שוין פאַרגעסן ווי מען האָט אים גערופן. איך וועל זיך נאָך דערמאָנען. ער איז געווען דער צווייטער פון אַברהם בערלען. דעם דריטן האָט מען גערופן יהושע (אישיע), ער איז געווען אַ מולער און פאַרדינט אַסך געלט. דער אַברהם בערל האָט דאָס אַכטונג געגעבן אויף זיינע צוויי ברידער, ווען זייערע עלטערן זיינען געשטאָרבן זייער יונגע... מיין ברו־

דער נאַטקע האָט געלערנט אין גראַדנע אַ פּאָר יאָר, וויפיל געדענק איך ניט...
מיין ברודער נאַטקע איז געווען אַ דאַרער און אַ שוואַכער זיין גאַנץ לעבן.
ער האָט צופיל געהונגערט אין זיינע יונגע יאָרן...

.32

איצטער גיי איך שרייבן, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט מיין ברודער יהושע (אישיע). ער האָט זיך געוואָלט לערנען זיין אַ וועבער, אָבער פאַר'ן לערנען האָט מען באַדאַרפט באַצאָלן הונדערט רובל... ווי איר ווייסט פון פריער, איז ער געווען אַן אונטער־שמש, און האָט געגעסן אַ טאָג אַ וואָך ביי אַ באַלעבאָס, וואָס האָט אים ליב געהאַט. אברהם צייטעלעס, האָט מען גערופן דעם באַלע־באָס און ער איז געווען אַ ליינקעטניק. מיין ברודער האָט געבעטן דעם אַברהם צייטעלעס, ער זאָל אים אויסלערנען וועבן.

— האָסטו געלט? מען דאַרף דאָך האָבן הונדערט רובל!

האָט אים מיין ברודער געענטפערט:

— ווען איך וואָלט פאַרמאָגט הונדערט רובל, וואָלט איך דאָך געווען אַ רייכער מאַן און איך וואָלט מיט אייך ניט גערעדט, און וואָלט אַליין געוואָרן אַ פאַבריקאַנט.

אַברהם צייטעלעס האָט געלאַכט און אים אַריינגענומען אין פאַבריק און אים אויסגעלערנט צו וועבן. איז ער שוין געוואָרן אַ וועבער און ער האָט אָפּגעצאָלט שפּעטער די הונדערט רובל. ער האָט ביי אים געאַרבעט אַ לאַנגע צייט, אָבער ער האָט ניט פאַרדינט קיין סך. ווארום, ווען מען לערנט זיך צו וועבן דעם טוך דאַרף מען זיין זייער אָפּגעהיט, און אַז מען מאַכט אַ פעלער אין שטיק טוך דאַרף מען באַצאָלן. דעריבער האָט ער זיך ניט געיאָגט און קיין סך געלט ניט פאַרדינט, אַז ער זאָל קאָנען אַרויסהעלפן דער מאַמען מיט די קינדער...

ווי איך האָב שוין געשריבן, איז ביי מיין מאַמען געווען אַזאַ הונגער, אַז די צוויי קליינע קינדער האָבן געגעסן דאָס גראָז אויף דער גאַס. איך מיט מיין ברודער האָבן ניט געוואוסט. מיין מאַמע האָט אונז ניט געוואָלט שרייבן, מיר זאָלן ניט האָבן אַזוי פיל צער (צאַאַר)... פיל מאָל האָב איך ניט דערעסן, איך זאָל קאָנען שיקן אַ פּאָר רובל דער מאַמען מיט די קינדערלעך...

איך האָב אייך פריער דערציילט, ווי ס'איז געווען אַ טרוקעניש אין דער קאָלאָניע. האָבן דאָך די קי אויך ניט געהאַט וואָס צו עסן און זיינען געוואָרן צו דאַר פון הונגער און האָבן גאַנצע נעכט געמעקעט פון הונגער. און אַז די קי זיינען געווען הונגעריק האָבן זיי ניט געהאַט קיין מילך. און איך האָב

דאָך פריער געשריבן, ווי אַזוי פון דער מילך האָט מען געמאַכט פּוטער און קעז, און פאַרקויפט און געהאַט מיט וואָס אָנצוהאַלטן דאָס הויז. איצטער, אַז ס'איז געקומען דער גרויסער אומגליק מיט דער טרוקעניש, האָט די מאַמע שוין גאָרניט געקאָנט זיך אַן עצה (אייצע) געבן... דער גרויסער אומגליק איז געווע פאַר אַלע קאָלאָניסטן, אָבער פאַר מיין מאַמען, דער יונגער אַלמנה (אַלמאָנע) מיט קליינע יתומימלעך (יעסוימימלעך) — מערער ווי פאַר אַלע־מען. די קינדער אָרומגעריסענע, ניט געווען וואָס זיי אָנצוטאָן; ניט קיין העמד־לעך אויפן לייב, און ניט קיין שיכלעך אויף די פיס, און ניט קיין וואַרעמע קאָפּאָטקע אָנצוטאָן... מען האָט זיך אַזוי אָפּגעמאַטערט אַן אַ טאַטן ביי אַ דריי יאָר, ביז איך האָב שוין געקראָגן אַ גוטע פאַבריק צו שערן קעטן...

מיין ברודער יהושע (אישיע) האָט אויסגעלערנט מיין ברודער אַלטערן צו וועבן די טוך, וואָס מען מאַכט קאָפּאָטעס, דאָס מיינט אַ וועבער, און איר ווייסט וויפיל מיין ברודער אַלטער איז דעמאָלט אַלט געווען? ניט מער ווי אַ דרייצן צי פערצן יאָר. אַזאַ יונגער! אָבער וואָס האָט מען געקאָנט טאָן? עס איז אָבער געווען אַ גליק, וואָס ער איז געווען אַ הויכער מיט ברייטע ביינער. ער האָט אויסגעזען ווי אַ בחור (באָכער) פון אַכצן יאָר. דערפאַר האָט מיין ברודער יהושע אים געקאָנט אָריינגענעמען און האָט אים אויסגעלערנט. און אַלטער איז נאָך געווען אַ בעסערער וועבער ווי מיין ברודער יהושע . . .

.33

און אַז איך מיט די צוויי ברידער האָבן שוין געאַרבעט איז אונז שוין געווען אַביסל בעסער... איצטער האָבן מיר שוין גענומען טראַכטן, וואָס מען קאָן טאָן מיט דער מאַמען, מיט די קינדער, מיט נאָטקען, און מיט מיין קליין שוועסטערל גיטלען, צו ברענגען זיי אַלעמען קיין ביאַליסטאָק.

מיין ברודער יהושע האָט געלערנט מיין ברודער נאָטקען, וואָס איז דע־מאָלט אַלט געווען דרייצן יאָר, וועבן. ער איז געווען אַ פּעאיקער און איז באַלד געוואָרן אַ גוטער וועבער... ער איז געווען אַ קליין ייִנגל און האָט נאָך אויסגעקוקט קלענער ווי זיינע יאָרן, און פאַרוואָס? איך האָב געשריבן פאַר־וואָס: ער איז איינגעדאַרט געווען פון הונגער, ווען ער האָט געלערנט אין גראָדנע. אַז ס'האָט אים געפעלט אַ פּאָר טעג אין דער וואָך צו עסן, האָט ער ניט געוואָלט אויסזאָגן, און זוכן צו קריגן די פּאָר טעג, האָט ער זיך געשעמט... ער האָט זיך צוגעוואוינט ניט צו עסן... אין קאָלאָניע איז געווען גראָז, אָבער אין גראָדנע זיינען געווען געברוקירטע גאַסן, האָט ער ניט געהאַט קיין גראָז...

ווען אַן אינספּעקטאָר איז געקומען אין דער פאַבריק צו זען, אויב אַלץ־דינג איז אין אָרדענונג, פלעגט מיין ברודער יהושע פאַרבאַהאַלטן נאָטקען אונטערן שטול, ווייל ער איז נאָך געווען צו יונג צו אַרבעטן... אַליין אויף אַ שטול האָט נאָטקע נאָך ניט געקאָנט אַרבעטן. ער האָט אַ לאַנגע צייט געאַרבעט מיטן ברודער יהושען אויף איין שטול, ביז ער איז געוואָרן עלטער און גרעסער...

מען איז דורכגעקומען אַ סך צרות. איך ווייס טאַקע ניט, ווי אַזוי מען האָט דאָס געקענט דורכלעבן...

.34

איצט גיי איך שרייבן, וואָס איך האָבן פאַרגעסן צו שרייבן פריער:

דאָס איז געווען באַלד דעם זומער, ווען מיין טאַטע איז געשטאָרבן. ניט ווייט פון שטוב איז געווען אַ גרויס שטיק פעלד. מען האָט דאָס גערופן ביאַלע־שצינע. אינמיטן פעלד איז געווען אַ לאַנקע, וואָס האָט געוואַקסן אויף איר גראָז. אַרום דער לאַנקע האָט געוואַקסן קאָרן, אָדער ווייץ, אָדער אַנדערע תבואות... אַ גאַנצן זומער האָט מען דאָס גראָז געלאָזט וואַקסן, און ראש חודש אָב (אָוו) האָט מען דאָס גראָז אָפּגעקאָשעט און געהאַט אויף אַ גאַנצן ווינטער פאַר די בהמות (בעהיימעס). מען האָט דאָס גערופן מינקעצער פעלדער, ווייל ס'האָט זיך געגרעניצט מיטן דאָרף מינקעצע...

פון דער זעלבער ביאַלעשצינע האָט זיך געצויגן נאָך אַ שטיק לאַנקע, אַ שמאָלער פּאַס. עס איז געווען אָפּגעטיילט אַביסל. דעם פּאַס לאַנקע האָט מען גערופן שמאָלע־בלאָטקעס. אינמיטן איז געווען אַ טאָל און אין דעם טאָל איז געווען אַ טייכל. ביי ביידע זייטן טייכל האָט געוואַקסן גראָז. מען האָט דאָס גראָז געקאָשעט אין דער אייגענער צייט, ווען מען האָט געקאָשעט אין ביאַלע־שצינע... פאַרוואָס איך שרייב דאָס וועגן לאַנקעס? ווייל דעמאָלט איז מיין מאַמע געגאַנגען שניידן דעם קאָרן און האָט מיטגענומען מיין קליין שוועסטערל אין פעלד. ס'איז געווען זייער הייס, האָט די מאַמע איר אָפּגעבאָדן אין טייכל, און עס האָט באַלד געטראָפן אַן אומגליק. דאָס גאַנצע לייב ביי מיין שוועסטער האָט זיך אויסגעשאָטן מיט וואונדן. אויך דאָס פנים און די אויערן... איך געדענק, ווען איך און מיין ברודער יהושע זיינען געקומען אויף סוכות (סוקעס) אַהיים איז מיין שוועסטערל געלעגן זייער קראַנק און די וואונדן האָבן איר שטאַרק וויי געטאָן... מיין שוועסטער איז דעמאָלט אַלט געווען דריי און אַ האַלב יאָר...

ביי אונז אין קאָלאָניע איז געווען אַן אַלטער איד, זייער אַ פרומער, און ער פלעגט אַלע פרייטאָג קומען נאָך חלה־געלט. מען האָט אים גערופן דאָוויד

לייזער... מיין קליין שוועסטערל איז דעמאָלט געלעגן אויפֿן גרויסן אויוון, און זי האָט געזאָגט צום אַלטן דאָוויד לייזערן, אַז איר טוען אַזוי ווי די וואונדן, און זי קאָן ניט אויסהאַלטן פֿון ווייטאָג. האָט ער איר געזאָגט: — אַז איך וועל שטאַרבן, איך בין דאָך שוין אַזאַ אַלטער מאַן, זאָל דיין מאַמע דיך ברענגען און מיט מיין טויטער האַנט אָפּקייקלען דיין גאַנץ לייב...

ס'האָט געדויערט די קראַנקהייט אַ לאַנגע צייט, מער ווי אַ פּאָר יאָר, און אַז רעב דאָוויד לייזער איז געשטאָרבן, האָט מען טאַקע מיין שוועסטערל אַוועקגעפֿירט צו זיין פֿאַמיליע אין הויז. די פֿאַמיליע האָט זיך אַביסל געקווענקלט, אָבער, אַז די מאַמע האָט דערציילט אַז דאָוויד לייזער האָט אַליין צוגעזאָגט, האָט די פֿאַמיליע צוגעשטימט, און מען האָט מיטן טויטנס האַנט אָפּגעקייקלט מיין שוועסטערס לייב און זי איז געזונט געוואָרן... זיין נשמה (נעשאָמע) זאָל לייכטן אין גן־עדן (גאַניידען)...

.35

איך האָב פֿאַרגעסן צו שרייבן, אַז ווען מיין שוועסטערל איז אַלט געווען דריי חדשים (כאָדאָשים) און מיין מאַמע האָט געמוזט גיין שניט־צייט שניידן אויפֿן פֿעלד, האָט זי ניט געקענט מיטנעמען אַ פּיצל קינד פֿון דריי חדשים אין פֿעלד. האָט זי דאָס איבערגעלאָזן מיט מיין ברודער אַלטערן. ער איז נאָך קיין אַכט יאָר ניט אַלט געווען, און ער האָט געדאַרפֿט אַכטונג געבן אויפֿן קינד. ער האָט געדאַרפֿט ברענגען דער מאַמען אין פֿעלד צוויי מאָל אַ טאָג דאָס פּיצל קינד, זי זאָל דאָס אָנזייגן, דאָס קינד זאָל ניט פֿאַרדאַרט ווערן און ביי דער מאַמען זאָל די מילך ניט איבערברענען... ער האָט געדאַרפֿט טראָגן דאָס קינד זייער ווייט אויף די סקראַבליעסקער פֿעלדער ביי אַ צוויי וויאָרסט פֿון דער היים... איז וואָס־זשע האָט געטראָפֿן? מיין ברודער אַלטער האָט געוויקלט דאָס קינד אין וויקעלעך, דאָס אַריינגעלייגט אין אַ קישעלע און זיך געלאָזט מיט דעם קישעלע צו די פֿעלדער... און אַז ער איז געקומען צו דער מאַמען, און אַז די מאַמע האָט גענומען דאָס קישעלע — אוי, וויי! דאָס קינד איז ניטאָ... עס איז געווען אַ גרויסע שרעק... מען האָט גענומען לויפֿן זוכן דאָס קינד, און מען האָט דאָס געפֿונען אויפֿן אייגענעם וועג, וואָס מיין ברודער איז געגאַנגען. עס איז געווען אַ גרויסע שמחה וששון (סימכע וועסאָסען)...

איך האָב דאָס געדאַרפֿט שרייבן פֿריער, אָבער איך האָב פֿאַרגעסן... איך האָב אויך פֿאַרגעסן צו שרייבן, אַז דאָס טייכל, וואו מיין מאַמע האָט געבאָדן מיין קליין שוועסטערל אין שמאָלע־בלאָטקעס, האָט מען אַמאָל געזאָגט, אַז

טייוואַלים זיינען פאַראַן אין דעם טייכל... איך געדענק, ווען איך בין נאָך ניט געווען קיין גרויסע מיידל, און מיר, אַ קאָמפּאַניע מיידלעך, פלעגן גיין קלייבן יאַגעדעס אין שמאָלע־בלאָטקעס, האָבן מיר מורא (מוירע) געהאַט אַפּצושטיין איינער פון די אַנדערע, אַז קיין טייוול זאָל אונז ניט כאַפּן...

ווען מיין שוועסטערל שיינע גיטל איז געזונט געוואָרן פון דעם אויסשיט, וואָס זי האָט געפּאַקט אין דעם דאָזיקן טייכל, איז זי צוריק געוואָרן דאָס שיינע מיידל. איך קאָן זאָגן, אַז זי איז געווען אַ פאַרשוין אַ קינד, פון אַזוינע צרות (צאָרעס), און ניט האָבן וואָס צו עסן, און עסן גראָז, ווי איך האָב שוין געשריבן, און דאָך געוואַקסן אַזוי שיין...

.36

איך גיי איצטער אָנהייבן אַ נייע געשיכטע פון אונזער לעבן:

מיר איז שוין געוואָרן אַביסל בעסער. איך האָב שוין געאַרבעט ביי פּרייזמאַנען אין אַ גוטער פאַבריק און שוין פאַרדינט דריי רובל אַ וואָך... איך האָב שוין געשיקט מיין מאַמען וויפיל נאָר איך האָב געקענט. דריי רובל איז ניט קיין סך, אָבער אַליין האָב איך זייער געקאַרגט, אַבי איך זאָל קענען העלפן אין דער היים, און זען, אַז די מאַמע מיט מיין קליין שוועסטערל זאָלן קענען לעבן בעסער...

איך געדענק, ווי איך האָב געזען רייכע קינדער זיינען געגאַנגען אָנגעטאָן אין אויסגענייטע קאָסטיומען, אַזוי ווי די רוסישע פלעגן טראָגן: אַ רויטע לאַנגע בלוזקע אויסגענייט מיט שיינע בלומען און אַ ספּודניצע, אַ קליידל — דאָ רופט מען דאָס סקוירט, און די ספּודניצע איז געווען דער קאָליר פון נייווי בלוי, און אַ פאַרטוך פון ווייסער וואַרע, אויך אויסגענייט אין שיינע בלומען. כמעט (קימאַט) דער גאַנצער פאַרטוך, און די גאַנצע ספּודניצע, און די גאַנצע בלוזקע, זיינען געווען אויסגענייט אין שיינע בלומען... אַז איך האָב דאָס געבראַכט אויף יום־טוב (יאָנטעף) פאַר מיין קליין שוועסטערל, האָט זיך איר אַזוי שיין געפּאַסט... איך פלעג דאָס אויסנייען ביי דער נאַכט, דורכן טאָג האָב איך ניט געהאַט קיין צייט. עס האָט זיך מיר זייער איינגעגעבן דאָס אויס־נייעכץ. ביי אונז אין קאָלאָניע איז דאָס געווען אַ גרויסע איבערראַשונג, ווייל אין דער קאָלאָניע האָט מען אַזוינע קאָסטיומען ניט געזען, אָבער אין אַדעלסק האָט מען דאָס יאָ געזען... אין אַדעלסק זיינען איינגעשטאַנען אַפּיצערן און די אָפיצערישע קינדער פלעגן טראָגן אַזוינע קאָסטיומען...

איך האָב שוין געשריבן פריער, אַז מיינע ברידערלעך האָבן זיך אויס־געלערנט צו זיין וועבער. זיי זיינען נאָך געווען אַזוי יונג און זיי זיינען געשלאָפן

אין דער פֿאַבריק, וואו זיי האָבן געאַרבעט. איך פֿלעג גיין אין פֿאַבריק און אויפֿקלייבן זייערע וועש. (אין ביאַליסטאָק האָט מען דאָס גערופֿן גרעט). איך האָב אויסגעוואַשן זייערע העמדער, זייערע גאַטקעס זייערע שקאַרפּעטקעס. איך האָב פֿאַרציִרעוועט די שקאַרפּעטקעס מען זאָל ניט דאַרפֿן קויפֿן קיין נייע...

אין דער פֿאַבריק, וואו איך האָב געאַרבעט, איז געווען אַ פּאַראָווקע (אַ מאַשיין וואָס איז געגאַנגען אויף פּאַרע). אַרום צוועלף דעם זייגער האָט זיך אָפּגעשטעלט די פּאַראָווקע, ווייל די אַרבעטער האָבן געדאַרפֿט עסן מיטאָג. מיר מיידלעך האָבן געהאַט אַ שעה (שאָ) צייט צו עסן און צו רוען ביז די פּאַראָווקע האָט אָנגעהויבן ווידער צו גיין... אין דער שעה פֿון מיטאָג האָב איך געוואַשן דאָס גרעט פֿאַר מיינע ברידערלעך. עס איז געווען הייסע וואַסער פֿון דער פּאַראָווקע, און די וואַסער איז געווען מיט זייף אויך. ניט נאָר איך איינע האָב געוואַשן, נאָך מיידלעך האָבן אויך געוואַשן... און פּרעסן האָב איך גע־פּרעסט ביי מיר אויף סטאַנציע...

איך האָב אויפֿגענייט פֿאַר זיך אַליין אַ שיינע ספּודניצע אין שיינע פּאַסן, ווייסע מיט רויטע. די ספּודניצע אויפֿגעקליבן, דאָס מיינט געגעדערט, אַזוי ווי היינטיקע סקוירטס. איך האָב אויך אויפֿגענייט פֿאַר זיך אַליין אַ שיינע בלוזקע פֿון רויטער וואַרע, איז דאָס געווען אַזוי שיין, אַז אַלע האָבן זיך איינגעקוקט... איך האָב אַזוי האָלט צו גיין שיין געקליידט. איך געדענק עס איז אַרויס אַ סטייל, אַ מאָדע, שוואַרצע טעפּעטענע קליידער און איך האָב באַלד דאָס אויפֿ־גענייט. דאָס קלייד איז געווען געפּוצט מיט אַ סך מאַריי. מאַריי האָט געקאָסט זייער טייער. דאָס איז געווען אין בלומען. און דאָס קלייד איז כמעט (קימאַט) אַלץ געווען אויסגעפּוצט אין מאַריי... איינן אַמאָליקע צייטן, ווען עס איז געווען ביליק צו מאַכן זאַכן, האָט מיר געקאָסט 25 רובל...

מיר האָבן נאָך געוואוינט אין דער קאָלאָניע, און מיר זיינען געפֿאָרן אויף סוכות אַהיים צו דער מאַמען. איך געדענק וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן מיט דער טייערער קלייד, וואָס איך האָב אויפֿגענייט. קיינער אין דער קאָלאָניע האָט נאָך אַזוינע שיינע קליידער ניט געטראָגן...

באַלד נאָך סוכות בין איך צוריקגעפֿאָרן קיין ביאַליסטאָק צו דער אַרבעט. דאָס קלייד האָב איך איבערגעלאָזט ביי מיין מאַמען. אין אַ פּאָר חדשים אַרום בין איך אוממישנע, אַ פֿרייטאָג בייטאָג געפֿאָרן אין דער קאָלאָניע נאָך מיין שיין קליידל. און איר ווייסט פֿאַרוואָס? אַ מיידל אין פֿאַבריק איז געגאַנגען חתונה (כאַסענע) האָבן. איך האָב געהאַט עטלעכע שיינע קליידלעך מיט מיר, אָבער ניט אַזוינע שיינע, ווי די וואָס איך האָב איבערגעלאָזט ביי דער מאַמען. ס'איז טאַקע געווען דאָס שענסטע קלייד אויף דער חתונה...

אין אַ יאָר אָדער צוויי זיינען אַרויסגעקומען אַנדערע מאָדעס. מען האָט

געטראָגן גרויע קליידער מיט סאַמעטענע אַרבל. אַוואו איך האָב געוואוינט, האָבן געוואוינט רייכע לייטע און זייערע טעכטער האָבן געטראָגן גרויע קליי־דער מיט סאַמעטענע אַרבל. איך האָב דאָס נאָר דערזען און איך האָב שוין אויך געהאַט אַזאַ גרויע קלייד מיט סאַמעטענע אַרבל...

איך האָב זיך זייער שיין געסטראָיעט און עס האָט זייער שיין געפּאַסט צו מיר. איך בין ניט געווען קיין פּעטע און איך האָב געהאַט אַ שיינע טאַליע. דערפאַר האָבן די מיידלעך זיך געוואָלט חברן (כאַווערן) מיט מיר און זיי האָבן מיך געהאַלטן פאַר אַ געלערנטע. איך בין ניט געווען קיין געלערנטע. איך האָב געקענט דאַווענען, לייענען גוט אַ צייטונג אין אידיש. איך האָב געקענט שרייבן אַביסל רוסיש און געקענט לייענען אַ רוסישן בוך. טאַקע ניט זייער גוט, אָבער געקענט און געוואוסט וואָס איך לייען.

שבת זיינען מיר אַלע מיידלעך געגאַנגען שפּאַצירן אויף וואַרשעווער גאַס. איך געדענק איך האָב געטראָגן אַ שיינעם פּליושענעם דזשעקעט. דעם פּליוש האָב איך געקויפט אין קאַנטאָר ביי מיין פאַבריקאַנט אויף אויסצוצאָלן. איך האָב די סחורה (וואַרע) געגעבן צו אַ דאַמסקן שניידער, ער זאָל מיר אויפ־נייען דעם דזשעקעט. עס איז געווען אַזאַ מין דרייפערטלדיקער מאַנטל. צו דעם האָב איך געטראָגן אַ ווייס־פּליושן היטעלע, אַזוי ווי אַ מענערש. איך האָב אויך געטראָגן קאַלאָשן, און שבת פאַרנאַכט געגאַנגען שפּאַצירן מיט מיינע חברטעס און געהאַט אַזוי פיל פאַרגעניגן.

אַ סך מאָל פלעג איך גיין שפּאַצירן מיט מיין ברודער יהושען (אישיען) און וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן עס איז געווען. דער פראָסט האָט געברענט און דער שניי האָט געשאָטן...

37.

לעבן דעם פלאַץ, וואו איך האָב געוואוינט, איז געווען אַ קראָם, אַזוי ווי דאָ אַ גראָסערי, און איך האָב ביי זיי אַלץ געקויפט. ביי זיי איז געווען אַ ליידי־קער צימער, האָט מיר מיין באַלעבאָסטע גע'שדכ'נט (געשאַדכענט) איך זאָל נעמען דעם צימער פאַר מיר מיט מיינע ברידער. אַזוי איז טאַקע געווען. איך האָב טאַקע גענומען דעם צימער. זיי האָבן געהאַט אַ דינסט און זי האָט פאַר אונז געקאָכט וועטשערע. איך פלעג צוגרייטן און די דינסט זייערע האָט אָפּגעקאָכט די בעסטע וועטשערע און מיינע ברידערלעך האָבן אָפּגעלעבט... זיי זיינען שוין ניט געשלאָפן אין דער פאַבריק...

מיר האָבן ביי די מענטשן געוואוינט מער ווי אַ יאָר. זיי זיינען געווען זייער גוטע און געלערנטע און רייכע... עס האָט פּאַסירט, אַז זיי האָבן פאַרקויפט

זייער קראַם און מיר האָבן געדאַרפט אַרויסגיין פון זיי. מיר האָבן געוואוינט אין יורעפּצער גאַס. עס איז געווען לעבן ביאַליסטאָצעק. אויף דער זעלבער גאַס איז אויך געווען די פאַבריק, וואו איך האָב געאַרבעט, און עס איז געווען אַ שאַד אַזאַ גוטן צימער און אַזוינע גוטע מענטשן... אָבער איך האָב זיך ניט געקענט העלפן און געגומען זוכן אַן אַנדער צימער. מיר זיינען דאָך געווען פיר מענטשן און מיר האָבן געדאַרפט אַ גרויסן צימער, און מען האָט געדאַרפט אַז מען זאָל פאַר אונז קאָכן...

מען האָט אונז פאַרגעשלאָגן אַ צימער ביי ניט קיין רייכער פאַמיליע. דער מאַן איז געווען אַן אַלטער און האָט ניט געקענט קיין סך פאַרדינען. מען האָט אים גערופן איצי יאַנקל. זיין ווייב האָט מען גערופן רחל (ראָכל) איצי יאַנקלס. זיי האָבן געהאַט פיר טעכטער. צוויי זיינען שוין געווען חתונה־געהאַט־טע. איינע האָט מען גערופן דינה. איר מאַן האָט מען גערופן בערל. ער איז געווען אַ בלעכער און אַ קראַנקער און האָט ניט געקענט מאַכן קיין לעבן, און די אָרעמע מאַמע האָט זיי אַרויסגעהאָלפן. און וואָס האָט די מוטער געטאָן? זי פלעגט גיין אין רייכע הייזער קאָכן און אַמאָל גיין צו אַ קימפּעטאָרין זיין אַ וואָך־פרוי...

פון דער צווייטער טאָכטער האָבן שוין די עלטערן געהאַט מער נחת (נאַכעס). איר האָט מען גערופן שיינע כאַשקע; איר מאַן האָט מען גערופן ישראל (יִיסראָעל). ער איז געווען אַ דאַמסקער שניידער און געניית קליידער פאַר רייכע פרויען... איז נאָר אַרויסגעקומען אַ נייע מאָדע, איז ער געווען דער ערשטער מיט דער נייער מאָדע... ביי אים האָבן געאַרבעט עטלעכע מייד־לעך שניידערקעס... ער איז געווען זייער גוט צו זיין ווייבס עלטערן. ער איז געווען צו זיי בעסער, ווי אַ זון, און זיי האָבן זיך גע׳יחסנ׳ט (געיאַכסענט) מיט דעם גוטן איידעם.

די דריטע טאָכטער האָט מען גערופן דריינע. זי איז געווען אַ נופּערקע; ניט קיין הויכע, אָבער אַ קלוגע און אַ שיינע. זי האָט נאָך ניט חתונה געהאַט. מיט דער דריינען האָב איך געאַרבעט אין איין פאַבריק ביי לייזער ענדלערן. זי האָט געגופּט און איך האָב געשוירן די קעטעס.

די פערטע טאָכטער איז נאָך געווען אַ יונג מיידל פון אַ יאָר זעכצן און זי איז שוין געווען אַ שניידערקע, און האָט זיך טאַקע ביים שוואָגער אויסגעלערנט זיין אַ שניידערקע... פאַרוואָס איך באַשרייב די דאָזיקע פאַמיליע, ווייל זי האָט געהאַט אַ סך צו טאָן מיט מיר און מיט מיין ברודער יהושען. דאָס וועל איך שרייבן שפּעטער אַביסל...

די רחל איצי־יאַנקלס, ביי וועלכער מיר האָבן געוואוינט, פלעגט קויפן

שפּיז פֿאַר מיר מיט די ברידערלעך און איך האָב צוגעגרייט און זי האָט געקאָכט פֿאַר אונז און ביי זיי איז אונז אויך געווען גוט...

אין דעם הויז איז אַריינגעגאַנגען אַ יונגערמאַן. ער האָט געקענט שרייבן אידיש, פּויליש און פֿיין רוסיש. ער איז געקומען פֿון דער דינסט און ער האָט זיך ניט געהאַט צו וואָס צו נעמען, האָט ער געקריגן אַביסל אידישע שטונדן. ער האָט פֿאַרדינט אפשר צוואַנציק רובל אַ חודש (כוידעש)... איך האָב געזען, ווען איך בין געגאַנגען פֿון דער אַרבעט, אַז עמיצער גייט מיר נאָך. ווען איך בין אַריין אין שטוב, איז ער אויך באַלד אַריינגעקומען. מיין באַלעבאָסטע האָט מיך באַקענט מיט אים, אָבער איך האָב זיך אפילו ניט אינטערעסירט מיט אים. איך האָב קיין צייט ניט געהאַט. מיינע ברידערלעך האָבן געדאַרפֿט קומע עסן וועטשערע און איך האָב געדאַרפֿט צוגרייטן. האָב איך גאָרניט גערעדט מיט אים און ער מיט מיר אויך ניט. ער האָט גערעדט מיט דער באַלעבאָסטעס מיידלעך. ס'האָט מיך ניט געאַרט ווער ער איז. איך האָב געהאַט מיינע אייגענע זאַכן צו באַזאָרגן. עס האָט אים זייער פֿאַרדראָסן און ער איז אַוועק . . .

די באַלעבאָסטע האָט מיך נאָכער געפֿרעגט, ווי געפֿעלט מיר דער יונגער־מאַן? האָב איך איר געזאָגט, וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט מיר? האָט זי מיר שוין דערציילט, אַז זי וויל מיר ריידן מיט אים אַ שידוך... האָב איך איר געזאָגט, אַז איך ווייס ניט צי איך בין אינטערעסירט. זי האָט מיר גאָרניט געענטפֿערט אויף דערויף...

ער איז געקומען צו איר אינמיטן דער וואָך און די באַלעבאָסטע האָט אים געזאָגט, אַז זי האָט אַ טאָכטער, דינה, און זי וואוינט אין דער גאָווי, און זי האַלט דאָרטן אַ סאָד. (אַ סאָד מיינט אַ גאָרטן, וואו עס וואַקסן פּרוכטן: עפּל, באַרנעס, פֿלוימען, אַגרעסן, וויינפּערלעך, קאַרשן אַלערליי. דער סעזאָן פֿון די סעדער איז אינמיטן זומער. דער רעכטער סעזאָן פֿון אַלע פּרוכטן איז אין די מאָנאַטן: תמוז (טאַמעז), אָב (אָוו), אלול (עלעל). אין די מאָנאַטן גייט מען שפּאַצירן שבת אין די סעדער, מיידלעך און אינגלעך). די באַלעבאָסטע האָט אָפּגערעדט מיט דעם יונגנמאַן, ער זאָל קומען נאָך מיטאָג שבת צו איר טאָכטער אין סאָד, וועט ער מיך דאָרט טרעפֿן. (אין סאָד איז געווען אַ פּאַוויליאָן אויך. אין פּאַווי־ליאָן אין דער אַלטאַנקע האָט מען געגעסן די פּרוכטן און געטרונקען סאָדע־וואַסער. סאָדע־וואַסער פֿלעגט מען צאַפּן פֿון אַ סיפֿאָן, אַזוי ווי דאָ אין אַמעריקע וואָס מען צאַפּט דאָ די סאָדע־וואַסער אין אַ קענדי־סטאָר...). אַז די באַלע־באָסטע האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל קומען שבת בייטאָג צו איר טאָכטער אין סאָד זיך טרעפֿן מיטן יונגנמאַן אין פּאַוויליאָן, האָב איך איר געענטפֿערט, פֿאַרוואָס האָט ער מיר ניט געפֿרעגט צי איך וויל גיין אין סאָד... איך בין טאַקע ניט געגאַנגען...

איצטער גיי איך דערציילן, וואָס עס האָט מיט מיר געטראָפן מיט אַ דריי־פיר יאָר פריער. איך האָב זיך איצטער דערמאָנט, ווייל איך האָב גע־שריבן וועגן אַ סאָד... עס האָט אויסגעבראָכן אין ביאַליסטאָק די כאָליערע. דאָס מיינט אַ מגפה (מאַגייפע). מענטשן זיינען געפאַלן ווי פליגן. איך האָב שוין דעמאָלט געאַרבעט ביי פּרייזמאַנען אין פאַבריק. איך בין איינגעשטאַנען אין אַ צימער ניט ווייט פון דער וואַרשעווער גאַס. מיין באַלעבאָסטע האָט געהאַלטן אַ סאַר און זי האָט מיך געבעטן איך זאָל קומען אין סאָד שבת נאָך מיטאָג. זי האָט געזאָגט צו מיר:

— וואָס דאַרפסטו זיין אַ גאַנצן טאָג אַליין אין שטוב; קום בעסער אין סאָד.

מיר איז טאַקע געווען אומעטיק אין הויז. איך האָב געהאַט אַ סך פלעצער צו גיין, אָבער איך בין ניט געגאַנגען, ווייל מען האָט מורא (מוירע) געהאַט צו גיין צו עמיצן צוליב דער כאָליערע. נו, אַז מען האָט אין ערגעץ ניט געטאָרט גיין, בין איך אַוועק אין סאָד און זיך אָנגעגעסן מיט אַגרעסן און מיט נאָך זאַכן. און וואָס מיינט איר האָט פּאַסירט? איך האָב באַלד ווען איך בין געקומען אַהיים געקראָגן די כאָליערע...

ווען מען האָט מיך שבת ביינאַכט צוגענומען אין באַראַק, בין איך געווען מער טויט ווי לעבעדיק. איך געדענק, ווי מענטשן זיינען געשטאַנען און גערעדט: „אַן עלנטע מיידל נעבעך. מען וועט זי באַלד פּטרן" — אַז מען נעמט שוין אין באַראַק קומט מען שוין ניט אַרויס קיין לעבעדיקע...

אַ באַראַק האָט געמיינט אַ האָספּיטאַל. אויף דער גומיאַנער גאַס האָט די שטאָט צוגענומען אַ גרויסן מויער. עס איז געווען אַזאַ גרויסע געביידע, אַזוי גרויס, ווי דאָ אין לאָס אַנדזשעלעס דער „קאַונטי האָספּיטאַל." אין דעם דאָזיקן באַראַק האָט מען געפירט פון דער גאַנצער שטאָט, רייכע און אָרעמע. מען האָט ניט געטאָרט האַלטן אין הויז די וואָס זיינען געווען קראַנק אויף דער כאָליערע, ווייל מען האָט זיך אָנגענומען איינער פון צווייטן...

דיי וואָס זיינען געשטאָרבן האָט מען באַשאָטן מיט וואַפּנע און באַלד אויפן הויף פאַרברענט... עס איז געווען אַ גרויסער טרויער אין שטאָט. פון דער פאַמיליע האָט קיינער ניט געטאָרט קומען אין באַראַק זיך זען מיטן קראַנקן, ווייל די גאַנצע פאַמיליע קאָן זיך נאָך אָננעמען. אַנדערע האָט מען אין די שטיבער פאַרברענט... עס איז טאַקע געווען אַזאַ מגפה (מאַגייפע), עס זאָל שוין קיינמאָל אין לעבן ניט טרעפן...

איך און יהושע (אישיע) און אַלטער זיינען געווען אין ביאַליסטאָק. מיין ברודער אַלטער איז נאָך געווען אַ בחורל (באָכערל) פון פערצן יאָר.

מיין ברודער יהושע האָט אים אַוועקגעשיקט אין דער קאָלאָניע, אַז ער זאָל זיין מיט דער קליינער שוועסטערל אין דער היים און מיין מאַמע זאָל מיך גיכער קומען זען, אויב איך וועל בלייבן לעבן... מיין מאַמע איז באַלד אויף מאָרגן מיך געקומען זען. מען האָט איר אָבער ניט צוגעלאָזט...

מיין ברודער האָט זיך געקענט מיט די דאָקטוירים, און די דאָקטוירים האָבן אים אַריינגעלאָזט אין באַראַק מיט דעם באַדינג, אַז ער זאָל העלפן אין באַראַק... מיין ברודער האָט אַ גאַנצע נאַכט געאַרבעט אין שפּיטאָל ביי אַנדערע קראַנקע, כדי (קעדיי) ער זאָל אַכטונג געבן אויף מיר. ער האָט אַכטונג גע־געבן אויף מיר און איך בין געבליבן לעבן... מיט מיר איז אויך געלעגן נאָך אַ מיידל.. איר האָט מען גערופן ראָזע. זי איז געווען איינע פון די גערעטע־וועטע. זי איז געווען פון אַ פּויליש שטעטל פּרוזענע. זי איז געווען אַ יתומה (יעסוימע). זי האָט געדינט אין ביאַליסטאָק.

אין אַ וואָך שפּעטער האָט מען שוין מיין מאַמען אַריינגעלאָזט מיך זען. דאָס איז געווען פרייטאָג. די מאַמע האָט געמוזט פאָרן אַהיים, ווייל אין דער היים איז דאָך געבליבן מיין קליין שוועסטערל מיט מיין ברודער אַלטערן...

איך בין געווען צוויי וואָכן אין באַראַק, און איך געדענק, אַז ווען איך בין אַרויס פון באַראַק האָט מיך מיין ברודער געפירט ביי דער האַנט, אַז איך זאָל ניט אומפאַלן... די מענטשן וואָס זיינען געשטאַנען אויף דער גאַס און געזען ווי מיין ברודער פירט מיך ביי דער האַנט, האָבן זיך געוואונדערט, ווייל, ווי איך האָב געזאָגט פריער, אַז מען האָט צוגענומען אין באַראַק מיט דער כאָליע־רע, איז מען שוין פון דאָרטן קיין לעבעדיקע ניט אַרויסגעגאַנגען...

איצטער וועל איך דערציילן, וואָס מען האָט געטאָן פאַר אַ סגולות (סגו־לעס), אַז די כאָליערע זאָל אויפהערן: די שטאָט האָט גענומען אַן אָרעמען בחור (באָכער) אַ יתום (יאָסעם) און אַן אָרעמע מיידל אַ יתומה (יעסוימע) און מען האָט זיי חתונה געמאַכט אויפן בית־עולם (בייס־אוילעם)... אין די בתי־מדרשים (באָטע־מידראָשים) האָט מען געזאָגט תהילים (טילים)... אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָט די כאָליערע אויפגעהערט...

.39

ביי רחל איצי־יאַנקלס האָבן מיר געוואוינט אַ פּאָר יאָר. דער מאַמען אין דער קאָלאָניע איז געווען ניט גוט. זי האָט געהאַט אַ סך צרות (צאָרעס) פון מיין טאַטנס אַ ברודער. מען האָט אים גערופן אַרטשיק. דער אַרטשיק

איז געווען אַ ברודער מיט מיין טאַטן פֿון איין פֿאָטער, אָבער ניט פֿון איין מאַמען... אונזער שייער איז געווען צוגעבויט צום זיידנס. ווען מיין טאַטע האָט געבויט דעם שייער איז נאָך אַרטשיק געווען אַ קליינער אינגל. ווען דער זיידע איז שוין געווען געשטאָרבן, און מיין טאַטע אויך, איז דער אַרטשיק שוין געווען דער באַלעבאָס פֿון צוויי חלקים (כאַלאָקים) פֿעלד. דער שייער איז דאָך געווען איינער לעבן אַנדערן, האָט אַרטשיק געהאַט אַ היתר (העטער), אַז ביי אייגענע מעג מען צונעמען. און ער האָט טאַקע צוגענומען. האָט מיין מאַמע צו אים געזאָגט: „סטייטש, פֿאַרוואָס האָסטו ביי מיר צוגענומען אַ דוואַנאַסקע קאָרן?" פֿלעגט ער זיך נאָך כאַפּן שלאָגן... ער פֿלעגט איר טאָן נאָך אַנדערע צו'להכעיס'ן (צולאָכעסן).

אַז מיר זיינען געקומען אַהיים אויף סוכות (סוקעס), האָט די מאַמע אונז דערציילט, ווי זי ליידט זיך אָן פֿון אונזער אָנקל אַרטשיק. האָבן מיר זיך באַקלערט, אַז מיר זאָלן נעמען זוכן אַ הויז און ברענגען דער מאַמען מיטן שוועסטערל קיין ביאַליסטאָק...

ביי אונז אין שטוב אין דער קאָלאָניע האָט מיט מיין מאַמען געוואוינט אַ פֿאַמיליע. דעם מאַן האָט מען גערופֿן מאיר (מייער) דער רויטער, זיין ווייב האָט מען גערופֿן לאה מאירס (לייע מייערס). האָט מיין מאַמע זיי פֿאַרדונגען אונזער הויז, פֿאַרקויפֿט די בהמות (בעהיימעס), אויסגעדראָשן די גאַנצע תבואה (טוואוע)...

איך מיט מיינע ברידער האָבן דערווייל אָפּגעדונגען אַ שטוב אין ביאַלי־סטאָק פֿון זעקס צימערן. מיר האָבן צוגעקויפֿט אַביסל מעבל... מיר האָבן געקענט אַ מאַן מיטן נאָמען דוד (דאָוויד) איציס. ער איז געווען אַ ליינקעטניק. ער פֿלעגט אַרויסנעמען ביי פּרייזמאַנען קעטעס צו וועבן. ער האָט אויסגעבויט אַ נייע שטוב און אונז פֿאַרדונגען. די אַלטע שטוב איז געווען אין הויף. זיין נייע שטוב איז געווען אין פֿראָנט (פֿון פֿאַרנט, צו־דער־גאַס־צו). די גאַס האָט מען גערופֿן יורעפּצער גאַס. עס איז געווען זייער נאָענט פֿון דער פֿאַבריק, וואו איך האָב געאַרבעט... אַז מיין מאַמע מיט מיין שוועסטערל זיינען שוין געווען מיט אונז צוזאַמען, איז אונז שוין געווען זייער גוט. די מאַמע האָט פֿאַר אונז געקאָכט און געטראָגן פֿאַרנאַכט מיינע ברידערלעך עסן. וועטשערע האָט מען דאָס גערופֿן. מיר האָט מיין שוועסטערל אויך געטראָגן עסן. אַזוי ווי איך האָב געאַרבעט זייער נאָענט, האָט מיר מיין שוועסטערל געטראָגן צוויי מאָל אַ טאָג עסן...

מיר האָבן אויסגעמעבלט אונזער שטוב זייער שיין. אונז איז געגאַנגען ניט שלעכט. אַלע האָבן פֿאַרדינט. די מאַמע האָט נאָך פֿאַרדונגען אַן איבעריקן

צימער אין הויז צו צוויי מיידלעך. זיי זיינען געווען שוועסטער און אונזער מחותנעשאַפט (מעכוטענעשאַפט). זיי האָבן געאַרבעט מיט מיר צוזאַמען. איינער האָט מען גערופן שרה (סאָרע), דער צווייטער צביה (ציוויע). מיין טאַטנס אַ ברודער ירחמיאל (ראַכמיעל) פון איין טאַטן, אָבער ניט פון איין מאַמען, האָט חתונה געהאַט פאַר זייערער אַ שוועסטער. ער איז געווען אַ שיינער יונג און געקאָנט שרייבן און לערנען אויך. ער האָט דאָס מיך אויס־געלערנט צו שרייבן אַ בריף אין איין חודש (כוידעש)...

פון אים איז דאָ אַ סך צו שרייבן. עס איז געווען אַ מאָדע, אַז די בחורים (באָכרים) וואָס האָבן געקענט שרייבן און לערנען, פלעגן אַוועקגיין אין די דערפער צו רייכע פאָסעסאָרס (פאַרמער) לערנען זייערע קינדער... מיין טאַטנס ברודער ירחמיאל איז דאָס געווען אַ לערער ביי די עלטערן פון די מיידלעך. וואָס האָבן געהאַלטן ביי אונז קוואַרטיר... זייערע עלטערן האָבן געהאַלטן אַ הויף. דעם הויף האָט מען גערופן, קראַלע. עס איז געווען ניט ווייט פון אונזער קאַלאַניע, אַ פיר מייל, און פון ביאַליסטאָק ביי אַ פיר מייל. ער האָט געלערנט מיט די אינגלעך אין דעם הויף, און אויך מיט די מיידלעך... דער פאָסעסאָר איז געווען פאַרמעגלעך. מיין אָנקל ירחמיאל האָט זיך פאַר־ליבט אין זייער עלטערער טאָכטער. מען האָט זי גערופן פייגל. זי איז געווען אַ היבשע, אַ גראָבע, אַ שוואַרצע און האָט זיך פאַרהייַקעוועט. ער האָט זיך געקוואָפּעט וואָס זי האָט רייכע עלטערן — אַ שמאַלץ־גרוב... איז די שמאַלץ אויסגערונען און דער גרוב איז געבליבן... זייער מאַמע איז קראַנק געוואָרן און איז געשטאָרבן... זייער טאַטע האָט חתונה געהאַט צום צווייטן מאָל און איז פאַראָרעמט געוואָרן... אַלע קינדער האָבן געמוזט אַנטלויפן... מיין אָנקל ירחמיאל איז געקומען אין קאַלאַניע מיט זיין ווייב פייגלען. ער האָט גענומען זיין חלק (כיילעק) פעלד, וואָס אים איז געקומען פון זיין ברודער ארטשיקן... מיין אָנקל ירחמיאל, ווען ער איז געקומען אין קאַלאַניע, האָט ער שוין געהאַט צוויי מיידלעך... איך האָב פאַרגעסן צו שרייבן, אַז דעם פאָסעסאָר האָט מען גערופן מענדל קראַלער, און זיין פרוי האָט מען גערופן מינדל... פאַרוואָס האָב איך דאָס אַלעס פאַרשריבן? ווייל ס'איז פאַרבונדן מיט מיין אָנקל, און אויך מיט מיינעם אַ ברודער אַלטער.. איך וועל שפּעטער דערפון שרייבן מער...

יאָ, זיך שוין ניט געדאַרפט אַרומוואַלגערן אין פרעמדע פלעצער מיט מיינע ברידערלעך אין איין צימער זאַלבעפערט, און מיר האָבן שוין געהאַט זעקס צימערן, און מיין מאַמע האָט געהאַלטן זייער שיין די שטוב... מיר האָבן זיך זייער געפרייט. עס פלעגן קומען צו מיר קאָמפּאַני, און צו מיין ברודער יהושען, און צו די קליינע קינדערלעך אויך...

.40

איר געדענקט, וואָס איך האָב אייך פריער געשריבן, וועגן אַ יונגען־מאַן, וואָס מיין פריערדיקע באַלעבאָסטע, וואו איך האָב ביי איר געוואוינט, („אונטער דער טורמע“ האָט מען גערופן די גאַס און אויך „וואשליקאָווער גאַס“), האָט באַשטימט ער זאָל זיך טרעפן שבת בייטאָג מיט מיר אין איר טאָכטערס סאָד. מיך האָט זי אפילו פריער ניט אָנגעפרעגט, און איך האָב זי ניט געוואָלט טרעפן. דער יונגערמאַן איז יאָ געקומען אין סאָד און איז געווען זייער אין כעס (קאַס) וואָס איך בין ניט געקומען, און האָט געזאָגט דער באַלע־באָסטע, אַז ער האָט אַן אַנדער מיידל, וואָס ער האָט ליב, און האָט זיך מיט איר שוין געליבט אַ לאַנגע צייט. מיין פריערדיקע באַלעבאָסטע, רחל איצי־יאַנקלס, האָט דאָס מיר נאָכדעם דערציילט... ער איז געווען פון אַ שטעטעלע בראָק, טשיזעווער אויעזד, לאָמזער גובערניע, און ניט ווייט פון לאָדזש... ער, דער יונגערמאַן, וואָס איך באַשרייב, האָט ניט געהאַט קיין עלטערן, און ער האָט זיך געהאָדעוועט ביי אַ רייכן פעטער. און דאָ, ווען ער האָט געהאַט דעם דורכפאַל אין סאָד, איז ער אַוועקגעפאָרן צום פעטער און האָט אים אַלץ דער־ציילט. דער פעטער זיינער איז געווען אַ קלוגער מאַן און האָט אים געלערנט ער זאָל פאָרן צוריק קיין ביאַליסטאָק און מיך איבערבעטן. ער האָט טאַקע געפאָלגט דעם פעטער און ער איז געקומען אין ביאַליסטאָק און איז געגאַנגען צו רחל איצי־יאַנקלס און איר געבעטן זי זאָל גיין מיט אים צו מיר און מיך בעטן איך זאָל אים פאַרגעבן...

ער איז געקומען צו מיין מאַמען אין שטוב מיט רחלען און ער האָט איר געפרעגט אַוואו איך בין, און זי האָט אים געזאָגט, אַז איך בין אַוועק צו אַ חברטע (כאַווערטע) אַלטע, אויף דער וואשליקאָווער גאַס, אויך ניט ווייט פון דער פריערדיקער דירה, וואו איך האָב געוואוינט.

אַזוי ווי איך זיץ צוזאַמען מיט אַלטען און מיר פאַרברענגען, ווי עס טוט זיך אַן עפן די טיר און ס'קומט אַריין רחל און זאָגט מיר, אַז דער יונגערמאַן, וואָס זי האָט מיר געוואָלט פאַר'שדכענען, שטייט אינדרויסן און וויל מיך זען... זאָג איך איר, וואָס־זשע, ער וויל מיר ווייטער דערציילן, אַז ער האָט אַן אַנדער מיידל? רחל האָט געזען, אַז איך וויל ניט גיין, האָט זי גענומען בעטן מיין כאַווערטע אַלטען, אַז זי זאָל מיך בעטן איך זאָל אַרויסגיין אים זען. האָט מיין כאַווערטע אַלטע מיר געזאָגט: „גיי אַרויס, ער וועט דאָך דיר ניט אויפעסן“...

איך בין אַרויסגעגאַנגען צו אים און אים געפרעגט, וואָס ער וויל פון מיר און צוליב וואָס איז ער געקומען, מיר זאָגן, אַז ער האָט אַן אַנדער מיידל — צוליב דעם האָט ער זיך ניט געדאַרפט באַמיען. האָט ער מיר געזאָגט:

— איך ווייסט, אַז מע שטייט לעם אַ וואָגן און דער וואָגן גייט אַוועק, בלייבט מען ווי אָפּגעשמיסן, אַזוי בין איך דאַן געבליבן אין סאָד...

מיר האָבן אָנגעהויבן צו שפּאַצירן און זיך גוט אויסגערעדט. מיר זיינען געקומען צו אונז אין הויז, און ביי אונז אין הויז איז געווען קאָמפּאַני. עס איז געקומען צו מיר מיין שוועסטערקינד, ליבקע מיט איר חתן (כאָסן). איך האָב אויך געטראָפן ביי אונז אין הויז איינעם אַ יונגענמאַן פון אַדעלסק, יואל האָט מען אים גערופן. ער האָט זיך געליבט אין מיר. פריער ווען איך פלעג קומען אויף יום־טוב (יאָנטעף) אין דער קאָלאָניע, פלעגט ער מיך גלייך קומען זען, ס'האָט געמעגט דונערן און בליצן. איצטער, אַז איך בין שוין מער ניט געפאָרן אין דער קאָלאָניע, איז ער געקומען קיין ביאַליסטאָק מיך זען. ער איז געקומען מיט נאָך יונגעלייט פון אונזער קאָלאָניע און מיר האָבן זייער שיין פאַרבראַכט. יואל איז געווען העלפער דעם פעלדשערס זון. ער איז אויך געווען אַ פעלדשער, און אַ פעלדשער אין אַדעלסק איז געווען ווי אַ דאָקטאָר. ביי אונז זיינען קיין דאָקטוירים ניט געווען. ער האָט געהאַט אַ גוטן שם (שעם) פאַר אַ גוטן פעלדשער און ער האָט זייער גוט פאַרדינט. ער איז געווען אַ הויכער, אַ שיינער, מיט אַביסל זומער־שפּרינקלעך... די זומער־שפּרינקלעך האָבן אים זייער שיין געפּאַסט. ער איז געווען עלעגאַנט און האָט זיך געקליידט זייער שיין נאָך דער לעצטער מאָדע... ער האָט מיך זייער געוואָלט, אָבער איך האָב אים ניט געוואָלט. איך האָב ניט געגליכן קיין פעלדשער. איך האָב אָבער ליב געהאַט מיט אים צו פאַרברענגען...

דער יונגערמאַן, וועמען איך האָב געבראַכט אין הויז, איז געווען אייפער־זיכטיק אויף יואלן און יואל אויף אים. זיי האָבן זיך כמעט (קימאַט) געקריגט... צום סוף האָט זיך יואל אָפּגעזעגנט, ער איז אַוועקגעפאָרן צוריק קיין אַדעלסק, און איך האָב שוין פון דעמאָלט מער אים ניט געזען. דער יונגערמאַן, וואָס איך דערצייל פון אים, איז טאַקע געוואָרן מיין חתן... ווען די קאָמפּאַני איז אַוועק איז אים שוין געוואָרן לייכטער... עס איז געווען קאַלט אין הויז, זיינען מיר געשטאַנען לעם דער וואַנט פון קליינעם אויוועלע און מיר האָבן זיך געוואַרעמט, און מיר האָבן זיך שוין גוט אויסגערעדט...

קיין גוטע וואַרעמע זאַכן האָט ער אויך ניט געהאַט. ער איז געווען אָרעם. קיין וואַרעמען מאַנטל ניט געהאַט, עפּעס אַן אָפּגעקראָכענעם מאַנטל האָט ער געטראָגן... און אַזוי ווי איך האָב זיך שוין פאַרליבט אין אים, האָט מיך ניט געאַרט וואָס ער איז אָרעם און ער פאַרדינט ניט קיין סך. ער איז געווען אַ לערער, ווי איך האָב שוין פריער געשריבן... איך האָב אויף אַלץ באַשטאַנען, ווייל ער איז געווען אַ גאַנץ שיינער און אַן אַטלעטישער, און אַ געלערנטער אויך. האָב איך טאַקע זיך פאַרליבט אין אים און זיך ניט געוואָלט שיידן...

איך האָב אָפּגעמאַכט מיין פּלאַן, אַז אַזוי ווי איך בין אַ שערערקע און פאַרדין זעקס רובל אַ וואָך, וועלן מיר שוין מאַכן אַ לעבן... מיר זיינען פאַר־קנס'ט (פאַרקנאַסט) געוואָרן... דעם חתן (כאָסן) מיינעם האָט מען גערופן אַברהם יצחק (אַווראָם איצכאָק). ער איז געקומען מיך זען יעדן טאָג אין אָוונט, ווייל בייטאָג האָב איך דאָך געאַרבעט. און מיר זיינען געווען צופרידן...

שפּעטער אַביסל אָבער, האָבן זיך אָנגעהויבן גרויסע צרות (צאָרעס). צו מיר איז אַריינגעקומען אַ לערער מיך צו לערנען רוסיש און אַביסל דייטש. מיין חתן איז געוואָרן אייפערזיכטיק אויפן לערער און ער האָט פאַרווערט דעם לערער אַריינצוקומען צו מיר. דער לערער פון רוסיש פלעגט קומען צוויי מאָל אַ וואָך... און איין מאָל, אַז דער לערער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט מיך מער ניט לערנען, האָב איך אים געפרעגט: „ס'טייטש, פאַרוואָס ווילט איר מיך מער ניט לערנען? איך באַצאָל אייך ניט?" האָט ער מיר געענטפערט: „אייער חתן האָט מיר פאַרזאָגט איך זאָל צו אייך ניט קומען. ער זאָגט, אַז פאַר אים איז שוין זיין כלה (קאַלע) גענוג געלערנט"...

.41

מיין **חתן** אַברהם יצחק פלעגט קומען זייער אָפט, אָבער ניט שבת, ווייל ער האָט ניט געהאַט קיין שיינע בגדים (בעגאָדים). עס האָט אויסגעזען, אַז ער איז זייער צופרידן פון שידוך. ער איז געווען קראַנק אויף די פיס און האָט אפילו ניט געקענט גיין אויף זיינע שטונדן, האָט ער שוין גאָרניט פאַר־דינט און ער האָט כמעט געהונגערט... ער האָט געוואָלט וואָס גיכער חתונה האָבן און האָבן אַ היים. ער האָט געוואוסט, אַז איך פאַרדין און מיט מיין פאַר־דינסט וועט מען מאַכן אַ שטיקל לעבן. קיין שטוב וועט מען ניט דינגען דערווייל. ער האָט געוואוינט אין אַ צימער, וועט מען דערווייל וואוינען אין זיין צימער, ביז מען וועט זיך איינאָרדענען. און ליבע פאָדערט ניט קיין רעכענונג. עס איז ביי מיר געווען אַלץ גוט. מען קען דאָך פאַרשטיין. ס'האָט מיך ניט געאַרט וואָס עס וועט זיין, אַבי מיט אים חתונה האָבן... אַזאַ גרויסע ליבע איז דאָס געווען ביי מיר. אָבער ביי אים, דענק איך, ניט... ער האָט אַנדערש געדענקט, אַז ער וועט חתונה האָבן מיט מיר און איך פאַרדין, און אויך אים געבן אַ פיינעם נדן (נאַדאַן), דריי הונדערט רובל, וועט מען זען וואָס מען וועט קענען טאָן...

זיינער אַ ברודער האָט געהאַט אַ שפּייז־קראָם, אַ גראָסערי, רופט מען דאָס אין אַמעריקע. אויף נאָווי ליפּע איז געווען די קראָם, אין דער שענסטער

גאַס, און ער האָט געמאַכט אַ שיין לעבן... מיין חתן האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז מיט מיינע דריי הונדערט רובל נדן וועט מען שוין עפּעס קענען טאָן און מען וועט שוין ניט פאַרפאַלן ווערן... איך האָב אויך געהאַט דעם אייגענעם בטחון (ביטאָכן), אַז מיר וועלן מאַכן אַ לעבן, ווי זיין ברודער. משה מענדל האָט מען גערופן זיין ברודער...

אָבער עס האָב זיך אָנגעהויבן רכילותן (רעכילעסן). דער לערער פון רוסיש איז געוואָרן מיט מיין חתן גרויסע גוטע פריינט. זיי פלעגן זיך טרעפן אין גאַס צי אַנדערש־וואו. איינמאָל איז מיין חתן עפּעס געווען אין כּעס (קאַס) און ער האָט דערציילט דעם לערער, אַז ער וועט ניט חתונה האָבן מיט מיר. ער וועט נאָר אַרויסקריגן דעם נדן, די דריי הונדערט רובל, און וועט אַוועקגיין מיטן געלט...

ער האָט געקענט אַרויסנעמען דעם נדן. עס איז געווען איינגעלייגט ביי משה ברוכן. ער איז געווען זייער אַ רייכער מאַן, דער משה ברוך, אַ פאַברי־קאַנט, אַרקע סאַראַסקעס איידעם, פון די גרויסע גבירים, און פאַראַנטוואָרט־לעכע מענטשן אין ביאַליסטאָק. מיין ברודער יהושע האָט געאַרבעט ביי משה ברוכן... אַז דער לערער האָט דערציילט די רכילות צו מיין ברודער יהושע, איז ער אַוועק צו מיין חתן אַברהם יצחק, און ער האָט אים אויסגעזידלט און האָט אים געטרייסלט ווי אַ הערינג, און ער האָט זיך דערשראָקן פאַר מיין ברודער... מיין ברודער יהושע איז געווען זייער אַ שטאַרקער... מיין חתן האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ גרויסער ליגן. ער האָט דאָס קיינמאָל ניט געזאָגט. ער האָט ניט געוואָלט, אַז דער שידוך זאָל זיך פאַנאַנדערגיין...

איך האָב דאָס ניט געוואוסט און ווען מיין מאַמע האָט מיר דאָס דערציילט, האָב איך זיך אַזוי געקריגט מיט מיין ברודער יהושען, אַז מיין ברודער האָט געוואָלט פון שטוב אַוועקגיין. און מיר האָבן אַ לאַנגע צייט ניט גערעדט ביז צו דער חתונה... איך בין געווען אַזוי קראַנק און צעבראָכן, איך האָב צו קיינעם ניט געוואָלט ריידן, נאָר געוויינט אויף מיין גרויסן אומגליק...

מיין חתן איז אויך געווען קראַנק פון ערגערניש. ער האָט דאָס אפשר (עפשער) געזאָגט אין אַ שפּאַס. אָבער אַזוינע שפּאַסן זיינען געוואָרן צרות פאַר אונזביידן...

.42

מיין חתן האָט איינמאָל געגעסן אין דער גאַרקיך ניט ווייט וואו ער האָט געוואוינט. און אין דער גאַרקיך איז געווען מיינע אַ באַקאַנטע מיידל. האָט ער געבעטן דער מיידל, זי זאָל מיך גיין זען. ער האָט געשריבן עטלעכע

ווערטער, אַז ער פֿילט ניט גוט און איך מוז אים זען... איז מײַן מאַמע עליה השלום (אַלעאַ־האַשאָלעם) אַוועק צו אים און ער האָט איר געבעטן איך זאָל קומען צו אים און ער וועט מיר אַלץ דערציילן און איך וועל אים פאַרשטיין. דאָס איז געווען אַ שבת בײַטאָג. ער איז געווען קראַנק און ער האָט ניט געקענט קומען מיך זען...

מײַן מאַמע האָט אים צוגעזאָגט, אַז איך וועל אים קומען זען. אַזוי איז טאַקע געווען... איך בין באַלד אַוועק צו אים... און קראַנק איז ער טאַקע געווען. זײַנע פֿיס זײַנען אים געווען קראַנק... זיי זײַנען אים געוואָרן קראַנק, ווען ער האָט געדינט דעם קייסער... יעדער סאָלדאַט האָט געמוזט דינען פֿיר יאָר. אָבער ער, מײַן חתן, האָט געמוזט דינען פֿינף יאָר, ווייל ער איז אַנטלאָפֿן פֿון דינסט. אַז מען האָט אים געכאַפּט, האָט מען אים אַרײַנגעזעצט אין קאַרצער, דאָס מיינט אין אַ פֿינצטערן קאַלטן צימער, און ער איז דאָרטן קראַנק געוואָרן אויף זײַנע פֿיס...

ווען איך בין יענעם שבת אים געקומען זען, האָט ער זיך זייער דערפֿרייט און ער האָט מיר געזאָגט, אַז אַ גאַנצע וואָך איז ער געווען זייער קראַנק און האָט זיך ניט געקענט שטעלן אויף זײַנע פֿיס. און ווען ס'איז אים אַביסל בעסער געוואָרן איז ער געגאַנגען אין דער גאָרקיך...

מיר זײַנען שוין געוואָרן צוריק חתן־כּלה, און ער האָט מיך געבעטן, מײַן מאַמע זאָל קומען צו אים און מען וועט זיך אָפּריידן ווען די חתונה וועט זײַן... ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל גיין דורך אַנאַנדער גאַס, ווייל אין ביאַליסטאָק איז געווען ניט שיין, אַז די כּלה זאָל גיין צום חתן אין שטוב... ער האָט מיך געוואָלט פֿאַרהיטן מען זאָל אויף מיר ניט ריידן.

אין וואָס פֿאַר צימער ער האָט דאָס געוואוינט! אַ פֿינצטערער, אָן אַ פֿענצ־טער, און וואָס סאָראַ בעטל איז דאָרט געשטאַנען אין דעם צימער! דאָס בעטל איז געשטאַנען אונטערגעשפּאַרט מיט שטיקלעך האָלץ. קיין שטול אַוואו זיך צוזעצן איז אויך ניט געווען. האָב איך זיך געזעצט אויף דעם בעטל. און דאָס בעטל האָט זיך כּמעט (קימאַט) איבערגעקערט. און וואָס פֿאַראַ שמאַטעס עס זײַנען געווען אין דעם קליינעם קאַמערל! די באַלעבאָסטע מיטן באַלעבאָס זײַנען געווען אָרעמע מענטשן. זיין באַלעבאָס האָט געמאַכט אַ לעבן פֿון פֿאַר־לאַטען אַלטע זאַכן. און אין שטוב זײַנען געווען אָנגעוואָרפֿן אַלע שמאַטעס, וואָס ער האָט געלאַטעט...

ווען איך בין אַרויס פֿון שטוב איז מיר די באַלעבאָסטע נאָכגעגאַנגען און מיר דערציילט, אַז פֿון עגמת נפש (אַגמאַס נעפעש) איז ער קראַנק געוואָרן, ווייל עס האָט אים פֿאַרדראָסן, וואָס דער שידוך איז זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען. און איצטער איז ער אין זיבעטן הימל פֿאַר פֿרייד, וואָס מיר זײַנען שוין שלום

(שאַלעם). און ליבע האָט ניט קיין רעכענונג. איך האָב אים אַזוי געליבט, אַז ס'האָט אויף מיר ניט געמאַכט קיין איינדרוק, וואָס ער איז אָרעם און קראַנק, פאַרקערט, איך האָב אים נאָך הייסער ליב געהאַט...

.43

מיין מאַמע איז אַוועק צום חתן (כאָסן) און זי האָט מיט אים אָפּגעמאַכט, אַז די חתונה זאָל זיין אַ וואָך פאַר פסח (פּייסאַך). ער איז שוין געווען ששון ושמחה (סאָסן וועסימכע)... און מען האָט זיך שוין געגרייט צו דער חתונה... מען האָט פאַר אים געקויפט אַ גאַרניטור, דאָ רופט מען דאָס אַ סוט, מיט אַ לאַנגן פּראַק. פון אונטן איז געווען מיט אַ לאַנגן שפּאַלט, און אַ וואַרעמען מאַנטל אויך, און שיך אויך, און אַ הויכן צילינדער. אַזוי איז געווען די מאָדע. און אַ פּאָר שיינע העמדער אויך.

עס האָט שוין געדאַרפט זיין דאָנערשטאָג די חתונה און איך געדענק, אַז ער איז געקומען מיט אַ טאָג פריער און ער האָט עפּעס געוואָלט. איך דענק אַז ער האָט געוואָלט די זאַכן וואָס איך האָב אייך אויסגערעכנט, און אַז ער וועט זיי ניט האָבן, וועט ער ניט גיין צו דער חופּה. און אַ פופציק רובל אויך... עס איז שוין געווען אָנגעבאַקט חלה (כאַלע), לעקאַך און ברויט...... עס זיינען שוין געווען אָנגעגרייט עופות (אויפעס), פלייש און פיש, און עס איז געווען צוגעגרייט פאַר אַ שיינער חתונה... ער איז אַוועק אין כעס (קאַס). האָט מען זיך זייער געשראָקן. מען האָט אים שוין ניט געגלויבט דעם חתן מיינעם...

איז שוין מיין מאַמע מיט דער קעכין אַוועק צו אים, וואו ער האָט גע־וואוינט. ער האָט געוואוינט אויף כאַנאַיקעס. כאַנאַיקעס איז געווען דער אָרעמסטער געגנט. עס האָבן אויף די כאַנאַיקעס געוואוינט קוימען־קערער און די וואָס האָבן גערייניקט די אָפּטריטן. זיי האָט מען געהאַלטן פאַר די נידע־ריקסטע מענטשן. עס האָבן אויף כאַנאַיקעס געוואוינט אונטערוועלט־מענטשן אויך. עס פלעגן זיך אויפקלייבן שבת בחורים און מיידלעך און זיך לערנען טאַנצן... עס פלעגן זיך אויפקלייבן איזוואָשטשיקעס (באַלעגאָלעס), גאַסן־יונגען און שבת האָט מען זיך געגרייט צו הוליאַנקעס. די גאַס האָט געהאַט דעם ערגסטן נאָמען...

איצט גיי איך צוריק צו מיין חתן (כאָסן) אַברהם יצחק. איך האָב שוין דערמאָנט, אַז מיין מאַמע מיט דער קעכין זיינען אַוועק צו אים. ער האָט געזאָגט אויב מען וועט אים געבן די פופציק רובל און קויפן פאַר אים די זאַכן וואָס ער האָט געבעטן, וועט זיין די חתונה. האָט מען אים טאַקע שוין ניט געגלויבט, אָבער מען האָט זיך געשעמט עס זאָל ווערן אויס שידוך. און איך

בין נאָך געווען פאַרקאַכט אין אים. נו, האָט מיין מאַמע עליה השלום (אַלייאַ האַשאָלעם) אים אָוועקגעטראָגן די פופציק רובל. ער איז אַוועק אין אַ מענער־קראָם און האָט אויסגעקליבן די זאַכן וואָס איך האָב פריער אויסגערעכנט, און דער קרעמער האָט געבראַכט די זאַכן צו אונז אין שטוב, און מיר האָבן באַצאָלט פאַר די זאַכן . . .

מיין ברודער שיע איז דעמאָלט אַלט געווען 18 יאָר, און מיין ברודער נאָטע — 15 יאָר. איך געדענק, ווי מיינע ברידער זיינען געווען אין צער (צאַאַר). נאָך געווען אַזוי יונג און זיי האָבן געזען מער ווי איך האָב געזען...

.44

די חתונה איז געווען דאָנערשטאָג אין 1895, און עס איז געווען זייער אַ שיינע חתונה... אין דער פאַבריק, וואו איך האָב געאַרבעט אַ סך יאָרן, זיינען אַלע געווען מיינע גוטע פריינט, און זיי זיינען געקומען צו דער חתונה. דער מייסטער, אַ יונגער און אַ שיינער, מען האָט אים גערופן שמואל, און די וועבערס, און אַלע מיינע כאַווערטעס זיינען געווען אויף דער חתונה. אַלע פון דער פאַבריק האָבן מיר געקויפט שיינעם דרשה־געשאַנק (דראָשע): אַ סאַמאָ־וואַר מיט אַ שיינער טאַץ, און גלעזער אויך. פרייזמאַנס פאַבריק איז געווען אויף יורעפּצער גאַס, מיר האָבן אויך געוואוינט אויף יורעפּצער גאַס, און די חתונה איז אויך געווען אויף יורעפּצער גאַס. עס איז געווען אין אַ זאַל אויף יורעפּצער גאַס ניט ווייט פון אונזער שטוב.

איך האָב זיך אויסגעפּוצט אין אַ שיינער, ווייסער חופה־קלייד און אין אַ גאַלאַנדרע און אין ווייסע שיך—אַלץ אין ווייסן, אַזוי ווי אַלע כלות (קאַלעס).. איך האָב געקויפט ביי מיין פאַבריקאַנט גרינעם פּליוש און געמאַכט אַ קייפּ, אַ פּאַלערינע אַזאַ לאַנגע ביז צו די שיך. דאָס איז געווען אַזוי ווי אַ לאַנגער מאַנטל נאָר אָן אַרבל. אויף דער לאַנגער פּאַלערינע איז געווען אַ קורצע פּאַלע־רינע... עס האָט געקאָסט אַ סך געלט. דער פּליוש האָט געקאָסט פינף רובל אַן אייל, און נייען האָט געקאָסט אויך אפשר (עפּשער) צוואַנציק רובל. דער אונטערשלאַק איז געווען גוטער סאַטין. דעם פּליוש האָב איך גענומען אויף אויסצוצאָלן... מיינע זאַכן מיט דער חתונה האָבן געקאָסט אַ פּאַר הונדערט רובל... דאָס האָבן געמאַכט מיין מאַמע מיט מיינע ברידערלעך. מיינע ברידער האָבן געאַרבעט און געגעבן דער מאַמען זייער פאַרדינסט. מיין מאַמע האָט געפירט די שטוב־הוצאות (הויצאָעס) און האָט אויך אָפּגעשפּאָרט אויף דער חתונה.. איך האָב אויך פאַרדינט און אָפּגעשפּאָרט אויף נדן דריי הונדערט רובל.

ווען מיין מאַמע איז געווען אין דער קאָלאָניע האָב איך געאַרבעט און ניט געקאָנט אָפּשפּאָרן אפילו איין רובל. איך האָב אויסגעהאַלטן מיינע ברידער. זיי האָבן ניט פאַרדינט און אויך געשיקט מיין מאַמען וויפיל נאָר איך האָב געקענט... דערנאָכדעם, אַז מיינע ברידער האָבן שוין אויך פאַרדינט, האָב איך שוין געקאָנט אָפּשפּאָרן אויף נדן (נאַדאַן). אָן נדן האָט מען ניט געקענט טאָן קיין שידוך. און אַז איך האָב שוין געהאַט די דריי הונדערט רובל, האָב איך שוין געקאָנט אויסקלייבן אַ חתן (כאָסן), וועלכן איך האָב געליבט. און דעם אברהם יצחקן האָב איך טאַקע זייער און זייער ליב געהאַט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אָן אים וועל איך ניט לעבן... און אַז מען איז שוין געווען אין זאַל מיט די כלי־זמר (קלעזמער) מיט די מחותנים (מעכוטאָנים) און ס'איז שוין געוואָרן שפּעט, און מיין חתן איז נאָך ניט געווען, האָט מען שוין זיך ווייטער געשראָקן, אפשר (עפּשער) האָט ער שוין ווייטער חרטה (כאַראָטע) געהאַט אויפן שידוך. און אַז ער איז ענדלעך געקומען, איז שוין ווייטער געווען אַ שמחה (סימכע)...

דער גאַנצער עולם (אוילעם) איז געווען פון אונזער זייט. זיין פאַמיליע איז ניט געקומען, ווייל עס איז געווען ערב פסח (ערעוו פייסעך) און עס איז געווען צו־ווייט פאַר זיי צו קומען. זיינע אָנקלס און קוזינס האָבן געוואוינט אין אַ שטעטעלע בראַק, און דאָס שטעטעלע בראַק איז געווען לעם טשיזעווע, ווי מען פאָרט קיין וואַרשע. נאָר זיין שוועסטער שיינע חיה איז געקומען פון טשיזעווע. זי איז געקומען אַליין, ווייל איר מאַן איז געווען אין אַמעריקע. זי איז געקומען מיט אַ גרויסן פאַרוק איבערן שטערן. האָב איך אויך געמוזט טראָגן אַ פאַרוק. ער האָט זיך געוואָלט אויספיינען, אַז ער נעמט אַ פרומע כלה...

.45

איצטער גיי איך אייך דערציילן פון נאָך דער חתונה. מען האָט ניט פאַרגרייט קיין מעבל, ווי דאָ אין אַמעריקע. איבער שבת זיינען מיר געווען ביי דער מאַמען מיט די ברידער. מיין מאַמע האָט געהאַט אַ שיינע היים מיט זעקס צימערן. אָבער מיין מאַן האָט ניט געוואָלט וואוינען צוזאַמען מיט זיי... איבער שבת האָט מען געמוזט זיין צוזאַמען. מען האָט דאָך געמוזט פּראַווען שבע ברכות (שיווע בראָכעס)... ס'איז געווען אַ מאָדע אין רוסלאַנד, סיי ביי אָרעמע, סיי ביי רייכע, אַז שבת האָט מען געפּראַוועט שבע ברכות, און שבת האָט מען אויך געפירט חתן־כלה אין שול... איך געדענק נאָך, ווי עס זיינען געקומען ווייבער, מיינע באַקאַנטע, און מען האָט מיך געפירט אין שול. די

שול איז געווען אין יורעפּצער גאַס, ניט ווייט פון אונזער שטוב. עס איז געווען אַ רייכע שול. די מאַדאַם פרייזמאַן האָט אויך געדאַוונט אין דער שול. זי איז צוגעקומען צו מיר און מיר אָפּגעגעבן מזל־טוב (מאַזל־טאָף), און מיין מאַמע און איך האָבן שוין איר פאַרבעטן צו לעקעך און בראָנפן. זי האָט זיך ניט אָפּגע־זאָגט צו גיין צו אונז אין שטוב און דאָס איז טאַקע געווען אַ גרויסער כבוד (קאָוועד), וואָס אַזאַ רייכע מאַדאַם ווי הינדע פרייזמאַן, זאָל גיין צו איר אַרבע־טאָרין צו לעקעך און בראָנפן...

די מאַדאַם פרייזמאַן איז געווען אַ פעטע און ניט קיין הויכע, אָבער זי איז געווען זייער אַ קלוגע. זי האָט זיך געמישט אין פאַבריק. יעדן טאָג איז זי מיט איר מאַן געגאַנגען אין פאַבריק איבערצוקוקן, ווי די אַרבעט גייט...

און אַז איך רייד שוין פון דער פאַבריק וועל איך זי אַביסל באַשרייבן. די פאַבריק איז געווען ניט נאָר אַ וועבעריי, עס איז אויך געווען אַ פּאַראָווקע אויף פאַרע („סטים" הייסט דאָס אין אַמעריקע), און אַ פאַרבאַרניע און מאַשי־נערי, וואָס האָט צוגעגרייט די וואָל צום פאַרבן... דאָס גאַנצע הויז איז געווען מיט אַלערליי מאַשינערי. מען האָט געבראַכט די וואָל פון די שעפּסן און מען האָט דאָרטן אויסגעאַרבעט ביז דער טוך איז פאַרטיק געוואָרן צום פאַרקויפן...

אין קאַנטאָר (אָפּיס) זיינען געווען בוכהאַלטערן פון דער אייגענער פאַמיליע. איך געדענק, אַז איין בוכהאַלטער איז געווען אַ ברודער צו דער מאַדאַם פרייזמאַן. מען האָט אים גערופן בעלאַך און ער האָט געוואוינט אויף גומיאַנער גאַס. די גאַס האָט זיך געשלאָסן מיט יורעפּצער גאַס. נאָך אַ בוכ־האַלטער איז געווען דער עלטערער איידעם. ער איז אויך געווען אַ שטיקל שותף (שוטעף)...

דער הער פרייזמאַן איז געווען אַ הויכער און אַ שיינער, און האָט געקענט אַ סך לערנען. ער איז געווען אַ פרומער. איך פלעג אים זען, ווען איך בין געגאַנגען צו דער אַרבעט פאַרטאָג, גיין אין בית המדרש (בייס־מעדרעש) דאַווענען... די מאַדאַם פרייזמאַן איז אויך געווען אַ פרומע און האָט געטראָגן אַ פאַרוק ביז איבערן שטערן. די פרייזמאַנס האָבן געהאַט פיר טעכטער און צוויי זין. נאָר איינע, די עלטסטע, איז געווען אַ חתונה־געהאַטע. זי איז ניט געווען קיין גאַנץ שיינע. זי איז געווען זייער אַ פעטע, קוים וואָס זי האָט געקענט שלעפּן די פיס. דאָס איז ניט איבערגעטריבן. עס איז ריכטיק וואָס איך שרייב. צו דער עלטערער טאָכטער פלעג איך אַרויפקומען. זי האָט געוואוינט אויפן צווייטן עטאַזש אין איר עלטערנס הויז. אַז זי איז געוואָרן קראַנק, האָט זי ניט געוואָלט קיין אַנדער מיידל ווי מיך. מיט מיר האָט זי הנאה (האַנאָע) געהאַט צו ריידן. אַז מען האָט מיך גערופן צו איר אין הויז האָב איך געמוזט גיין. איך האָב אפילו ניט געוואָלט ליידן, אָבער איך האָב ניט געקענט העלפן...

דער מאַן אירער איז געווען אַ שיינער און אַ געלערנטער. איך האָב אים אפילו ניט פאַרהערט, אָבער אַזוי האָט מען געזאָגט אין שטאָט...

די פרייזמאַנס פלעגן זוכן שידוכים פאַר זייערע קינדער אין אויסלאַנד, צי אין טיף רוסלאַנד...

.46

איצטער וועל איך באַשרייבן פרייזמאַנס שטוב, וואו זיי האָבן געוואוינט, און די אַנדערע געביידעס אין זייער הויף. זיי האָבן געוואוינט אין אַ הילצערנער שטוב פון צוויי עטאַזשן. געווען דאָרטן אַכט צימערן אונטן און אַ פיר צימערן אויבן. זיי זיינען געווען מיליאָנערן און מען האָט געוואוינט אין אַ הילצערנער שטוב... איך קען ניט זאָגן, אַז אינעווייניק אין שטוב איז ניט געווען שיין. עס איז געווען דאָרטן דאָס שענסטע מעבל און זייער אַ שיינע פּיאַנאָ. די מיידלעך האָבן געשפּילט פּיאַנאָ.

פאַר זייער שטוב איז געווען די קאַנטאָר, און נאָך דער שטוב ביי דער זייט איז געווען אַ קליין שטיבעלע, וואו איך און נאָך אַ מיידל האָבן געשוירן די קעטן... און אין דעם שטיבל האָבן די וועבערס גענומען די קעטן צו וועבן... נאָך דעם קליינעם שטיבל איז געווען די פאַבריק מיט די גרויסע קוימענס. די פאַבריק איז געווען אַ דריי עטאַזשיקע געביידע. אין דער געביידע האָט מען אויסגעאַרבעט די וואָל, וואָס עס איז געקומען צום וועבער אין זעק פון די שעפסן... ניין, פריער איז דאָס געקומען פון שפּינען, און נאָכן שפּינען איז דאָס געקומען צו די שפּולאַרקעס און צו די שערערקעס, און פון די שערערקעס צו די וועבער... נאָכהער האָט מען דאָס געגופּט און מען האָט דאָס אַוועקגעשיקט אין אַנאַנדער פלאַץ. דאָס פלאַץ האָט מען גערופן „פאַלעטור פלאַץ". פון דעם דאָזיקן פלאַץ איז שוין געווען פאַרטיק דאָס שטיקל טוך...

ביי דער אַנדערער זייט פון דער גרויסער פאַבריק איז געשטאַנען נאָך אַ צוויי עטאַזשיקע געביידע. דאָרטן איז געווען די וועבעריי. זעכציק וועבער האָבן דאָרטן געאַרבעט... און איר קענט זיך פאַרשטעלן וואָס פאַר אַ טומל דאָרטן איז געווען... זעקס אַזייגער אינדערפרי האָבן געפייפט די פאַבריקעס, און אַכט אַזייגער — נאָך אַמאָל, אַז די אַרבעטער זאָלן עסן אָנבייסן, און 12 אַזייגער — נאָך אַמאָל, אַז די אַרבעטער זאָלן עסן מיטאָג. און פאַרנאַכט, ווען די אַרבעטער האָבן געדאַרפט גיין אַהיים, האָט די פאַבריקע ווייטער געפייפט...

פאַרוואָס האָב איך דאָס באַשריבן? ווייל די פרייזמאַנס זיינען געווען אַזוינע גרויסע גבירים און האָבן געוואוינט אין אַ הילצערנער שטוב... דאָ אין אַמעריקע וואָלט אַזאַ מיליאָנער אויך געוואוינט צוזאַמען מיט די פאַבריקן?!

ווען אינדערפרי, זעקס אַזייגער איז געווען אַזוי פיל טומל, און אַ גאַנצן טאָג האָט געזשומעט און גערוישט, און זיי האָבן דאָרטן אימער געוואוינט...

איך האָב ביי זיי געאַרבעט ביז מיין חתונה, אַכט יאָר, און נאָך דער חתונה, ביז איך האָב געדאַרפט האָבן מיין ערשט קינד... זיי זיינען געווען די בעסטע פאַבריקאַנטן אין ביאַליסטאָק. ביי זיי האָבן געאַרבעט אידישע וועבער, אַלטע לייט מיט זין און איידעמס, יאָרן לאַנג...

פאַרוואָס האָב איך זיי אַזוי באַשריבן? דערפאַר וואָס די פרייזמאַנכע איז געווען אַזוי גוט צו מיר דעם שבת, וואָס מען האָט מיך געפירט אין שול און זי איז געגאַנגען נאָכן דאַווענען צו אונז אויפן לעקעך און בראָנפן... זי האָט געקאָנט מיין מאַן און מיין מאַנס ברודער... ער האָט חתונה געהאַט פאַר איר דינסט. זי האָט געוואוסט, אַז מיין מאַן איז אַ לערער און ס'איז זייער געפעלן דער שידוך... איך וועל נאָך דאַרפן שרייבן וועגן זיי.

נאָך מיין חתונה האָט מיין מאַן ניט געוואָלט וואוינען מיט מיין פאַמיליע און איך האָב געדאַרפט גיין אין זיין צימערל אונטערן אויוון. אָבער, אַז איך האָב אים אַזוי ליב געהאַט, איז שוין געווען ביי מיר גוט און פיין צו גיין מיט אפילו אונטערן אויוון. קיין פענצטער איז דאָרט אויך ניט געווען, אָבער עס איז ביי מיר געווען ליב און טייער...

.47

נאָך פסח, גלייך נאָך אונזער חתונה, האָב איך שוין געדאַרפט גיין צוריק צו דער אַרבעט, ווייל מיין מאַן איז דאָך געווען אַזוי קראַנק אויף די פיס און ער האָט ניט געקענט גיין אויף זיינע שטונדן. אינדערפרי, ווען איך בין אויפגעשטאַנען, פלעג איך אָנוואַרעמען אַ באַנקע וואַסער און אים אויסוויקן די פיס, און נאכהער איינשמירן מיט אַזאַ מאַשע און פאַרוויקלען מיט אַ באַנ־דאַזש; אים געגעבן אָנבייסן און אַוועקגעגאַנגען אין דער פאַבריק אַריין...

ער איז געלעגן אַ צוויי וואָכן. נאכהער איז אים געוואָרן בעסער און ער איז אַראָפּגעגאַנגען זוכן שטונדן צו לערנען מיט די קידנער. ווען ער איז געווען קראַנק, האָט ער פאַרלוירן זיינע שטונדן... איך געדענק, ווען ער האָט אָנגעפאַנגען נאָך פסח, האָט ער פאַרדינט 19 רובל אַ חודש (כוידעש). אַ וואָך אָבער פאַר שבועות (שוואועס) איז שוין געווען צען רובל אַ חודש. אַז איך האָב געזען, אַז ער פאַרדינט אַזוי ווייניק, האָב איך אים יעדע וואָך אָפּגעגעבן מיינע פאָר רובל, וואָס איך האָב פאַרדינט, און ער האָט געפירט די הוצאה

(הוצאה). ער איז געווען זייער גוט צו מיר. ער האָט יעדן טאָג מיך באַגלייט צו דער אַרבעט און מיך געקומען אָפּנעמען פון דער אַרבעט. עס איז געווען גאַנץ ווייט פון דער פאַבריק אויף יורעפּצער גאַס ביז כאַנאַיקעס, וואו מיר האָבן געוואוינט...

אַזוי האָט אָנגעהאַלטן אַ פינף חדשים. נאָך די פינף חדשים איז מיין מאַן געגאַנגען און האָט גענומען פון נדן אַביסל געלט און געקויפט אַ פּאָר בעטלעך און אַנדערע מעבל, און ער האָט געדונגען אַ דירה ניט ווייט פון דער פאַבריק, טאַקע אין דער יורעפּצער גאַס לעבן ביאַליסטאָצעק. זייער אַ שיינע דירה. די דירה איז געווען ביי אונזערן אַ באַקאַנטן. איך האָב ביי אים אַלעמאָל געקויפט, איידער איך האָב חתונה געהאַט. אונזער באַקאַנטער איז געווען אַ בעקער. ער האָט געהאַט אַ מויער מיט אַ גרויסער בעקעריי, און פאַר זיך אַליין אַ וואוינונג. און וואָס פאַראַ וואוינונג! אַזוי ווי מיליאָנערן האָט ער געוואוינט מיט זיין משפּחה. זיי האָבן געהאַט לעם שטאָט-זייגער אַ גרויסע קראָם, וואו זיי האָבן פאַרקויפט ברויט און חלות (כאַלעס) און אַלערליי געבעקס...

אָבער דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. עס האָט עפּעס געטראָפן מיט דעם בעקער, וואָס ווייס איך ניט, און ער האָט געהאַט אויף זיך אַ „סוד", אַ משפּט (מישפּעט) און מען האָט אים פאַרשיקט קיין סיביר. זיין ווייב איז אים נאָכגעפאָרן און אים אַרויסגעגנבעט אינמיטן וועג און זיי זיינען אַנטלאָפן קיין אַמעריקע... ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע מיט צען יאָר שפּעטער, האָב איך זיי געטראָפן אין ניו־יאָרק אויף עסעקס גאַס. אויף עסעקס גאַס האָבן זיי געהאַט אַ בעקעריי, אַ גרויסע. איך האָב אויך געוואוינט אויף עסעקס גאַס, און איך האָב ביי זיי געקויפט ברויט, חלות און קוכנס, אַזוינע געשמאַקע ווי אין ביאַליסטאָק... זיי זיינען געווען זייער גוט צו אונז, ווען מיר האָבן געוואוינט ביי זיי אין ביאַליסטאָק, און אַז איך בין געקומען קיין אַמעריקע און געטראָפן אַזוינע גוטע פריינט, בין איך שוין געגאַנגען צו זיי קויפן אַלעס. איך בין געווען אַזוי פרום אויך אין אַמעריקע, און האָב געטראָגן טשאָלענט אויף שבת צו פאַררוקן ביי זיי אין אויוון... צו אָט־דעם בעקער האָב איך זיך איבערגעקליבן און דאָרטן איז געווען מיין ערשטע דירה (דירע) אין ביאַליסטאָק נאָך דער חתונה. אין יענער דירה האָב איך איבערגעטראָגן מיין עלטסטע טאָכטער מינע.

מיין מאַן האָט זיך זייער געפרייט, וואָס ער האָט אַזאַ שיינע דירה. עס איז געווען אַן אויבער־שטיבל. מיר האָבן געהאַט צוויי בעטן, שיינע, געפּאָלירטע. דאָס האָט אויסגעקוקט, ווי דאָ, מאַהאַגאַני. איך האָב געהאַט צוויי שיינע קאָפּעס דאָ רופט מען עס „בעד־ספּרעדס". איך האָב פאַרבעט די בעטן, ווי אַ קאַנאַפּע. אַלץ איז געווען זייער שיין אין צימער...

.48

אַז דער זומער איז אַוועק און עס איז שוין באַלד געקומען צו די ימים טובים (יאָמים־טויווים), האָט מיין אַברהם יצחק געזאָגט צו מיר, אַז ער וועט פאָרן צו זיין פאַמיליע צו גאַסט אין בראַק. אין בראַק האָט מיין מאַן געהאַט זיין גאַנצע פאַמיליע, פעטערס און קוזינס. איין פעטער האָט ער ליב געהאַט. מען האָט אים גערופן סאָכער. ער איז טאַקע געווען אַ שיינער מענטש, אַ סוחר (סויכער) און אַ רייכער אויך. ער פלעגט האַנדלען מיט וואַלד צוזאַמען מיט זיין זון. דעם זון האָט מען גערופן שלמה (שלוימע). דער פעטער סאָכער האָט קיין ווייב ניט געהאַט און ער האָט געוואוינט צוזאַמען מיטן זון און דעם זונס פאַמיליע, אַ ווייב און פיר קינדער... עס איז געווען זייער אַ שיינע שטוב, אפשר צען צימערן. איין צימער איז געווען אַזוי גרויס, אפשר 50 פוס די לענג און 50 פוס די ברייט... ער האָט געהאַט נאָך אַ אָנקל; יענעם האָט מיין מאַן ניט ליב געהאַט. ער איז געווען אַ גע'גט'ער (געגעטער), מען האָט אים גערופן, דער גרוש (גאָרוש)... ער איז געווען אַ רייכער. ער האָט געגעבן געלט אויף פּראָצענטן. געווען אַ קאַרגער. אימער געגאַנגען אין זעלביקן מאַנטל. אפילו אַ שיינער, אַ הויכער און ניט קיין נאַר. ער איז מיר אויך געקומען זען... מיין מאַן האָט געהאַט אַ שוועסטער ניט פון איין מאַמען. זי האָט אונז איינגעלאַדן אויף כיבוד (קיבעד)... דעם פעטער סאָכערס נאָך אַ זון, עלטער פון שלמהן, געוואוינט אַביסל ווייטער. צו אים אין שטוב זיינען מיר אויך געווען פאַרבעטן אויף כיבוד... דער פעטער סאָכער האָט געהאַט אַ טאָכטער, חיה (כאַיע), אַ בלינדע אויף איין אויג. איר מאַן האָט מען גערופן ישראל (איסראָעל). ער איז געווען זייער אַ שיינער און האָט געקענט לערנען. דער פעטער סאָכער איז געווען אַ רייכער, האָט ער געקענט זיין טאָכטער, בלינד אויף איין אויג, חתונה מאַכן פאַר אַ שיינעם בחור (באָכער). דעם פעטערס טאָכטער האָט אונז אויך איינגעלאַדן אויף כיבוד...

וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן איך האָב געהאַט יענעם סוכות (סוקעס), ווען איך בין געפאָרן מיט מיין מאַן אין זיין שטעטעלע בראַק. דאָס איז געווען מיט 59 יאָר יאָר פריער. מיין מאַנס פאַמיליע האָט געזאָגט צו מיין אברהם יצחק, אַז ער דאַרף מיר געבן פאַרגעניגן און מיך נעמען שיפלען אויפן ניעמאַן... דאָס איז געווען הושענא רבה (הוישיינע ראַבע). דער טייך ניעמאַן, זייער אַ גרויסער, איז געווען אונטערן פעטערס שטוב אַן ערך (ערעך) אַ האַלבן בלאָק. מיין מאַן האָט גענומען אַ שיפל, וואָס מען פירט דאָס מיט וועסלעס, און מיר האָבן זיך געשיפט עטלעכע שעה (שאָ). מיין מאַן האָט געקענט זיך שיפן. דער פעטער סאָכער האָט געהאַט עטלעכע לאָדקעס (שיפלעך).

איך דענק איצט, אַז דעמאָלט בין איך געווען די גליקלעכסטע אויף דער וועלט. מיין געליבטער מאַן האָט מיר פאַרשאַפט אַזוי פיל גליק... דאָס איז דאָך געווען מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק, און איצטער, ווען איך שרייב דאָס, איז מיין מאַן שוין 26 יאָר טויט... איך שרייב און ס׳דאַכט זיך מיר אַז אַט ערשט איז דאָס געווען... אָבער אַזוי פיל יאָרן זיינען שוין אַוועק און אַזוי גליקלעך בין איך דאַן דאָס געווען. איך קען גאָרניט אויסשרייבן. מיין מאַן איז געווען אַ געלערנטער און אַ שיינער, אַזוי ווי איך האָב זיך געוואונטשן... איידער איך האָב חתונה געהאַט האָב איך זיך געוואונטשן, אַז אויב אפילו איך וועל דאַרפן גיין אַרבעטן נאָך דער חתונה, אָבער איך זאָל נאָר צוקריגן אַ מאַן, וואָס זאָל זיין שיין און קלוג און אַ געלערנטער אויך. און ס׳האָט זיך מיר טאַקע געמאַכט אַזאַ מאַן... פאַר דער חתונה איז דאָך געווען אַ מיספאַרשטענדעניש און איך האָב מורא (מוירע) געהאַט, אַז ס׳וועלן זיין צרות (צאָרעס)... און אַז מיין מאַן האָט מיר יענעם סוכות (סוקעס) אַרויסגעוויזן אַזוי פיל ליבע און זיין פאַמיליע האָט מיך זייער פיין אויפגענומען, איז צו מיר קיינער אין דער וועלט ניט גלייך געווען . . .

.49

ווען מיר זיינען געקומען צוריק פון ביאַליסטאָק בין איך שוין געווען טראָגעדיק. האָט מיין מאַן גענומען די זאַך ערנסט. אַז אַ קינד וועט געבוירן ווערן, וועל איך שוין ניט קענען גיין אַרבעטן, און פון בדן איז נאָך געווען 150 רובל, האָט ער גענומען זוכן עפּעס מיט וואָס צו האַנדלען. מיין מאַנס ברודער, משה מענדל, האָט געהאַט אויף נאָווי־ליפּע אַ קראָם און ער האָט געהאַט פּרנסה (פּאַרנאָסע). דערצו איז ער נאָך געווען אַ פּראָצענטניק. מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ רייכן מאַן. ער איז טאַקע געווען רייך. האָט מיין מאַן געפונען אַ קרעמל אַנטקעגן זיין ברודער איבער דער גאַס. עס איז ניט געווען קיין קרעמל, עס איז געווען אַ פּאַוויליאָן, ווי דאָ אין אַמעריקע, אַ קענדי סטאָר... דאָס איז געווען באַלד, ווי מיר זיינען געקומען פון דעם שטעטל בראָק, וואו מיר זיינען געווען צוגאַסט. אין אַמעריקע רופט מען דאָס „האָנימון״. מיר האָבן געהאַט אַזוי פיל פאַרגעניגן, ווי דאָ אויף אַ „האָנימון״. . .

געקומען קיין ביאַליסטאָק. אַלע פאַרגעניגנס זיינען שוין איבערגעגאַנגען, האָט מען זיך גענומען צום תכלית (טאַכלעס). האָט מיין מאַן געקויפט דעם פּאַוויליאָן אַנטקעגן איבער זיין ברודערס קרעמל. עס איז שוין געווען ווינטער־צייט, און ווינטער פון אַ פּאַוויליאָן קאָן מען קיין פאַרדינסטן ניט מאַכן. איז

מיין מאַן געזעסן אַ גאַנצן טאָג אין פּאַוויליאָן און ער האָט געפּרווּירן, און מען האָט קוים געמאַכט אויף דירה־געלט...

זומער אין פּאַוויליאָן האָט מען געמאַכט אַ סך געלט, און מען האָט שוין געהאַט חיונה (כיאונע), און מיר האָבן געהאָפּט אַז דורכן זומער וועט מען שוין קאָנען האָבן צום לעבן. נאָך שבועות (שוואועס) האָב איך געמוזט אויפגעבן מיין אַרבעט און ראש־חודש תמוז (ראָש־כוידעש טאַמוז) האָב איך געדאַרפט געלעגן ווערן. איך האָב אויפגעגעבן די פאַבריק און איך בין געגאַנגען אין פּאַוויליאָן צו העלפן מיין מאַן...

צום גליק האָט זיך געמאַכט נאָך אַ מסחר (מיסכער). ניט ווייט פון שטאָט איז געשטאַנען אַ פֿאָלק יונים (יעוואָנים), דאָס הייסט, סאָלדאַטן, און מען האָט געדאַרפט צושטעלן פאַר זיי עסנוואַרג, דאָס הייסט, פּראָוויאַנט. מיין מאַנס ברודער האָט פון דעם געוואוסט, האָט ער צוגענומען מיין מאַן פאַר אַ שותף (שוטעף). מיין מאַנס ברודער האָט ניט געקענט שרייבן און ליידן רוסיש, ווי מיין מאַן אַברהם יצחק. מיין מאַנס ברודער משה מענדל האָט ניט געקענט פירן קיין ביכער און רעכענונגען, און מיין מאַן האָט שוין אַכטונג געגעבן אויף די ביכער. דער ברודער משה מענדל האָט אויסגעלייגט דאָס געלט פאַר דעם מסחר (מיסכער) מיט צושטעלן פּראָוויאַנט צו די סאָלדאַטן.

איך בין שוין געלעגן געוואָרן און ניט געקענט זיין אין פּאַוויליאָן. פלעגט קומען מיין שוועסטערל און שטיין אַביסל צייט אין פּאַוויליאָן, ביז איך בין געוואָרן אַביסל שטאַרקער. מיין שוועסטערל איז שוין דאַן אַלט געווען ניין יאָר, אָבער אַ געראָטן מיידעלע...

די סאָלדאַטן זיינען מער ניט געשטאַנען ווי דריי חדשים און נאָכהער אַוועק צוריק קיין וואַרשע. איך מיט מיין מאַן און מיט מיין מיידעלע מושע, אַ נאָמען נאָך זיין מאַמען, וואָס ער האָט זייער האָלט געהאַט, האָבן געוואוינט אויף יורעפּצער גאַס. דאָס קרעמל, דאָס מיינט דער פּאַוויליאָן, דאָס מיינט אויך, דער סאַלאָן, איז געווען זייער ווייט פון אונזער דירה. איך האָב דאָך זיך ניט געקענט שלעפּן מיטן קינד אַזוי ווייט... איז לעם סאַלאָן געווען אַ קאַמער צו דינגען. אַז מיר וועלן וואוינען נאָענט פון סאַלאָן, וועל איך שוין קאָנען העלפן מיין מאַן... דער קאַמער איז געווען צו קליין, אָבער אַז איך האָב געדאַרפט העלפן מיין מאַן, איז דאָך קיין אַנדער ברירה (ברײרע) ניט געווען און מיר האָבן אויפגעגעבן די שיינע וואוינונג און זיך אַריינגעקליבן אין קאַמער.

און דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן די צרות (צאָרעס). אין דעם צימער, וואו מיר האָבן געוואוינט, איז די באַלעבאָסטע געווען אַ אידענע מיט צוויי טעכטער. איין טאָכטער איז געקומען פון אַמעריקע, און אין אַמעריקע האָט זי זיך אויס־געלערנט צו זיין, ווי מען רופט דאָס, אַ ביוטישאַן, דאָס הייסט, אַ שיין־מאַכעריין.

זי האָט אויפגעעפנט אין ביאַליסטאָק אַ ביוטי־פּאַרלאַר, דאָס הייסט, אַ סאַלאָן אויף צו מאַכן שיין, און האָט פאַרדינט אַ סך געלט. זי האָט געהאַט אַ שוועס־טער און זי האָט איר אויך אויסגעלערנט איר מלאכה. איר שוועסטער נעבעך איז געווען מיט אַ הארב (הויקער); איז געווען אַ גאַנץ פיינער מענטש, אַ גוטע אויך. די עלטערע איז געווען ניט קיין שלעכטע... די צוויי שוועסטער האָבן געמאַכט אַ סך געלט. דער עלטערער שוועסטער האָט מען גערופן צו די רייכע פרויען אין די הייזער אויסצופוצן זייערע קעפּ. זי האָט נאָך אויך געקענט מאַכן שייטלס. דאָס האָט זי נאָך געקענט איידער זי איז אָפּגעפאָרן קיין אַמע־ריקע... זיי האָבן געוואוינט אין אַ שיינער הויז אויף נאָווי ליפּע, און מיר האָבן דאָס געדונגען ביי זיי אַ צימער און געקענט נוצן די קיך... אָבער איך בין געוואָרן זייער איבערזיכטיק אויף דער עלטערער שוועסטער, וואָס זי פּאַר־ברענגט מיט מיין מאַן אין פּאַוויליאָן. ס'האָט מיר געמאַכט אַזוי נערוועז, אַז איך האָב אים אויסגערעדט, פּאַרוואָס, ווען איך קום אַריין אים צו העלפן איז זי שטענדיק דאָ אין קראָם... מיין מאַן האָט איר דאָס דערציילט און זי האָט זיך פאַרענטפערט, אַז זי זיצט אין קראָם, ווייל זי כאַפּט אַ „טשאַסטע" און אַ גלאָז וואַסער, כאַלוואַ און נאָך נאַשערייען. איך האָב איר געגלויבט. דאָך האָב איך געהאַט אַ פאַרדאַכט אויף איר, אָבער איך דענק, אַז איך בין געווען איבערזיכטיק און דאָס אַלעס.

.50

מיין שוועסטערל פלעגט אַריינקומען און אַכטונג געבן אויף מיין קליין מיידעלע. אַמאָל פלעגט אויך אַריינקומען מיין מאַמע עליה השלום (אַלייאַ האַשאַלעם). אַזוי אַרום האָט שוין מיין מאַן געקענט זיך אָפּגעבן מיט זיין פּאַדריאַד (צושטעלן פּראָוויאַנט). אַלע טאָג האָט ער געקענט פאָרן איינ־קויפן פּראָדוקטן פאַר די סאָלדאַטן... אין פּאַוויליאָן איז שוין געווען לעבעדי־קער אויך. איך האָב געגעבן אַכטונג און עס האָט שוין אויסגעזען שיין און מען האָט שוין געקאָנט אַריינגיין אין פּאַוויליאָן, און מען האָט שוין געלייזט אַביסל מער געלט...

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שנאה (סינע) צווישן מיין מאַן און מיין מאַמען... ווען איך האָב נאָך געוואוינט אויף יורעפּצער גאַס און מיין קינד איז געווען אַ צוויי חדשים אַלט, פלעגט מיין מאַמע מיר קומען העלפן אין שטוב און פאַר מיין מאַן אָפּטראָגן זיין מיטאָג. און אַזוי ווי מיין מאַן האָט מיר יעדן טאָג געלאָזט אויף דעם טאָג הוצאה (הויצאָע) און עס איז ניט געווען גענוג, האָט מיין מאַמע אים אויסגערעדט. איז געוואָרן אַ שנאה (סינע) צווישן אים און

מיין מאַמען כמעט (קימאַט) אויפֿן גאַנצן לעבן. ער איז געוואָרן מיין מאַמעס אַ שונא (סוינע) פֿאַר גאָרניט. ער האָט ניט געוואוסט, אַז מען האָט אַ קליין קינד מוז מען האָבן מערער...

פֿאַר דער שנאה, וואָס איז געוואָרן אויף אײדער איך האָב געהאַט מיין קינד דעם ערשטן יום־כיפור (יאָם־קיפּער) האָט ער מיך גענומען צו מיין מאַמען מיט מיינע ברידערלעך צו ווינטשעווען זיי אַ גוט יאָר. איך דערמאָן זיך, אַז דאַן בין איך געווען די גליקלעכסטע אין דער וועלט. מיר האָבן נאָך דאַן געוואוינט אין דעם צימער אונטערן אויוון, אָבער יענע צייט איז ביי אונז געווען די בעסטע. איך האָב געדענקט, אַז די גאַנצע צייט וועט דאָס זיין אַזוי גוט. אָבער עס איז ניט ווי דער מענטש טראַכט. דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט...

דער זומער האָט זיך גענומען פֿאַרענדיקן און אין דעם פּאַוויליאָן האָט מען שוין געלייזט זייער ווייניק. מיין מאַן האָט אָפּגעשפּאָרט עטלעכע רובל, וואָס ער האָט געהאַט פֿון פּאַדריאַד מיט זיין ברודער, און ער האָט אויסגערעכנט, אַז ער וועט פֿאָרן קיין לאָנדאָן און וועט זיך אין לאָנדאָן אויסלערנען אַן אַרבעט, און נאָכהער אַביסל שפּעטער, מיך מיטן קינד אַרויסנעמען קיין לאָנדאָן... און אויב עס וועט זיין גוט און ער וועט אָפּשפּאָרן אַביסל געלט, וועלן מיר אָפּפֿאָרן קיין אַמעריקע. אָבער עס איז ניט געווען ווי ער האָט אויסגערעכנט. ער האָט אין לאָנדאָן ניט געהאַט וואָס צו טאָן, און קיין בעל־מלאכה (באַלמלאָכע) איז ער ניט געווען פֿון דער היים. מיר האָט ער איבערגעלאָזט דעם פּאַוויליאָן. מיין מאַמע פֿלעגט אַכטונג געבן אויפֿן קינד, און אַז די מאַמע האָט געדאַרפֿט גיין מאַכן עסן פֿאַר די ברידער און פֿירן די שטוב, איז געקומען מיין קליין שוועסטערל צו זיין מיטן קינד...

אַזוי איז אָנגעגאַנגען אַ גאַנץ ווינטער. ס'זיינען איבערגעבליבן חובות (כויוועס) פֿון די יונגעלייט וואָס האָבן אָנגענאָשט און איך האָב איינגעמאָנט. איך האָב געהאַט אויף אַ גאַנצן ווינטער צו לעבן און אַביסל אויף זומער... איך האָב באַקומען פֿון מיין מאַן אַ בריוו, אַז ער דענקט צו קומען צוריק אַהיים. ער בענקט נאָך מיר מיט'ן קינד, און פֿאַרדינען פֿאַרדינט ער ניט...

איך אַליין מיט'ן קינד האָבן אויך ניט געהאַט פֿונוואַנעט צו לעבן, און קיין דירה־געלט האָב איך אויך ניט געהאַט פֿון וואָס צו צאָלן. האָט מיין מאַמע מיט מיינע ברידער מיך אַריינגענומען צו זיי. עס איז געווען אַביסל ענג, אָבער וואָס האָבן זיי געקענט טאָן מיט מיר און מיט נאָך אַ קליין קינד... זיי האָבן געוואוינט אין אַן אויבערשטיבל פֿון צוויי צימערן...

איך קען גאָרניט אויסשרייבן, ווי איך האָב געבענקט נאָך מיין מאַן. ער האָט מיר געשריבן, אַז ער פֿלאָגט זיך זייער און ווייסט ניט וואָס צו טאָן.

ער וויל קומען אַהיים, אָבער ער האָט ניט אויף קיין שיפסקאַרטע. איך בין געגאַנגען צו זיין ברודער משה מענדל, ער זאָל אים שיקן אויף הוצאות (הוי־צאָעס). אָבער ער האָט פון דעם ניט געוואָלט וויסן. ער האָט מיר געענטפערט, אַז אַברהם יצחק האָט אים ניט געפרעגט צי ער זאָל פאָרן קיין לאָנדאָן, און ער וויל ניט וויסן פון אים. ער איז געווען אַ רייכער מאַן, אָבער ניט קיין געטרייער ברודער, און ער האָט מיר אויך געזאָגט, אַז דערפאַר איז ער אויף זיין ברודערס חתונה ניט געגאַנגען, ווייל ער האָט טאַקע געדענקט, אַז ער וועט ניט קענען מאַכן קיין לעבן און איך וועל קומען צו אים נאָך געלט. דאָס איז געווען דער סוף (סאָף). איך האָב אים געזאָגט אַ גוטן טאָג און איך בין אַוועק...

ווען איך בין געקומען אַהיים און דאָס דערציילט מיינע ברידער, האָבן זיי באַלד אויף מאָרגן אַרויסגעשיקט פופציק רובל. ער האָט נאָר געבעטן פערציק רובל, אָבער מיינע ברידערלעך האָבן געזאָגט, אַז מען דאַרף אים שיקן אַ צען רובל מער, ער זאָל ניט זשאַלעווען אַ פּאָר רובל און האָבן אויפן וועג גענוג.

.51

מיינע צוויי ברידערלעך, נאָטע און אַלטער, זיינען נאָך געווען גאַנץ יונג. דער עלטערער ברודער, יהושע (אישיע) איז שוין געווען פאַרהייראַט. ער האָט חתונה געהאַט באַלד ווי מיין מיין מיידעלע מושע איז געבוירן געוואָרן און איך האָב ניט געקענט פאָרן צו זיין חתונה. מיין קינד איז דאַן אַלט געווען אַ צוויי חדשים (כאָדאָשים). זיין חתונה איז געווען אין קרינקי. עס איז געווען אַ זעקס מייל פון ביאַליסטאָק. מיין מאַן אַברהם יצחק איז יאָ געפאָרן אויף זיין חתונה . . .

מיינע יונגערע ברידערלעך האָבן געדאַרפט אַרבעטן און פאַרזאָרגן דער מאַמען מיט מיין שוועסטערל שיינע גיטל, און נאָך מיך מיטן קינד, און זיי זיינען געווען אַזוי גוט און זיי זיינען נאָך געגאַנגען און געליען געלט צו שיקן מיין מאַן, אַז ער זאָל קומען אַהיים... איך געדענק, ווען ער איז געקומען אַהיים, האָב איך געבעטן מיין ברודער אַלטערן, אַז ער זאָל בעטן אַוואו ער אַרבעט, מען זאָל מיר געבן צו שערן די עטלעכע קעטן, וואָס זיי האָבן דאָרטן. ווייל אַ שערערקע, אַז זי זאָל האָבן אַרבעט גענוג, דאַרף מען האָבן אַ גרויסע פאַבריק און אַוואו מיין ברודער אַלטער האָט געאַרבעט איז געווען אַ קליין פאַבריקל. ער האָט טאַקע געקראָגן פאַר מיר די פּאָר קעטן צו שערן, אָבער עס איז ניט געווען גענוג אויף חיונה (כעיונע)... אַ סך גוטע פריינט האָבן געזוכט פאַר מיר אַרבעט, ווייל מען האָט געוואוסט, אַז איך בין אַ גוטע שערערקע...

מען האָט מיך אָנגעהויבן צו רופן אין אַ דריי קליינע פאַבריקלעך און מיר געגעבן אַרבעט. מיין מאַמע מיט מיינע ברידערלעך און מיין קליין שוועס־טערל האָבן געדונגען אַ וואוינונג אין אַנאַנדער געסל ניט ווייט און זיי האָבן אונז אַוועקגעגעבן זייער שטיבל. עס איז געווען אַ שיין שטיבל. די פענצטער זיינען געווען צו דער גאַס צו. עס איז געווען זייער אַ שיינע גאַס...

איך האָב זיך שיין איינגעאָרדנט אין שטיבל. מיר האָבן געהאַט צו צוויי בעטלעך, וואָס מיר האָבן געקויפט, ווען איך האָב זיך אַריינגעצויגן אין יורעפּצער גאַס, און זיי זיינען געשטאַנען ביי מיין מאַמען... און אַז מיין מאַמע מיט די קינדער האָבן זיך אַריינגעצויגן אין דער אַנדערער דירה, איז געבליבן דאָס ביסל מעבל און מיר האָבן זיך באַנוגנט מיט וואָס מיר האָבן געהאַט...

איך געדענק ווי צופרידן מען איז געווען, ווען מיין מאַן איז געקומען פון לאָנדאָן און האָט מיך געפונען ביי מיין מאַמען און ברידערלעך, און מושעלע, וואָס איז געווען אַ נאָמען נאָך זיין מוטער, עליה השלום (אָלייאַ האַשאָלעם), איז געווען אַזוי שיין, ווי די זון, און איך האָב שוין געהאָפט, אַז מיט דער צייט וועל איך קריגן מער אַרבעט, און ער וועט אויך קריגן אַביסל אַרבעט און מיר וועלן שוין אויסקומען...

.52

איין שבת נאָך מיטאָג האָט מיין מאַן מיך אַרויסגערופן אויף אַ שפּאַציר. אונטער דער טורמע איז געווען אַ ברייטער וועג אויף וועלכן מען איז געפאָרן קיין וואַשיליקאָווע. און הערט וואָס ער האָט געזאָגט צו מיר. ער האָט געזאָגט צו מיר, אַז ער וועט ניט קענען מאַכן קיין לעבן ווי עס זעט אויס. וויל ער, אַז איך זאָל עפּעס טאָן, אַז איך זאָל קיין קינדער ניט האָבן... זאָג איך צו אים, אַז אַזאַ לעבן וויל איך ניט. איך וועל קיינמאָל ניט טאָן עס זאָל קראַנק מאַכן מיין קערפּער, און איך וויל האָבן קינדער. און אויב ער, מיין מאַן, וויל ניט האָבן קיין קינדער, קאָנען מיר זיך גטן (געטן)... זאָגט ער: „זעסט דאָך, אַז איך קען קיין לעבן ניט מאַכן, וואָס וועט זיין? די קינדער וועלן זיך פּלאָגן״... האָב איך אים געענטפערט, אַז דאָס וועלן מיר שוין זען שפּעטער. איך האָב ליב קינדער און וויל האָבן קינדער. און איך האָב טאַקע אויסגעפירט!...

עס האָט לאַנג ניט גענומען און איך בין טראָגעדיק געוואָרן מיטן צווייטן קינד... עס איז געבוירן געוואָרן אין אַ הייבעלע. פרייטאָג־צונאַכטס אין יאָר 1898... איך האָב אַ גאַנצן טאָג פרייטאָג געאַרבעט אין פאַבריק, געשוירן די קעטן און פאַרנאַכט געקומען אַהיים און נאָך געבענטשט ליכט און זיך צוגע־גרייט צו עסן וועטשערע. מיין מאַמע האָט געקאָכט פאַר דער גאַנצער פאַמיליע

און זי האָט אָפּגעקאָכט לאָקשן מיט בעבלעך, און איך האָב זיך גוט אָנגעגעסן מיט לאָקשן און בעבלעך. עס זיינען געווען נאָך אַנדערע זאַכן צו עסן. עס זיינען אַוועק אַ צוויי שעה (שאָ) און איך האָב שוין גערופן מיין מאַמען און מ׳האָט שוין גערופן דער באָבען. (די אידענע וואָס האָט אָפּגענומען קינדער פון די ווייבער, האָט מען גערופן „באָבע"...) און ווען די באָבע איז געקומען איז שוין דאָס קינד געווען געבוירן, און מען האָט נאָר געוואַרט אויף דער באָבען, זי זאָל אָפּשניידן דעם נאָפּל...

אַלע האָבן זיך געפרייט, וואָס אַ גאַנצן טאָג האָב איך שווער געאַרבעט, און ביינאַכט צען אַזייגער, בין איך שוין געווען איבערגעקומען דאָס האָבן און זיך געפילט גאַנץ גוט. קיין בעסערע שמחה (סימכע) האָט מען ניט געדאַרפט האָבן...

מען טאָר דאָך ניט אָנצינדן קיין פייער אום שבת, האָט מיין ברודער אַלטער גענומען דאָס פּיצל קינד צום שיין פון פענצטער, און אַז ער האָט דערזען דאָס עופה׳לע (אויפעלע) ווי עס שיינט, האָט ער געשריען, אַז עס איז דאָך אַ מלאכל (מאַלאָכל), דאָס שיינט דאָך ווי די זון און די לבנה (לעוואָנע). און ער האָט טאַקע דאָס געהאַלטן אַנטקעגן דער שיין פון דער לבנה און פענצ־טער... איר קענט זיך פאָרשטעלן, ווי אַ פרוי פילט, ווען זי האָט געבוירן נאָר־וואָס אַ קינד, און זי הייבט אויף דעם קאָפּ און זעט ווי איר ברודער האַלט דאָס עופהלע אויף זיינע הענט, אַ געוויקלטס, און שפּילט זיך מיט דעם אַנטקעגן דער לבנה... און מיינט איר אַז ער האָט געהאַט אַ טעות (טאָעס)? ניין. דאָס מיידעלע איז געווען אַ שיינהייט... און אַ נאָמען האָט מען איר געגעבן ליבע, נאָך מיין טאַטן עליו השלום (אָלאָוו האַשאָלעם). מיין טאַטן, ווי איר ווייסט שוין, האָט מען גערופן לייבע...

און מיין ליבעלע איז געוואַקסן אַ שיינהייט און אַ גראַטענע, און האָט זיך געלערנט זייער גוט, און זי איז טאַקע אַ דאָקטאָרשע, און איך האָב פיל נחת (נאַכעס) פון איר געהאַט, און זי איז זייער גוט צו מיר. זי גיט מיר אַ סך צום לעבן, און אַז איך בין אין אַ נויט, גיט זי מיר געלט פיל. זי פאַרשטייט, וואָס מיר פעלט, און איך האָב ניט קיין חרטה (כאַראָטע), וואָס איך האָב געוואָלט האָבן קינדער...

איך בין אַוועק צו ווייט, איך האָב דאָס נאָך ניט געדאַרפט שרייבן... איך גיי אויף צוריק, ווען מיין מאַן איז געקומען פון לאָנדאָן און ער האָט ניט געהאַט וואָס צו טאָן. איך בין שוין געווען מעוברת (מעאָוובערעס), און איך האָב געהאַט אַ צוויי צי דריי פאַבריקלעך... און אַז מען האָט געדאַרפט די קעטעס אין אַלע דריי פאַבריקן אין איין טאָג, וואָס־זשע האָב איך געטאָן? איך האָב געשוירן אַ קעטע אין איין פאַבריק, און שפּעטער אין דער צווייטער

פּאַבריק, און ביינאַכט ביז צוועלף אַזייגער — אין דער דריטער פּאַבריק, און אַוואו איך האָב געאַרבעט ביינאַכט, פלעגט דער וועבער מיט מיר זיצן און מיך אַוועקפירן אַהיים. און איך בין שוין געווען אין די גרויסע חדשים (כאַדאָשים)...

איך האָב פאַרגעסן צו שרייבן, אַז ווען איך האָב געבוירן ליבעלען, איז מיין מאַן ניט געווען אינדערהיים. ער איז געווען אין אַנאַנדער שטאָט; אויך פאַרגעסן צו שרייבן, אַז ווען איך האָב געבוירן ליבעלען פרייטאג ביינאַכט, האָט בלויז געברענט אין הויז אַ קליין קעראָסין לעמפּל, און ס'איז געווען פינצטערלעך און דערפאַר האָט דאָס מיין ברודער גענומען צום פענסטער צו דער לבנה... מיט מיין ערשט קינד, מיט מיין מושעלען, איז מיר געווען זייער שווער דאָס האָבן . . . איך בין געגאַנגען אַ גאַנצן טאָג צו־קינד, און מען האָט מיר געהאַנגען אויף אַ שטריק צו דער סטעליע. עס איז געווען אַ דאָקטאר אויך, און מען האָט גערופן מיין מאַן ער זאָל זיין דערביי, דאָס איז געווען פאַר אַ סגולה (סגולע).

.53

איך האָב געהאַט אַ שוועסטער־קינד, מיין טאַטנ'ס אַ ברודער'ס אַ זון. דעם פעטער האָט מען גערופן מאָטל שמואל, און דעם שוועסטער־קינד האָט מען גערופן לייזער מייער. דער לייזער מייער איז שוין געווען אַ חתונה־געהאַטער, און אויך שוין אַ גע'גט'ער (געגעטער). ער איז געשטאַנען ביי זיינער אַ רייכער שוועסטער אויף נאָוויליפּע גאַס. ער האָט ניט געהאַט וואוהין אַריינצוגיין און אויסריידן זיין צעבראָכן האַרץ, פלעגט ער קומען צו מיר, ווען ער האָט נאָר געהאַט צייט. און אַז ער האָט געזען ווי איך פלאָג זיך מיט צוויי פיצלעך קינדערלעך און נאָך אַזוינע שיינע (איך טרייב ניט איבער, די צוויי מיידעלעך זיינען געווען זעלטן שיינע), זאָגט מיין קוזין צו מיר:

— הער, רחל־ענע, איך וועל דיר טאָן אַ טובה (טויווע). אַזוי ווי איך פאָר קיין אַמעריקע, וועל איך איבערגעבן דיין מאַן מיין שטעלע. מען האָט געדאַרפט זיין אַ געלערנטער מענטש, און מיין מאַן איז טאַקע געווען אַ געלערנטער מאַן. די שטעלע איז געווען ביי זינגער־מאַשינען אַן אַגענט. ער האָט געדאַרפט זוכן קונדן צו פאַרקויפן די ניי־מאַשינען. ער פלעגט אַרומפאָרן צו זוכן קונדן, דאָס מיינט קאָסטימערס. און דערפאַר איז מיין מאַן ניט געווען אינדערהיים, ווען איך האָב געהאַט ליבעלען. ווען ער איז געקומען האָט ער זיך זייער געפרייט, וואָס דאָס קינד איז אַזאַ שיינס און אויך אַ געזונטס, און וואָס איך האָב געהאַט אַ גרינג האָבן...

מיין מאַן האָט פאַררופן זיין פאַרוואַלטער (דאָס מיינט אַ מענעדזשער)

אויף כיבוד (קיבעד), ווען ער וועט זיין אין אונזער געגנט... און אַז דער פּאַר־וואַלטער האָט געדאַרפט קומען און קיינער איז ניט געווען אינדערהיים, ווער עס זאָל אויפּראַמען די שטוב, בין איך אַראָפּ פון בעט און האָב אָפּגעוואַשן די פּאָדלאָגע און בין טאַקע קראַנק געוואָרן. צוויי און צוואַנציק וואָכן בין איך געווען קראַנק. מיין מאַן איז מיט מיר געגאַנגען צוויי מאָל אַ וואָך צו אַ גוטן דאָקטאָר ביז איך בין געזונט געוואָרן...

איידער איך האָב געהאַט ליבעלען, האָב איך אויסגעלערנט מיין קליין שוועסטערל שערן קעטן... מיין שוועסטערל איז נאָך געווען אַזוי יונג, מער ניט ווי ביי צוועלף יאָר אַלט, און האָט געאַרבעט אַזוי פלייסיק. זי האָט אָפּגעשוירן אַלע קעטן און מען האָט זיך געטיילט מיט די פאַרדינסטן. אָבער איך האָב דאָך געדאַרפט, אַז עמיצער זאָל אַכטונג געבען אויף די קינדער, האָב איך געמוזט עמיצן קריגן. קיין רעגולערע מיידל האָב איך ניט געקענט האַלטן, האָב איך געדונגען אַן אַלטע גויה (גאָיע), האָט זי מיר פאַרלאָזן ביי די קינדער די קעפּ. איך קען ניט דערציילן, ווי שלעכט מיר איז געווען. מיין מאַמע איז שוין אין ביאַליסטאָק ניט געווען. זי האָט ניט געקענט פאַרטראָגן דעם וועטער אין שטאָט. זי איז אַלעמאָל געווען קראַנק, האָבן די דאָקטוירים געזאָגט, אַז זי מוז פאָרן צוריק אין דער קאָלאָניע. די ברידערלעך האָבן געגעבן געלט מיין מאַמען און זי האָט געקויפט אַ קו. דאָס שטיקל פעלד וואָס זי האָט געהאַט איז געווען גענוג צו לעבן פאַר איר אַליין... אַלטער און באַטע מיט מיין קליין שוועסטערל האָבן געדונגען איין צימער און דאָס שוועסטערל האָט פאַר זיי געקאָכט . . .

ווען מיין ברודער אַלטער איז אַלט געוואָרן איין און צוואַנציק יאָר און האָט געדאַרפט זיך שטעלן צום פּריזיוו, און ער האָט ניט געוואָלט גיין דינען פאָניען, האָט ער זיך געמאַכט אַ פעלער. אָבער עס האָט ניט געהאָלפן, און מען האָט אים צוגענומען פאַר אַ סאָלדאַט. איז ער אַנטלאָפן פון דער דינסט קיין אַמעריקע. עס איז געווען אַ נס (נעס) פון גאָט וואָס מען האָט אים ניט געכאַפּט. ער איז אָבער געבליבן אַ קראַנקער אויף זיין גאַנץ לעבן...

.54

און איצטער גיי איך צוריק צו מיר און מיינע צרות (צאָרעס)... מיין מאַמע איז שוין געווען אין דער קאָלאָניע און זי איז געוואָרן געזינטער און זי האָט געוואוינט אין איר אייגענער שטוב. די שטוב האָט זי דאָך ניט פאַרקויפט. זי איז געווען פאַרדונגען צו אונזערן אַ באַקאַנטן. מען האָט אים גערופן מאיר

לייזער׳ס. זיין טאַטן האָט מען גערופן לייזער דער רויטער. זיין ווייב האָט מען גערופן לאה מייערס... אַז מיין מאַמע איז געקומען אין דער קאָלאָניע און ניט געקענט קריגן קיין דירה (דירע), האָט מאיר לייזערס איר אָפּגעגעבן די קאַמער... דער מאַמען איז נאָך געווען בעסער. זי האָט ניט געדאַרפט זיין אַליין אין שטוב. זי האָט געוואוינט מיט מענטשן.

איינמאָל איז זי געקומען קיין ביאַליסטאָק צו גאַסט. זי האָט זיך געדאַרפט געזעגענען מיט נאָטענען. ער האָט שוין אויך זיך געגרייט צו פאָרן קיין אַמע־ריקע... זי איז, פאַרשטייט זיך, געקומען צו מיר אין הויז. עס איז נאָר געווען אויף אַ קליינער צייט ביז מיין ברודער נאָטקע וועט אַוועקפאָרן. געדענק איך, ווי מיין מאַן האָט געמאַכט אַזאַ גרויסע קריג. ער האָט זיך גענומען קריגן און טרייבן מיין מאַמען מיט מיין שוועסטערל... וואָס האָב איך צו אים געזאָגט? איך האָב אים געזאָגט, אויב דו וועסט עפּעס טאָן צו מיין מאַמען מיט מיין שוועסטערל, וועל איך נעמען אַ הייסן טאָפּ מיט וואַסער און דיך אָפּבריען...

נו, שטעלט זיך פאָר, ער האָט שוין פאַרדינט אַ פּאָר רובל און איך זאָג אים, אַז איך וועל אים אָפּבריען מיט אַ טאָפּ וואַסער. האָט ער אָנגעהויבן צו שרייען, און אויף די געשרייען איז אָנגעקומען מיין ברודער נאָטקע און ער האָט אים גענומען פאַרן האַנט און אים געזאָגט: „איך קען אייך צעטרייסלען ווי אַ שטרוי.״ ער האָט זיך פאַרשעמט, און ער איז אַוועק...

ער איז צוויי וואָכן ניט געקומען אַהיים... בין איך אַוועק אין קאַנטאָר (אָפיס) פון דער זינגער־מאַשין און האָב זיי דאָרטן דערציילט, אַז ס׳איז שוין צוויי וואָכן, וואָס מיין מאַן איז ניטאָ אין דער היים. האָבן זיי מיר געזאָגט, אַז זיי האָבן אים געשיקט אין אַנאַנדער שטעטל אָנצונעמען באַשטעלונגען פאַר די זינגער־מאַשינען... דאָרטן אין קאַנטאָר זיינען זיי געווען זייער פריינדלעך צו מיר און זיי האָבן מיך געפרעגט צי איך דאַרף געלט. האָב איך זיי געזאָגט, אַז קיין געלט דאַרף איך ניט, נאָר איך ווייס ניט וואָס צו קלערן, וואָס מיין מאַן איז ניט געקומען שוין צוויי וואָכן. האָבן זיי מיר געזאָגט, אַז ווי ער וועט נאָר קומען אין קאַנטאָר, אַזוי וועט מען אים שיקן אַהיים... זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז מיר האָבן זיך צעקריגט...

ווען ער איז געקומען אין קאַנטאָר, האָבן זיי צו אים געזאָגט, אַז מען האָט דערקענט נאָך מיין פּנים, אַז איך בין געווען פאַר׳דאגה׳ט (פאַרדייגעט); האָט עפּעס פּאַסירט צווישן אונז? איז ער שוין געגאַנגען אַהיים, איידער נאָך ער האָט זיי אָפּגעגעבן אַ רעכענונג פון די באַשטעלונגען, וואָס ער האָט געמאַכט אויפן וועג... אַז ער איז געקומען אַהיים, האָט ער זיך ניט ווילסנדיק געמאַכט. ער האָט קיינעם פון מיין פאַמיליע ניט געפונען אין דער היים. מיין מאַמע איז שוין געהאַט אַוועקגעפאָרן צוריק אין דער קאָלאָניע. מיין ברודער נאָטקע

איז אַוועקגעפאָרן אין אַמעריקע. מיין שוועסטערל שיינע גיטל האָט געקריגן זייער אַ שיינעם צימער ביי אַ מוטער מיט דריי מיידלעך. די מיידלעך זיינען אויך געווען שערערקעס, און זייער מוטער האָט געשפּולעוועט. זי פלעגט אָפּקאָכן עסן פאַר אירע קינדער, האָט זי שוין אויך אָפּגעקאָכט פאַר מיין שוועסטערל... מיין שוועסטערל האָט געוואוינט ביי זיי, ביז זי איז אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע . . .

איצטער גיי איך ווייטער צו מיר מיט מיין מאַן. עס איז געוואָרן אַזאַ ביטערער לעבן, וואָס איך קאָן גאָרניט אויסשרייבן... וואָס מען האָט געוואָלט פאַרגעסן די קריגערייען וואָס מען האָט געמאַכט, האָט זיך יעדעס מאָל אָפּגעפרישט אויף דאָס ניי... איך האָב געהאַט אַזוי פיל פאַרדראָס אויף אים, וואָס ער איז געווען אַזוי שלעכט צו מיין מאַמען מיט מיין שוועסטערל... איך פלעג אָנזייגן מיין קליין מיידעלע און דערנאָכדעם טראָגן מיין שוועסטער צו דער פאַבריק עסן מיטאָג. פאַרנאַכט האָב איך פאַר איר געטראָגן וועטשערע... פרייטאג ביינאַכט האָב איך איר געשיקט אַ שבת'דיקן מאָלצייט. איך האָב געזען, אַז מיין שוועסטערל זאָל זיך ניט פילן עלנט... זי האָט ניט געוואָלט קומען צו מיר, האָב איך געטראָגן מיינע קינדער צו איר אַלע שבת...

עס האָט זיך שוין איינגעשטילט אַביסל אין שטוב. אָבער, ווי איך האָב שוין דערציילט, אַז די אַלטע גויה (גאָיע) האָט פאַרקילט מיינע קינדער און מיינע שיינע מיידעלעך האָבן געקריגן שקראָפּל. די יונגערע פלעגט פון זיך אָפּרייסן די הויט. די אַלטע גויה האָט שוין אויך ניט געוואָלט זיין ביי מיר, עס איז איר געווען צו שווער. זי איז אַוועק. האָב איך געזאָגט צו מיין מאַן, ער זאָל אַכטונג געבן אויף די קינדער, וויבאַלד איך מוז אַרבעטן, און ער אַרבעט ניט... האָט ער שוין געהיט די קינדער. אָבער, אַז ער פלעגט אַוועקגיין אין שטאָט, האָט ער איבערגעלאָזט די קינדער ביי אונזערן אַ שכן (שאָכן). ער איז געווען אַ שוסטער און געאַרבעט אין שטוב. מיר האָבן געוואוינט אויפן צווייטן שטאָק, און דער שוסטערס שטיבל איז געווען אַנטקעגן אונז. מיין מאַן איז געוואָרן גוטע פריינט מיט דעם שוסטער און מיט זיין ווייב. דער שוסטער האָט דאָך אָבער געדאַרפט אַרבעטן, און ער האָט דאָך ניט געקענט זיך אָפּגעבן מיט אונזערע קינדער, און זיין ווייב אויך ניט. אַז איך האָב געפונען מיינע קינדער אין אַזאַ צושטאַנד, האָב איך געוויינט, ווען איך בין געקומען אַהיים. ער האָט געהאַט פאַריבל אויף מיר. האָבן מיר זיך שוין איבעראַנייעס געקריגט, און מיין מאַן איז ווייטער פאַרשוואונדן געוואָרן...

מיר האָבן געוואוינט ביי אַ באַלעבאָסטע. זי איז געווען פון אַ שטעטל יאַנעווע, און פון יאַנעווע האָט מען איר צוגעשיקט אַ מיידל, אַ יונגע, אַ יתומה (יעסוימע). זי איז אַלט געווען 13 יאָר. און אַז די באַלעבאָסטע האָט געזען

ווי איך דאגה (דייגע) זיך אַזוי, און אַז איך דאַרף גיין צו דער אַרבעט און האָב ניט אויף וועמען צו לאָזן די קינדער, און איך קען נאָך פאַרלירן מיין פאַבריק און מען וועט ניט האָבן פון וואַנען צו לעבן, האָט זי אָפּגעגעבן דאָס מיידל צו מיר. קרוינע האָט מען זי גערופן... די באַלעבאָסטע האָט אויך געבראַכט מיין מאַן. זי האָט אים געזען ערגעץ אויף אַ גאַס, האָט זי אים געבעטן ער זאָל קומען אַהיים זיך דורכריידן מיט מיר. ער איז טאַקע באַלד געקומען...

.55

דאָס מיידל פון יאַנעווע איז נאָך געווען אַליין אַ קינד, אָבער זי האָט געניאַנטשעט מיינע קינדער זייער גוט. זי האָט נאָך אָפּגעקאָכט פאַר אונז אויך. די קינדער זיינען געווען פול מיט שקראָפּל און זי האָט זיי געדאַרפט היטן... זי האָט געהאַט אַ שווערע שטעלע און זי איז לאַנג ביי אונז ניט געווען...

די באַלעבאָסטע האָט זיך געקליבן קיין אַמעריקע. איר מאַן איז געווען דאָרטן, וואו מען האָט געגראָבן גאָלד. דאָס איז געווען אַרום סאַן פראַנציסקאָ. איר מאַן איז געהאַט געקומען צוריק קיין ביאַליסטאָק בלויז אויף אַ פּאָר חדשים און געקויפט אַ פּאָר הייזער און זיך צוריק אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. אין איינע פון די הייזער האָב איך געוואוינט. איצטער, אַז זיין ווייב איז אויך געפאָרן קיין אַמעריקע, האָט זי פאַרקויפט די הייזער. אין אַמעריקע האָט זי זיך דערוואוסט, אַז מיין קוזין ישראל חיים איז איר שוועסטערס מאַן...

ווען קרוינע איז אַוועק פון מיר האָב איך געוויינט און געקלאָגט. וואָס זאָל איך טאָן איצטער? איך דאַרף גיין אַרבעטן. מיין מאַן האָט ניט שטענדיק געקענט בלייבן מיט די קינדער. ער האָט דאָך אויך געדאַרפט גיין צו זיין אַרבעט צו פאַרקויפן זינגער־מאַשינען. האָט מען ווייטער געדאַרפט נעמען צוריק די אַלטע גויה (גאָיע). זי איז אַלט געווען ביי אַ 75 יאָר. מען האָט נאָך געדאַרפט אַכטונג געבן אויף איר. אַזאַ אַלטע...קיין גוטע דינסט־מיידל האָט מען ניט געקאָנט זיך דערלויבן. האָב איך אַוועקגעגעבן מיין שוועסטער צוויי קליינע פאַבריקלעך און האָב גענומען איינס. האָב איך זיך שוין געקענט אָפּ־געבן מיט די קינדער אַביסל מערער...

די קינדער זיינען שוין געוואָרן גרעסער, אָבער קיין שלום־בית (שאָלעם־בייאיס) איז שוין ביי אונז ניט געווען. עס איז שוין געווען אַזוי ווי עס צערייסט זיך עפּעס און אַז מען פאַרלאַטעט האָט דאָס שוין ניט קיין טעם (טאַם). אונזער לעבן איז אויך געווען צעריסן, און ווי מען האָט דאָס ניט פאַרריכט איז דאָס אַלץ געווען צעריסן. און ווי איך האָב אים אַזוי געליבט אַזוי איז געוואָרן

ביטער און פינצטער. מען האָט דאַן קיין רעספּעקט ניט געהאַט איינער פאַרן צווייטן. מיר זיינען אָבער געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די קינדער... און אַזוי האָט זיך דאָס געצויגן...

עס איז אַרויס אַ בייעס, אַז יאַפּאַן מיט רוסלאַנד זיינען אין דער מלחמה (מילכאָמע), מיין מאַן איז דאַך געווען אַ געדינטער סאָלדאַט, האָט ער זיך דערשראָקן און זיך צוגעגרייט פאָרן קיין אַמעריקע... ער האָט איינגעמאָנט אַביסל געלט, וואָס ס'איז אים געקומען פון די איינצאָלונגען פאַר די זינגער־מאַשינען און האָט געהאַט קוים אויף הוצאות (הויצאָעס)... די באַלעבאַטים זיינע האָבן ניט געקענט וויסן, ווייל ער פלעגט סאַי ווי סאַי אַוועקפאָרן אויף אַ פּאָר וואָכן צו מאַכן באַשטעלונגען און איינמאָנען געלט. ער האָט מיר איבערגעלאָזט די ביכער מיט די פּאַפּירן, אַז ווען ער וועט שוין זיין אין אַמעריקע, דאַן זאָל איך זיי אָפּגעבן... די באַלעבאַטים האָבן זיך אָבער דער־וואוסט, אַז מיין מאַן איז אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע און זיי זיינען געקומען צו מיר נאָך די ביכער און פּאַפּירן. האָב איך זיי געזאָגט, אַז זיי זאָלן קומען אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, וועלן זיי קריגן די ביכער מיט די פּאַפּירן...

פּייוול מיט רבקה רחלען האָבן געוואוינט אויף נאָווי ליפּע גאַס און זיי האָבן דאָרט געהאַט אַ גרויסע קראָם פון מענער־זאַכן. פאַרוואָס האָב איך די פּאַפּירן מיט די ביכער אַוועקגעטראָגן צו פּייוולען און רבקה רחלען? רבקה רחל איז געווען מיינע אַ שוועסטער־קינד פון דער זעלבער קאָלאָניע. זי איז געווען מיין פעטער מאָטל שמואלס אַ טאָכטער. דערפאַר האָב איך זיי געטרויט די פּאַפּירן מיט די ביכער...

ווען מיין מאַן איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע איז מיין עלטער מיידל אַלט געווען פינף און אַ האַלב יאָר און די יונגערע — דריי יאָר... איך בין געבליבן איינע אַליין מיט די קליינע קינדער. אַלע פון מיין פאַמיליע זיינען שוין געווען אין אַמעריקע. נאָר מיין מאַמע איז נאָך געווען אין רוסלאַנד. זי איז געווען אין קריניק. זי איז געווען פאַרהייראַט צום צווייטן מאַן, בין איך געווען אַליין מיט מיינע צוויי קינדער און זיי זיינען געווען קראַנק אויך און פונוואַנען צום לעבן האָב איך ניט געהאַט...

דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז איך וועל האָבן צרות (צאָרעס) מיט מיין מאַן. אַזוי איז טאַקע געווען. ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע האָט ער געשריבן אַ בריוו און גע'מסר'ט (געמאַסערט) אויף מיינע ברידער און אויך אויף מיין שוועסטער. מיין שוועסטער איז דאַך געווען אין כעס (קאַס) אויף אים. איך האָב דאַך געשריבן, ווי שלעכט ער איז געווען צו מיין שוועסטער און צו מיין מאַמען. און דערפאַר האָט מיין שוועסטער ניט געוואָלט אים אָפּנעמען ווען ער איז אָנגעקומען מיט דער שיף... מיין ברודער יהושע וועלוועל האָט

געוואוינט אין האָבאָקען, און ער איז אויך געווען אין כעס (קאַס) אויף מיין מאַן, ווייל ער פלעגט אים באַריידן... מיין שוועסטער שיינע גיטל האָט געוואוינט אין פעטערסאָן; מיין ברודער נאָטקע, נאָך אַ בחור (באָכער) האָט געוואוינט ביי אַלטערן.

און נאָטקע איז טאַקע געווען דער גוטער און מיין ברודער נאָטקע האָט אים אָפּגענומען פון שיף און האָט אים געבראַכט צו אַלטערן אין שטוב אַריין. ער האָט אים אויך אַרויסגעהאָלפן מיט אַ פּאָר דאָלער...

56.

מיין מאַן האָט זיך אין ניו־יאָרק אויסגעלערנט צו מאַכן קינדער־הייזקעס און פון דעם האָט ער ניט געקענט פאַרדינען קיין סך (סאַך) פאַר מיר מיט די קינדער. האָט ער זיך פאַרלאָזן אויף מיין ברודער נאָטקען. אָבער נאָטע האָט ניט געקענט מיך איינגאַנצן אויסהאַלטן. האָב איך געמוזט זוכן קריגן אַרבעט צו שערן קעטן... אָבער וואָס האָב איך געקענט טאָן מיט צוויי קליינע קינדער־לעך. איך האָב אפילו ניט געקענט זוכן קיין אַרבעט. איך האָב געמוזט נעמען די קינדער מיט זיך. אָבער קיינער וואָלט מיר ניט געגעבן קיין אַרבעט אין אַ פאַבריק מיט קינדער. מיין מאַנ'ס אַ גוטער פריינט, אַ וועבער, האָט געהאַט עפּעס אַ דעה (דייע) און מען האָט מיך געלאָזן אָפּשערן די פּאָר קעטן... און וואָס פאַר אַ שווערניש דאָס איז געווען פאַר מיר צו האַלטן די קינדער לעבן מיר. ווען זיי וואָלטן געווען איינגאַנצן געזונט, וואָלט מיר ניט געווען אַזוי שווער. איז אָבער געווען אַן אומגליק, די קינדער האָבן געהאַט שקראָפל און זיי פלעגן צערייסן פון זיך די הויט. אָבער דער מאַן, וואָס האָט געזען מען זאָל מיר געבן אַרבעט, איז געווען זייער אַ גוטער מענטש און ער פלעגט אַביסל אַכטונג געבן אויף די קינדער, זיי זאָלן זיך ניט אָפּרייסן די הויט פון קאָפּ און פון פּנים.

דעם מאַן האָט מען גערופן לייבע דער וואַשעלקאָוער. ער האָט געוואוינט אין וואַשעלקאָווע, אָבער געוועבט האָט ער אין ביאַליסטאָק... ער האָט מיר געטאָן אַ סך טובות (טויוועס). ער איז געווען זייער אַ גוטער מענטש... צו אים פלעגט מיין מאַן שרייבן בריוו. אַז איך האָב געוואָלט וויסן, וואָס עס טוט זיך, בין איך מיר שוין געגאַנגען און אים געפרעגט און ער האָט מיר שוין אַלעס דערציילט. אָבער צו מיר מיט די קינדער האָט מיין מאַן ניט געשריבן. אַמאָל אויף פסח (פייסאַך) צי אויף סוכות (סוקעס) האָט ער געשריבן אַ פּאָר ווערטער און געשיקט אַ פינף טאָלער. מער ווי פינף טאָלער האָט ער ניט געשיקט,

און דאָס איז געווען איין מאָל אין יאָר, צי צוויי מאָל אין יאָר. אַז ער האָט געוואָלט האָט ער גאָרניט געשריבן. אַזוי זײַנען אַוועק דריי יאָר אין אַזוינע צרות...

עס האָט אונז געטראָפן אַ גרויסער אומגליק און מײַנער אַ ברודער איז געשטאָרבן, פּלוצלינג געשטאָרבן. מען האָט ניט געוואוסט צי ער האָט אויפגעדרייט די געז, צי די געז האָט זיך פאַרלאָשן, אָבער ווען מען האָט אים געפונען איז ער שוין געווען טויט. נו, האָט דער אומגליק אַזוי געווירקט אויף מײַן ברודער נאָטקען, אַז ער איז געוואָרן אַזוי קראַנק און ער האָט ניט געקענט אַרבעטן... פריער האָט ער מיר צוגעשיקט עטלעכע טאָלער, און דערנאָכדעם האָט ער מיר שוין גאָרניט געקענט צושיקן קיין געלט... איך האָב זיך זייער געמאַטערט אַ לאַנגע צייט ביז ער איז געזונט געוואָרן... איך מיט די קינדער האָבן כמעט (קימאַט) ניט געהאַט וואָס צו עסן. פלעג איך באָרגן און לײַען, און ווי איך האָב געקריגן אַביסל אַרבעט האָב איך באַצאָלט...

אַזוי איז אַוועק אַ לאַנגע צייט און איך האָב געבאָרגט און געהאָפט, אַז ער וועט מיר שיקן פון אַמעריקע געלט און איך וועל באַצאָלן. אָבער די קרעמערקע האָט אַלץ געוואוסט, וואָס ס'האָט זיך געטראָפן אין אונזער פאַמיליע און זיך האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו קווענקלען. ווען אַדי בין אַרײַן נעמען אָן געלט, האָט זי געזאָגט, אַז ס'איז שוין צופיל — „איך קען ניט אויסליידיקן מײַן קרעמל." האָב איך איר געבעטן, אַז זי זאָל האָבן געדולד, ווי עס וועט מיר נאָך קומען פון אַמעריקע אַ פּאָר רובל, וועל איך איר באַלד באַצאָלן.

און וועגן קורירן די שקראָפּל בײַ מײַנע מיידלעך, האָב איך גאַדאַרפט גיין אין שפּיטאָל. קיין דאָקטאָר פאַר געלט האָב איך זיך ניט געקענט דערלויבן. אין שפּיטאָל האָב איך געהאַט באַקאַנטע דאָקטוירים, האָבן זיי געטאָן דאָס בעסטע פאַר מיר מיט די קינדער. זיי פלעגן מיר אונטערשרײַבן, אַז איך זאָל קריגן אומזיסט מעדיצין און אַליוו אייל צום שקראָפּל פאַר די קינדער.

און אין שטוב איז געווען אַזוי קאַלט און איך האָב ניט געהאַט פאַר וואָס צו קויפן אַ וועגעלע האָלץ. דאָס האָב איך געמוזט קריגן פון צדקה (אין אַמעריקע מיינט עס טשאַריטי)... איז ווייסט איר שוין, וואָס איך האָב זיך אָנגעליטן די דריי יאָר, וואָס מײַן מאַן איז געווען אין אַמעריקע... פון צייט צו צייט פלעג איך צו אים שרײַבן און אויסשרײַבן מײַנע מאַטערנישן, אָבער ער האָט זיך געמאַכט ניט ווויסנדיק...

.57

און עס האָט זיך געמאַכט פאַר מיר אַ גליק. ניט ווייט פון ביאַליסטאָק איז דאָ אַ שטעטל וואַשילקאָווע, צוויי מייל פון ביאַליסטאָק. און פון וואַשילקאָווע זײַנען צו מיר געקומען דריי מיידלעך פאַר אַ צימער צו דינגען, אָבער

קיין צימער האָב איך ניט געהאַט, אָבער די פּאָלע (דאָ רופט מען דאָס אַ פּראָנט רום) איז געווען זייער אַ גרויסע און לעם טיר איז, ווען מען איז אַריינגעגאַנגען, געווען אַ קליין צימערל, און נאָר פּאָר אײן מיידל. זיינען צוויי מיידלעך גע־שלאָפן מיט מיר און מיט די קינדער און איינע איז געשלאָפן אין קליינעם צימערל. די מיידלעך האָבן געהערט צום פּראָפּעס, דאָס איז געווען פון די פּוילישע פּאַראַיינען. זיי האָבן געזען, אַז די אַרבעט אין די פּאַבריקן זאָל געטיילט ווערן פּאַר אַלעמען גלייך. קיין יוניאָנס זיינען דעמאָלט ניט געווען. ווען דער פּאַבריקאַנט האָט בעסער געליבט, און ווער עס האָט געקענט שנעלער אַרבעטן, דער האָט געקריגן מער אַרבעט. די מענטשן פון פּראָפּעס האָבן געזען, אַז אין די פּאַבריקן זאָל אויסגעגליכט ווערן די אַרבעט. מען פלעגט אַריינגיין צום באַלעבאָס און זאָגן, אַז אויב ער וועט ניט מאַכן קיין אָרדענונג אין פּאַבריק, וועלן זיי צונעמען די אַרבעטאָרער און קיין אַנדערע וועלן זיי ניט קריגן. דער פּאַבריקאַנט האָט זיך טאַקע דערשראָקן און ער האָט אָנגעזאָגט זיין מייסטער, אַז ער זאָל אויסטיילן די אַרבעט צו יעדן אַרבעטאָרער גלייך, אויב ניט וועט ער האָבן חרטה (כאַראָטע)...

איך בין אויך געווען פון די געקריוודעטע... איך האָב אַ פּאָר מאָל אין וואָך געשוירן אַ פּאָר קעטעס און אַמאָל מערער. זיינען די מיידלעך, וואָס האָבן ביי מיר געוואוינט, אַוועק צו די פירער פון פּאַראַיין און זיי האָבן געפרעגט דעם מייסטער, אַז אויב ער קאָן זיך ניט באַגיין מיט איין שערערקע, דאָס הייסט, אויב זי קען ניט אויסאַרבעטן די גאַנצע אַרבעט, מוז ער מיר געבן אַ העלפּט פון דער אַרבעט. דעם מייסטער האָט דאָך ניט געשאַט וואָס איך האָב געקריגן דאָס ביסל אַרבעט, ער האָט דאָך זיינס ניט דערלייגט, אָבער עס האָט אים געשטאָכן ווי מיט מעסערס, פּאַרוואָס מענטשן זאָלן קומען און אים זאָגן אַ דעה (דייע), דאָס איז דאָך ניט זייער פּאַבריק. ער האָט געזאָגט מיר און דער שטענדיקער שערערקע, אַז מען האָט אים געגעבן אַ פריקאַז (באַפעל), אַז ער מוז טיילן די אַרבעט, אַז ניט וועט מען אים הרגענען (האַרגענען). און ער איז אַ טאַטע פון קינדער און אַ מאַן פון אַ ווייב. דאָס אַנדערע מיידל, די שערערקע, האָט אויך געהערט צו זייער פּאַראַייק. פריער האָט זי געזען וואָס מער קעטן צו שערן, אָבער איצטער האָט זי זיך גאָרניט געאָמפּערט, און זי האָט גענומען די זאַך אַזוי ווי איר אַרט ניט. אָבער ביים מייסטער איז דאָס געווען, ווי מען האָט ביי אים צוגענומען דאָס לעבן... שפּעטער אַביסל האָט ער זיך פּאַרגעסן און זיך צוגעוואוינט און ער האָט שוין אַליין געזען צו טיילן די אַרבעט פּאַר אַלעמען גלייך...

איצטער איז פּאַר מיר שוין געווען אַ בעסערע צייט. מיינע מיידלעך זיינען שוין אונטערגעוואַקסן און זיי פלעגן שוין גיין מיט אַנדערע קינדער

אין וואַלד שפּאַצירן, און אַלעס האָט שוין אויסגעזען, אַז ס'איז בעסער און איך האָב שוין געפּרוואווט אָפּשפּאָרן אַ פּאָר רובל איך זאָל פאָרן קיין אַמעריקע...

וואָס עס האָט זיך געטראָפן מיט מיין ברודער אַלטער האָב איך ניט געוואוסט... דאַרף זיך מאַכן, אַז אַ ציגיינערקע קומט אַריין אַוואו איך האָב געשוירן די קעטע און זי בעט מיך, אַז איך זאָל איר לאָזן אויסלייגן קאָרטן. האָב איך זי געלאָזט און די ציגיינערקע האָט מיר געזאָגט, אַז אין אַמעריקע איז געשטאָרבן מיינער אַ ברודער, און זאָגט צו מיר: „האָסט אַ ברודער אין אַמעריקע?" אפשר האָט איר עמיצער דערציילט... אַ סך אין פאַבריק האָבן געוואוסט, אַז מיין ברודער אַלטער איז געשטאָרבן... אַלטערס ווייב, שרה, האָט געאַרבעט אין דער אייגענער פאַבריק, איידער זי איז געפאָרן אין אַמעריקע. אין דער פאַבריק האָט שרה געהאַט פריינד פון איר פאַמיליע, און זיי האָבן אַלע געוואוסט. איך דענק, אַז דער ציגיינערקע האָט מען געשיקט, זי זאָל מיר דאָס זאָגן...

איך בין באַלד אַוועק צו מיינער אַ קוזינע. זי האָט געוואוינט אויף נאָווי־ליפּע און האָט געהאַט דאָרטן אַ גרויסע מענער־קראָם און איך האָב איר געפרעגט, וועלכער ברודער איז ביי מיר געשטאָרבן, און זי האָט מיר ניט געוואָלט זאָגן. זי האָט געוואוסט, איר מאַן איז געקומען פון אַמעריקע מיט אַ פּאָר חדשים (כאָדאָשים) פריער. איר מאַן האָט איר געזאָגט, אַז קיינער איז ניט געשטאָרבן פון מיין פאַמיליע, אָבער מיין ברודער נאָטע איז געווען קראַנק, און דערפאַר האָט ער מיר ניט געשריבן.

איך האָב ניט געגלויבט מיינע שוועסטער־קינדער. איך האָב געהאַט אַן אָנקל ירחמיאל (ראַכמיל). ער האָט געאַרבעט ביי זייף און אַוואו ער האָט געאַרבעט איז געווען אויף אַ פעלד. בין איך אַוועק צו אים און אים געפרעגט: „וועלכער ברודער איז ביי מיר געשטאָרבן?" האָט ער מיר שוין געזאָגט, אַז מיין ברודער אַלטער איז געשטאָרבן און וואָס עס האָט געטראָפן. זיין ווייב, דעם פּעטער'ס, איז געווען אַ שוועסטער צו אַלטער'ס ווייב שרה. איך האָב זיך שוין דערוואוסט, אַז מיין ברודער אַלטער איז געווען זייער קראַנק. ער האָט דאָך ניט געוואָלט גיין דינען פּאָניען און ער האָט זיך עפּעס געמאַכט אַ צרה (צאָרע). ער איז געווען געבריכט און עס האָט אים זייער געמאַטערט די קראַנקהייט, און ער האָט ניט געוואָלט לעבן. ער האָט געזען, ווי אַלע יונגעלייט אַרבעטן און ער איז אַזוי קראַנק. די דאָקטוירים האָבן אים פאַרבאָטן צו אַרבעטן אין שאַפּ. ער איז געווען אַ וועבער ביי זייד. זיין ווייב שרה האָט שוין געהאַט קינדער, צוויי אינגלעך, איז איין אינגל געשטאָרבן, דער יונגערער. ער איז געווען אַ יאָר אַלט. דעם עלטערן האָט מען גערופן לואי, נאָך מיין טאַטן לייבע... אַז מיין ברודער אַלטער האָט שוין ניט געקענט אַרבעטן אין

פאַבריק, האָט ער געקויפט אַ קראָם, אַ קליינע, אַ גראָסערי (אַ שפּייז־קראָם)... די וועבערס זיינען געווען פאַראייניקט און אַז ס'האָט עפּעס געטראָפן מיט אַ מאַן פון פאַראיין האָבן זיי אַרויסגעהאָלפן. זיי האָבן זיך פאַרפליכטעט צו העלפן אַלטערן, און זייער הילף איז געווען, וואָס זיי האָבן געקויפט ביי אַלטערן אין קרעמל אַלץ וואָס זיי האָבן באַדאַרפט. אַלטער'ס און שרה'ס לאַנדסלייט האָבן אויך ביי זיי געקויפט...

זיי האָבן אָבער געדאַרפט אַרבעטן לאַנגע שטונדן. פלעגן זיי זיך בייטן. אינדערפרי פלעגט ער גיין, און בייטאָג איז זי געקומען אים איבערבייטן. שפּעטער, פאַרנאַכט, האָבן זיי שוין ביידע באַדינט זייערע קונים (קוינים). און וואָס עס האָט מיט אים געטראָפן ווייסן מיר ניט.

58.

איך האָב פאַרגעסן צו דערציילן, אַז ווען מיין מושע איז געווען אין זיבעטן יאָר, פלעג איך, איידער איך בין אַוועק צו דער אַרבעט, אָנגרייטן וואָס צו קאָכן, און זי האָט שוין אָפּגעקאָכט און די קלענערע האָט איר צוגע־האָלפן... אינדערהיים זיינען דאָך ניט געווען אַזוינע אויוונס ווי דאָ אין אַמעריקע. עס איז געווען אַן אויוועלע אַזוי ווי אַ פּליטע און דאָס איז געשטאַנען אויף אַ טישל. ווען זי האָט אַרויפגעשטעלט דאָס טעפּל קאָכן איז געווען ניט שווער, אָבער ווען זי איז געגאַנגען אָפּשוימען דאָס טעפּל, האָט זי זיך ניט געהיט, און דאָס טעפּל האָט זיך אויסגעגאָסן און זי האָט זיך אָפּגעבריט ס'גאַנצע פּנים.

שטעלט אייך פאָר, וואָס איך האָב זיך דעמאָלט אָנגעליטן. אין די צייט שטייט ניט אויף איין אָרט. מיינע מיידלעך זיינען אַביסל אונטערגעוואַקסן, און עס איז געוואָרן אַ אידישע שולע אין ביאַליסטאָק, און איך האָב זיי אויסגעפּוצט אין שיינע קליידלעך, ברוינע ספּאָדניצעס מיט רויטע בלוזקעס, מיט שוואַרצע פאַרטיכער און זיי געשיקט אין שולע. דער שקראָפּל האָט זיך אויסגעהיילט און זיי זיינען געווען זייער שיינע מיידעלעך...

דערווייל האָט אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. ס'איז געווען אין 1905. דער מייסטער, שמואל האָט מען אים גערופן, גייט אַריין אין פאַבריק און שרייט אויס, אַז אַלע זאָלן גיין אַהיים. ער דענקט, אַז מען וועט שפּעטער ניט קענען גיין אַהיים. דאָס איז געווען ביי פיר אַזייגער פאַרנאַכט. מיר האָבן געהערט, אַז מען וועט עפענען די טורמע און מען וועט באַפרייען די אַרעסטאַנטן. . .

איך האָב גענומען לויפן גיך אַהיים. איך האָב געוואוינט ניט וויט פון טורמע... אַזוי ווי איך בין אַרויס פון הויף פון פאַבריק, אַזוי זע איך, ווי מיין

מייסטער שמואל גייט אויך אַרויס פון הויף און זיין פעטער פרייזמאַן גייט אים נאָך, שרייט אויף אים ער זאָל ניט גיין, מען וועט נאָך שיסן. די טורמע וועט מען עפענען אָן אים. האָט דער מייסטער געענטפערט זיין פעטער, אַז ער וויל דאָס זען און וועט באַלד קומען...

ווען ער איז צוגעקומען צו דער טורמע איז שוין דאָרטן געווען פול מיט סאָלדאַטן. די סאָציאַליסטן, צי די רעוואָלוציאָנערן, האָבן טאַקע געעפנט די טויערן פון דער טורמע, אַזוי האָבן די סאָלדאַטן אָנגעהויבן צו שיסן. מיין מייסטער שמואל איז דערשאָסן געוואָרן דער ערשטער. נאָך אַ סך אומשולדיקע זיינען דערשאָסן געוואָרן... איך געדענק, ווי זיין לויה (לעוואַיע) איז געווען. איך בין געלאָפן אויפן בית־החיים (בייס־כאַיעם), עס איז געווען אַ קליינע לויה. נאָר זיין פאַמיליע איז נאָכגעגאַנגען. מען האָט מורא (מוירע) געהאַט פאַר אַן אָנפאַל. . .

איך געדענק ווי זיין פעטער האָט געוויינט... זיין פעטער איז שוין געווען אַן אַלטער מאַן, אַרום 75 יאָר. דער פעטער איז געווען זיין מאַמעס אַ ברודער, דער רייכסטער אין ביאַליסטאָק. אַלע האָבן געוואוסט די פרייזמאַנס. די פאַמי־ליע האָט אַזוי געטרויערט. דער שמואל האָט איבערגעלאָזט אַ ווייב מיט דריי קליינע קינדער. ער איז געווען זייער אַ פּעאיקער מענטש און דער גאַנצער פירער פון דער פאַבריק. ער איז אָנגעקומען צו זיין פעטער אין פאַבריק אַ בחורל (באָכערל) פון אַ יאָר 15, און ער האָט זיך אויסגעלערנט צו זיין אַ וועבער, דערנאָכדעם איז ער געוואָרן דער מייסטער און דער גאַנצער באַלע־באָס פון דער פאַבריק... זיין ברודער מיכל איז נאָך זיין ברודערס טויט געוואָרן דער אויפזעער פון דער פאַבריק...

אין די גאַסן האָט מען ניט געקאָנט גיין. זיי זיינען געווען באַוואַכט מיט מיליטער און קאָזאַקן אויך מיט די בלויזע שווערדן. אַזוי אַ לאַנגע צייט. מען האָט אפילו מורא (מוירע) געהאַט צו גיין צו דער אַרבעט. מען פלעגט גיין מיט די אונטערגעסלעך... עס האָט אָנגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט...

אַז ס'איז שטילער געוואָרן האָט מען שוין צוריק גענומען זיך פילן פריי. מען איז שוין געגאַנגען אין זאַקסישן גאָרטן שפּאַצירן. און איך געדענק, אַז מיינע צוויי מיידעלעך זיינען געגאַנגען איז שטאָטישן גאָרטן מיט נאָך אַ סך קינדער פון די שכנים (שכיינים), און זיי פלעגן גיין דורך סאַראַזער גאַס. מען האָט ווייטער געשאָסן און די קינדער זיינען טאַקע געווען אויף סאַראַזער גאַס...

אויף דער סאַראַזער גאַס פלעגן זיך די אַרבעטער צונויפקלייבן און אָפּ־האַלטן מיטינגען... די פּאָליציי האָט געשאָסן און אַ סך יונגעלייט זיינען פאַר־וואונדעט געוואָרן, און די אַנדערע האָט מען אַרעסטירט. דאָס איז געווען אַ שבת פאַרנאַכט. מיינע קינדער זיינען געקומען צולויפן דערשראָקענע...

אַזוי האָבן זיך ווייטער אָנגעהויבן די שיסערייען. מען האָט ווייטער מורא (מוירע) געהאַט צו גיין אין גאַס. עס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן פון דעם קריסטלעכן ניי־יאָר ביז שבועות (שוואועס). די גאַנצע וועלט האָט געוואוסט און מען ווייסט נאָך היינט אויך פון דעם גרויסן און טרויעריקן פּאָגראָם אין ביאַליסטאָק...

.59

כ׳געדענק, ווי דער נייער מייסטער מיכל איז געווען אַזוי צעשראָקן און מיט אַ שטימע פון געוויין אויסגערופן: „גייט וואָס גיכער אַהיים. ס׳וועט זיין אַ פּאָגראָם אויף די אידן!"

די כוליגאַנעס זיינען שוין געווען אויף ניישטאָט, אַריין אין שפּיטאָל און גע׳הרג׳עט (געהאַרגעט) אַלע אידן, וואָס האָבן זיך געפונען דאָרטן. זיי האָבן אויסגע׳הרג׳עט אַלע אידישע דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער, און ווער עס איז נאָך געווען פון די אידישע פּאַציענטן...

עס איז עפּעס געווען אַ קריסטלעכער יום־טוב (יאָנטעף) און די קריסטן זיינען געגאַנגען אין אַ פּראָצעסיע. זיי האָבן אַרויפגעשיקט עמיצן אויף אַ דאַך ער זאָל אויסשיסן. מען האָט געשאָסן עמיצן פון דער פּראָצעסיע. עס איז געווען אַ געפּלאַנעוועטע זאַך, זיי זאָלן קענען הרג׳ענען (האַרגענען) אידן...

ס׳איז געווען אַ רייכע פאַמיליע, מען האָט זיי גערופן די לאַפּידוסעס. זיי האָבן געהאַט אַ פאַבריק פון טוך. די לאַפּידוסעס האָבן געהאַט זין און טעכטער — אַכט קינדער, אַלע געלערנטע. די קינדער זייערע זיינען אויך געגאַנגען אויף ניישטאָט צו זען ווי די פּראָצעסיע גייט אָן... אַ פּאָר זין האָט מען באַלד געשאָסן. זיי זיינען אַריינגעלאָפן אין שפּיטאָל־הויף, און די פּאָגראָמ־שטשיקעס זיינען זיי נאָכגעלאָפן און געשאָסן...

עס איז געווען אין שפּיטאָל איינער, שלוימקע דער פעלדשער. ער איז געווען זייער אַן אנגענעמער מאַן. ער פלעגט באַדינען יעדן מענטשן, וואָס איז געקומען אין שפּיטאָל. די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן שלוימקען דערהרגעט. די גאַנצע שטאָט און אַלע שטעטלעך אַרום האָבן געוויינט נאָך אים. ער האָט איבערגעלאָזט אַ ווייב מיט פיר קינדער, קליינינקע...

די פּאָגראָמשטשיקעס זיינען געגאַנגען פון שטוב צו שטוב אויף וואַרשע־ווער גאַס, אויפגעבראָכן די טויערן, און וועמען זיי האָבן נאָר געטראָפן, האָבן זיי דערהרגעט . . .

און איצטער גיי איך דערציילן וועגן זיך. אַזוי ווי דער מייסטער איז אַריין אין פאַבריק און אַלעמען צעשיקט אַהיים, האָב איך אָנגעהויבן לויפן אַהיים. עס איז געווען אַ ליידיקער פעלד. איך האָב גענומען לויפן מיט דעם ליידיקן

פעלד. איך האָב געטראָגן אַ פּאַטשיילע אין ווייסע און שוואַרצע קעסטעלעך. האָב איך צוגעדעקט דעם קאָפּ, מען זאָל מיך ניט דערקענען אַז איך בין אַ אידישע. דאָס פּעלד האָט זיך געשלאָסן לעם דער טורמע. ווען איך בין שוין געווען לעם דער טורמע, זיינען שוין די פּאַגראָמשטשיקעס געווען ניט ווייט פון מיר... איך בין שוין לעם וואַשילקאָווער גאַס, אפשר (עפּשער) אַ 50 פוס ווייטער פון מיר. זיי האָבן מיך ניט דערקענט, ווייל איך האָב זיך מיט דער פּאַטשיילע פאַרשטעלט דאָס פּנים...

איך בין געלאָפן צו די קינדער און האָב זיי שוין ניט געפונען אין שטוב... עס איז געווען אַ פרוי, מען האָט זי גערופן לאה (לייע), זייער אַ פרומע און אַ גוטע אויך. אירע קינדער האָבן זיך געשפּילט מיט מיינע. זי האָט געוואוסט אַז איך בין ביי דער אַרבעט, האָט זי מיינע קינדער אַריינגענומען צו זיך אין שטוב און זיי ניט אַרויסגעלאָזט ביז איך בין געקומען זיי אָפּנעמען... ווען איך האָב געפירט די קינדער אַהיים, איז געווען אַ פּחד (פּאַכאַד) און אַ מורא (מוירע).

און אַז איך בין שוין געווען מיט די קינדער אין שטוב, האָבן מיר די מיידלעך, וואָס האָבן ביי מיר געהאַלטן סטאַנציע, געזאָגט, אַז אַלע שכנים פון אונזער הויף זיינען געגאַנגען צום באַלעבאָס ביי וועמען מיר האָבן אַלע געוואוינט. ער איז געווען אַ דייטש. אים האָט די רעגירונג פאַרהיט, עס זאָל אים גאָרניט טרעפן...

עסן האָט מען שוין ניט געגעסן. מיר זיינען אַריינגעלאָפן הונגעריקע און אין מורא (מוירע). מיר זיינען געווען ביי דעם באַלעבאָס ביז שפּעט ביי־נאַכט... דער דייטש האָט געהאַט שטיבער און גרויסע מויערן. צוויי הויפן מיט הייזער... מיר זיינען געווען זעקס שכנים אין איין הויף און אַלע אידישע. אין צווייטן הויף זיינען אויך געווען אַלע אידישע. מיר אַלע האָבן זיך באַהאַלטן ביים באַלעבאָס און אָפּגעווען דאָרט ביז צוועלף ביינאַכט...

.60

אַז ס׳איז שטיל געוואָרן, זיינען אַלע געגאַנגען צו זיך אין שטוב הונ־געריקע און צעשראָקענע. ווער האָט געקאָנט וויסן, וואָס איבער נאַכט וועט טרעפן, צי מען וועט גאָר אויפשטיין לעבעדיקע...

די נאַכט איז געווען שטיל. האָבן זיך אַלע אַרויסגעכאַפּט עפּעס צו קויפן ביים בעקער, טאָמער וועט מען שפּעטער ניט קענען גיין עפּעס קויפן. אָבער דער בעקער האָט ניט געבאַקט, נאָר עס איז איבערגעבליבן עפּעס פון דאָנערש־טאָג און מען האָט נאָך עפּעס געקריגן פאַר די קינדער.

פרייטאג צען אזייגער האט מען שוין דערהערט ווייטער שיסן און געשרייען. נו, וואס קען מען איצט טאן מיט די קינדער? אוואו באהאלט מען זיי? מען גייט צום באלעבאס. ער האט שוין חרטה (כאראטע) און האט שוין ניט אריינגעלאזט... האט מען גענומען קלערן אוואו מען זאל איצטער פארבאהאלטן די קינדער? און די פאגראמשטשיקעס זיינען שוין ניט ווייט פון אונז...

עס איז געווען א ברייטע גאס, און די גאס האט מען גערופן וואשליקאווער גאס, א פאראדנע גאס. אויף דער גאס זיינען געלאפן „קאנקעס"... אנטקעגן איבער דער גאס איז געווען א רייכער אייגנטימער און ער האט געהאט א פאר מויערן. אין די מויערן האבן געוואוגט אפיצירן. בין איך געלאפן מיט די קינדער בעטן ביים אייגנטימער, וועלכער איז געווען א איד, ער זאל אונז אריינלאזן. דער דאזיקער הויף איז געווען פארהיט פון פאגראמשטשיקעס. ביי די טויערן זיינען געשטאנען סאלדאטן און געהיט...

אבער עס איז שוין געווען צו־שפעט. מען האט מיך מיט מיינע קינדער ניט אריינגעלאזן. עס זיינען שוין דארטן געווען א סך מענטשן... וואס האב איך שוין געקענט טאן?... האב איך דערזען, ווי אנדערע ווייבער פירן די קינדער צום בעקער. דער בעקער האט גענומען אלע קינדער און האט זיי ארויפגעזעצט אויפן אויוון. עס איז געווען א גרויסער אויוון...

עס זיינען צום בעקער געקומען זעלבסטשוץ, יונגעלייט גרייט צו שיסן אויב די פאגראמשטשיקעס וועלן צוקומען צו דער בעקעריי...

א צוויי הונדערט פוס ווייטער האבן די כוליגאנעס שוין פאגראמירט די ארעמע קרעמלעך, אלץ צוגענומען, די גאנצע סחורה (סכוירע). וועמען זיי האבן געפונען אין קראם צי אין הויף, האבן זיי קיין לעבעדיקן ניט געלאזן. די קישענס מיט די פערינעס האבן זיי צוגענומען, דאס איבעריקע האבן זיי צעטרענט די ציכלעך און ארויסגעלאזט די פעדערן מיטן ווינט. די גאנצע גאס איז געווען פול מיט פעדערן...

איך בין געשטאנען ביים פענצטער און זיך צוגעקוקט. די פוילישע כוליגאנעס מיט אייזערנע שטעקנס האבן געבראכן די טירן מיט די פענצטער פון די אידישע קרעמלעך, קיין מורא (מוירע) האבן די כוליגאנעס ניט געהאט. די אפיצירן האט געזאגט די פאגראמשטשיקעס, אז זיי האבן א רעכט צו טאן מיט די אידן, וואס זיי ווילן באר אליין.

61.

לעם אונז האבן זיי ניט געשאסן... איך האב דאך שוין געשריבן, אז איבערן וועג האבן געוואוינט אפיצירן און אוואו איך האב געוואוינט איז דער באלעבאס געווען א דייטש און וואו מען רופט דאס דא אין אמעריקע, א סיטי־

זען (אַ בירגער). אין אַנדערע הייזער האָבן די אידן אַרויסגעשטעלט צלמים (צלאָמים) אין די פענצטער. זיי האָבן געליען די צלמים ביי זייערע גוישע גוטע פריינט . . .

ווען די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן אָפּגעבושעוועט אויף אונזער גאַס, האָבן זיי זיך פּאַרדרייט דורך אַנדערע גאַסן און זיי זיינען אַריין אויף באַווי־ליפּע גאַס. דאָרטן האָבן זיי געכאַפּט וועמען ס'האָט זיך געמאַכט. זיי זיינען אַריין אין אַ שטוב, דאָרטן איז געווען אַ טאַטע מיט אַ זון. האָט דער זון פּאַרשטעלט דעם טאַטן. האָבן זייביידן דערשאָסן.

זיי האָבן געכאַפּט קליינע קינדער און אַרויסגעצויגן זייערע צינגעלעך. איך האָב דאָס אַליין געזען מיט מיינע אייגענע אויגן דורכ'ן פּענצטער... דאָס איז געווען פרייטאָג אינדערפרי. פרייטאָג פּאַרנאַכט האָבן זיי זיך ווייטער צעבושעוועט און צוריק מאַרשירט צו אונזער גאַס, אונטער דער טורמע. מיר האָבן זיי געזען פונדערווייטן. וואָס זאָל מען איצטער טאָן? מען האָט שוין ניט געהאַט וואו זיך צו באַהאַלטן... ביי מיר, ווי איך האָב פריער געשריבן, זיינען געווען מיידלעך פון וואַשליקאָווע. זיי האָבן געאַרבעט אין די פּאַבריקן. צו זיי זיינען אַריינגעקומען זייערע באַקאַנטע בחורים (באָכורים). זיי האָבן געהערט צו דער זעלבסטשוץ. זיי האָבן שוין געוואוסט, אַז באַלד וועלן די פּאָגראָמשטשיקעס זיין לעם אונז... די בחורים פון זעלבסטשוץ האָבן מיר געראַטן איך זאָל גיין איבערן וועג און בעטן דעם באַלעבאָס פון די מויערן, אַ איד, אַז ער זאָל בעטן די סאָלדאַטן, וואָס זיינען געשטאַנען ביים טויער, אַז זיי זאָלן מיך אַריינלאָזן מיט די קינדער. אין זיינע מויערן וועלן די פּאָגראָמשטשיקעס ניט שיסן, ווייל ס'וואוינען דאָך דאָרטן אָפיצירן. ווי נאָר איך בין אַריין צום מאַן און איך האָב אפילו קיין וואָרט נאָך ניט אויסגערעדט, האָט מען אָנגעהויבן צו שיסן אין די פענצטער. אַלע וואָס האָבן זיך דאָרטן געפונען, זיינען אַלע געלעגן אונטער די בעטן, מאַנצבילן מיט ווייבער צוזאַמען... די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן זיך פאַרגעסן, אַז אין די מויערן וואוינען אָפיצירן און זיי האָבן געשאָסן, אָבער עס האָט קיינעם ניט געשאָט...

דער מאַן פון די מויערן איז אַרויס אין הויף און געבעטן אַ סאָלדאַט ער זאָל מיך אַריבערפירן די גאַס, און דער סאָלדאַט האָט מיך טאַקע אַריבער־געפירט די גאַס. איך האָב זיך איבערגעדעקט מיט אַ פּאַטשיילע דעם קאָפּ... דאָס איז געווען פרייטאָג צו נאַכט. ווען איך בין איבערגעגאַנגען די גאַס, זיינען געלעגן דערשאָסענע אידן... די קינדער מיינע האָב איך געטראָפן, דאַנ־קען גאָט, לעבעדיקע. זיי האָבן זיך באַהאַלטן אונטער די בעטן מיט די מיידלעך.

אין אונזער שטוב האָט מען ניט געשאָסן, ווייל, ווי איך האָב פריער גע־שריבן, דער באַלעבאָס איז געווען אַ דייטש. די בחורים פון זעלבסטשוץ זיינען

געוועזן גרייט צו שיסן אויף די פּאָגראָמשטשיקעס, אויב זיי וואָלטן זיך אַריינ־געריסן אין אונזער שטוב.

ניט ווייט פון אונז אויף דער זעלביקער גאַס איז געווען אַ טאַרטאַק, דאָס מיינט אין אַמעריקע אַ „לאָמבער יאַרד", און דאָרטן האָבן זיך אויפגעקליבן אַ סך מענטשן. עס איז שוין געווען זייער שפּעט ביינאַכט, און די פּאָגראָמ־שטשיקעס זיינען אַריין אין טאַרטאַק און האָבן דאָרטן אויסגעהרגעט זעכצן מענטשן . . .

ניט ווייט פון טאַרטאַק האָט געוואוינט אַ פאַמיליע. דער מאַן איז ניט לאַנג געהאַט געקומען פון אַמעריקע. ער און זיין ווייב, אַ מעוברת (מעאו־בערעס, טראָגנדיק), מיט אַ קליין קינד, האָבן זיך אויך פאַרבאַהאַלטן אויפן טאַרטאַק. דער מאַן האָט געהאַלטן דאָס קינד אויף די קני. האָבן זיי ביי אים צוגענומען דאָס קינד און דאָס אַוועקגעגעבן זיין ווייב און אים דערשאָסן. די ווייב האָט זיך געבעטן מען זאָל זי אויך דערהרגענען, אָבער די מערדער האָבן ניט געוואָלט. דער מאַן האָט זיי געוויזן די פּאַפּירן, אַז ער איז אַן אַמערי־קאַנער סיטיזען (בירגער), אָבער זיי האָבן אפילו ניט געקוקט אויף די פּאַפּירן...

די נייעס וועגן ביאַליסטאָקער פּאָגראָם איז געגאַנגען איבער דער גאַנצער וועלט... די גאַזעטן האָבן געשריבן איבער גאַנץ רוסלאַנד און אין אויסלאַנד... די פאָרשטייער פון די רוסישע אידן האָבן זיך געווענדט מיט אַ ביטע צו אַמעריקע, אַז זי זאָל אָפּשטעלן דעם פּאָגראָם, און אַמעריקע האָט אַרויסגעגעבן אַ פריקאַז (אַ באַפעל), אַז אויב אין 24 שעה (שאָ) וועט רוסלאַנד ניט אָפּשטעלן די פּאָגראָמען, וועט אַמעריקע אָפּשניידן די טריטי מיט רוסלאַנד. רוסלאַנד האָט זיך דערשראָקן און זי האָט באַלד אָפּגעשטעלט די פּאָגראָמען...

.62

שבת אינדערפרי האָט מען שוין געוואוסט, אַז דער פּאָגראָם האָט זיך געענדיקט און מען האָט שוין פרייער אָפּגעאָטעמט... איך האָב געעפנט אַ פענצטער און געזען, ווי מען האָט אויפגעקליבן אַלע דערשאָסענע מענטשן, וואָס זיינען געלעגן אויף דער גאַס. מען האָט זיי געפירט אויף גרויסע וועגע־נער. איך האָב אַזוי געקלאָגט און געוויינט...

אַזוי ווי ס'איז געווען שבת און שבת טאָר מען דאָך ניט טאָן קיין שום אַרבעט, אָבער דער רב (ראָוו) האָט גע'פסק'נט (געפּאַסקענט), אַז מען מעג די דערהרגעטע יאָ אויפקלייבן. מען האָט זיי אָפּגעפירט צום שפּיטאָל־הויף און דאָרטן זיי אויסגעלייגט... זונטאג אינדערפרי זיינען אַלע געגאַנגען צום שפּי־

טאָל־הויף... ס'זאָל זיך שוין קיינמאָל ניט טרעפן, וואָס מען האָט דאָרטן געזען. עס זיינען געלעגן אויסגעשפרייט 160 טויטע מענטשן אויף שטרוי... פאַר־וואונדעטע זיינען געווען אַ פולער שפיטאָל... איך בין געגאַנגען פון שפיטאָל מיט צעלאָזענע האָר, וואָס איך האָב געריסן פון זיך...

מאָנטאג איז די גאַנצע שטאָט מענטשן געגאַנגען צו דער לויה (לעוואַיע) מען האָט געטראָגן די קליינע דערהרגעטע קינדערלעך פריער, און דערנאָכדעם די דערוואַקסענע מענטשן... אַלע קרבנות (קאָרבאָנעס) האָט מען אויפן בית־עולם (בייס־אוילאָם) אין איין גרוב באַגראָבן, אפילו די קליינע קינדער... אויפן גרוב האָט מען אויפגעשטעלט אַ מויער מיט אַ גרויסער וואַנט, און אויף דער וואַנט איז געווען אויסגעשריבן יעדן איינעמס נאָמען...

מיין מאַמע האָט געוואוינט אין קריניק, אַ זעקס מייל פון ביאַליסטאָק, און אַז זי האָט דערהערט וועגן פּאָגראָם איז זי באַלד געקומען. זי האָט שוין געוואוסט וועגן אַלטערן איר זון, אַז ער איז געשטאָרבן אין אַמעריקע. זייער אַ צעוויטאַגטע האָט זיך מיך מיט די קינדער גענומען קיין קריניק. איר צווייטער מאַן האָט מיך מיט די קינדער זייער פיין אויפגענומען... איך בין אָבער געווען אין קריניק אַ קליינע צייט, בלויז איין וואָך... איך האָב דאָך געמוזט קומען צו דער אַרבעט. די קינדער האָבן ניט געוואָלט פאַרבלייבן ביי מיין מאַמען אָן מיר.

ווען איך מיט די קינדער זיינען געקומען צוריק פון קריניק, איז די שרעק געווען נאָך אַלץ גרויס. מען האָט מורא געהאַט אַרויסצוגיין אויף דער גאַס... אַז מען איז געגאַנגען אין פאַבריק איז מען געגאַנגען מיט די אונטערגעסלעך... אויף די הויפּט־גאַסן זיינען געשטאַנען קאָזאַקן מיט בלויזע שווערדן... מיינע מיידעלעך זיינען געגאַנגען אין שולע דורך אַנדערע וועגן...

ווען איך בין פאַרנאַכט געגאַנגען פון דער פאַבריק אַהיים, זיינען מיר אויסגעגאַנגען די כוחות (קויכעס), איידער איך האָב זיי דערזען לעבעדיקע...

מיין אינגערע מיידעלע, ליבעלע, איז קראַנק געוואָרן אויף די מאָזלען... איינמאָל אַ פאַרנאַכט, ווען איך האָב גענומען מאַכן וועטשערע—און מען שיסט שוין ווייטער! איך האָב גענומען מיינע צווי מיידעלעך און אַרויסגעלאָפן מיט זיי אונטערן שטוב און מיין ליבעלע איז פול געווען באַדעקט מיט די מאָזלען... וואָס האָט מען געשאָסן? אַ שייגעץ מיט אַ שיקסע האָבן זיך צעיושעט און געוואָלט מען זאָל זיך שרעקן...

מיין עלטערע מיידעלע מושע איז געווען אַזוי קראַנק פון די שרעקענישן, אַז זי האָט אַ וואָך נאָכאַנאַנד ניט געוואָלט עסן. מען האָט איר געמוזט עפענען דאָס מויל איר צו געבן עפּעס עסן, אָבער זי האָט בשום אופן (בעשום־אויפן) ניט געוואָלט אַראָפּשלינגען. זי איז שוין געווען אַזוי קראַנק, אַז איך בין געפלויגן צום דאָקטאר כאַזאַנאָוויטש. ער האָט געוואוינט אויף נאָווי ליפּע

גאָס. כאַזאַנאָוויטש איז געווען אַ גוטער דאָקטאר אָבער אויך אַ נערוויאישער. איך האָב ניט אָפּגעטראָטן פון זיין הויז ביז ער איז מיט מיר געפאָרן אין דער דראָזשקע צו מיין הויז. ער איז אָבער געווען אַזוי נערוויאיש, אַז ער האָט מיך געוואָלט שלאָגן; געשריען אויף מיר און מיך געוואָלט שלאָגן; געווען אַלעמאָל נערוויאיש, אָבער איצטער מערער ווי אַלעמאָל...

.63

איך אַמעריקע האָט מען דאָך געהערט די נייעס, וואָס עס טוט זיך אין ביאַליסטאָק. איז מיין ברודער נאָטע געפאָרן פון פעטערסאָן קיין ניויאָרק צו מיין מאַן, ער זאָל העלפן אַריבערברענגען זיין פאַמיליע, דאָס הייסט, מיך מיט די קינדער. האָט ער אַראָפּגענומען די האַנט פון האַרצן און מיר געשיקט אַביסל געלט. מיין ברודער נאָטקע האָט אויך אויסגעלייגט אַביסל געלט און געשיקט די שיפסקאַרטע . . .

איך האָב זיך שוין געקליבן פאָרן אין אַמעריקע, דערהאַלט איך אַ בריוו פון מיין מאַן, איך זאָל ניט פאָרן. מיט דער צייט וועט זיך איינשטילן, וועט ער קומען אַהיים. אָבער איך האָב אים ניט געגלויבט און אים שוין מער ניט אַנגעפרעגט. איך האָב באַשטעלט אַן אַגענט און ער האָט מיך באַזאָרגט מיט אַ גובערנאַטאָרסקי פּאַספּאָרט פאַר מיר מיט די קינדער...

איך האָב באַצאָלט אַלע חובות (כויוועס) און מיר איז גאָרניט געבליבן אויפן וועג. דעם באַלעבאָס פאַר דירה־געלט האָב איך ניט באַצאָלט. איך האָב אים געקומען 36 רובל דירה־געלט פאַר צוועלף חדשים. איך האָב פאַרקויפט דאָס ביסל מעבל, וואָס איך האָב געהאַט, פאַר צוועלף רובל. ווי איך האָב שוין געשריבן, איז דער באַלעבאָס געווען אַ דייטש. דעם ערשטן טאָג פון פּאָגראָם האָט ער יאָ אַריינגעלאָזט די אידישע שכנים (שכיינים) זיך באַהאַלטן. דעם צווייטן טאָג האָט ער שוין חרטה (כאַראָטע) געהאַט און ניט אַריינגעלאָזט. דערפאַר האָב איך זיך ניט גע׳דאגה׳ט (געדאיגעט) וואָס איך האָב אים ניט באַצאָלט... ווען איך וואָלט געווען האָבן געלט, וואָלט איך אים יאָ באַצאָלט, זאָל ער ניט ריידן אויף די אידן. אָבער איין גאָט האָט געוואוסט, אַז איך האָב אפילו ניט געהאַט קיין רובל אויפן וועג פאַר מיר מיט די קינדער...

מיין מאַמע איז געקומען פון קריניק מיט מיר זיך געזעגענען. זי האָט מיר געגעבן דריי רובל. זי האָט געקענט געבן מער, אָבער זי האָט דאָך געהאַט אַ צווייטן מאַן און זיין געלט טאָר זי ניט געבן...

עס האָט מיר געשאַט די שיף. איך האָב אָפּגעבראָכן אַ גאַנצע וואָך.

די קינדער זיינען נאָר געווען קראַנק אַ פּאָר טעג, פלעגן זיי גיין צום ערשטן קלאַס, וואו די רייכע זיינען געווען, און זיי האָבן זיי געגעבן נאַשערייען... עס איז טאַקע געווען שלעכט, אַז מען פאָרט אַזאַ לאַנגן וועג אָן געלט. מער ווי דריי וואָכן האָט געדויערט דער וועג...

מ'האָט אונז פריער געפירט אויף אַ קליין שיפל קיין ליווערפּול. אין ליווער־פּול האָבן מיר געוואַרט אויף דער גרויסער שיף צען טעג. מיר זיינען איינגע־שטאַנען אין אַן אַכסניה (אַכסאַניע) אויף דער שיפס קאָמפּאַני קאָסטן... אָבער אָן געלט האָב איך מיינע קינדער גאָר קיין פאַרגעניגן ניט געקענט געבן. אָבער מען איז געווען צופרידן, וואָס מען זעט ניט קיין פּאָגראָמשטשיקעס אויף די גאַסן... די קינדער האָבן אָפּגעלעבט...

איינמאָל האָט פּאַסירט, אַז די קינדער זיינען פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין ליווערפּול, און אין ליווערפּול זיינען דאָ אַ סך פּראַנצויזן און זיי זיינען געווען גוט און געבראַכט די קינדער אין אַכסניה (אַכסאַניע). זיי האָבן פאַרשטאַ־נען די פּראַנצויזן, אַז מיינע מיידלעך שטייען אין דער אַכסניה פאַר עמיגראַנטן...

מיט מיר האָט אויך געטראָפן אַזאַ זאַך. איך האָב ניט געהאַט מיין באַגאַזש מיט מיר. ווען מיר האָבן זיך געזעצט אויפן קליינעם שיפל איז מיין באַגאַזש אַוועק מיט אַן אַנדער שיפל קיין ניו־יאָרק. איך האָב ניט געוואוסט. איך בין געגאַנגען וואו די שיפן קומען און מען האָט מיך אַרומגעפירט אין אַלע פּלעצער און איך האָב ניט געקענט געפינען מיין באַגאַזש. און ווי צו גיין צו מיין אַכסניה האָב איך ניט געוואוסט, און וועלכע „קאָנקע" צו נעמען האָב איך אויך ניט געוואוסט, און געלט מיט מיר האָב איך אויך ניט געהאַט. שטיי איך אַ פאַרצווייפלטע, וואָס זאָל איך איצטער טאָן? און ריידן קאָן איך ניט. קומט אָן אַ מאַן און פרעגט מיך, וואָס איך וויל. ווייז איך אים דעם אַדרעס. האָט ער מיך גענומען צו אַ קאָנקע, וואָס איז געלאָפן צו דער אַכסניה, און האָט געזאָגט דעם קאָנדוקטאָר, ער זאָל מיך אַראָפּלאָזן ביי דער אַכסניה און ער האָט באַצאָלט פאַר מיר... ווען איך בין געקומען אַהיים האָב איך געטראָפן מיינע קינדער שטאַרק פאַרוויינטע. זיי האָבן ניט געוואוסט וואָס איבערצוקלערן...

.64

ס'איז אָנגעקומען קיין ליווערפּול די גרויסע שיף פון לאָנדאָן און מיר זיינען אָפּגעפאָרן קיין ניו־יאָרק... וואָס מען האָט זיך אָנגעליטן... עס זיינען געווען אַזוינע גרויסע ווינטן. עס האָט געוואָרפן די שיף אַרויף און אַראָפּ און מער ווי הימל און וואַסער האָט מען ניט געזען... עס האָט זיך געדאַכט, אַז מען וועט שוין קיינמאָל ניט זען קיין לאַנד און מען וועט שוין אַזוי בלייבן אויפן וואַסער...

ווען ס'איז געווען שטיל, ניט קיין ווינטן, איז דער הימל געווען אַזוי בלוי און שיין אַנטקעגן וואַסער. ס'איז געווען אַ פאַרגעניגן צו קוקן די שיינקייט פון הימל מיט וואַסער... און ווען די זון מיט אירע שטראַלן האָבן געלויכטן אין וואַסער אַריין, איז די שיינקייט קען איך ניט באַשרייבן... און ביינאַכט, ווען די לבנה (לעוואָנע) מיט אירע שטערן האָבן געלויכטן אויף דעם ים (יאַם) האָט קיין אויג ניט געקענט זיך איינקוקן וואָס פאַר אַ שיינקייט ס'האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויפן וואַסער...

ווען די ווינטן זיינען געווען, איז געווען אַ מורא (מוירע) און אַ פּחד (פּאַכאַד) צו זיין אויפן דעק... ס'איז געווען אין אַ ביינאַכט, די מאַטראָסן האָבן אַלעמען אויפגעוועקט, אַז מען זאָל וואָס גיכער אַרויסגיין פון קאַיוטע אויפן דעק, ווייל איין זייט פון שיף איז געווען פול מיט וואַסער. עס האָט זיך איינגעגעבן און מען האָט אויסגעפּאָמפּעט דאָס וואַסער און געראַטעוועט די מענטשן פון דערטרונקען ווערן. מיר אַלע זיינען אַרויס פון די קאַיוטעס אויפן דעק באַקעטע און באָרוועסע, און די קינדער צעשראָקענע... עס האָט אָנגעהאַלטן דער ווינט מער ווי אַ נאַכט מיט אַ טאָג... מיר ,די מענטשן אויפן שיף, האָבן זיך ניט געריכט, אַז מיר זאָלן בלייבן לעבן. עס איז געווען אַ גרויסער נס (נעס) און דער ים (יאַם) האָט זיך איינגעשטילט און אַלע האָבן געלויבט גאָט...

מיר זיינען געקומען לעבעדיקע קיין אַמעריקע. מיך מיט די קינדער האָט מען געפירט קיין באָסטאָן. פאַרוואָס האָט מען אונז געפירט קיין באָסטאָן? דערפאַר וואָס איך האָב מורא געהאַט אָנצוגעבן אַז מיין מאַן וועט מיך מיט די קינדער אַראָפּנעמען פון דער שיף. ווייל ער האָט דאָך ניט געוואָלט מיר זאָלן פאָרן קיין אַמעריקע, וועט ער זיין אין כעס (קאַס) און וועט אונז נאָך שיקן צוריק... איידער איך האָב זיך געלאָזט פאָרן קיין אַמעריקע, האָב איך געשריבן מיין מאַן אַ בריף, אַז איך האָב מורא צו בלייבן אין ביאַליסטאָק, ווייל ס'קאָן נאָך, גאָט זאָל אָפּהיטן, טרעפן אַן אַנדער פּאָגראָם. איך האָב אים אויך געשריבן אַז איך וועל קענען אַרבעטן אין אַמעריקע אויך, און ער זאָל זיך גאָרניט זאָרגן, איך וועל מיין שטעטל באַשטיין און אים העלפן צו מאַכן אַ לעבן. ער זאָל נאָר זיין גוט צו מיר מיט די קינדער...

מיין מאַן האָט דעמאָלט געאַרבעט אין אינגעלוואוד ביי קינדער־הייזקעס. מיין ברודער יהושע האָט געוואוסט וואו מיין מאַן אַרבעט, איז ער געפאָרן קיין אינגעלוואוד און האָט אים געוואָלט געבן געלט, ער זאָל אונז אַראָפּנעמען. האָט ער זיך אָפּגעזאָגט. מיין מאַן איז גלייך געקומען קיין באָסטאָן אונז אַראָפּנעמען. איך מיט מיינע קינדער זיינען געקומען אַן אָוונט פאַר יום־כיפּור (יאָם־קיפּער) אין באָסטאָנער קעסל־גאַרדן... איך געדענק, ווי מען האָט אונז אַלעמען געגעבן גוטע עסנס...

אינמיטן טאָג יום־כּיפּור (יאָם־קיפּער) זיינען אַריין די באַאַמטע פון קעסל־גאַרדן און צו מיר געזאָגט: „אייער מאַן איז זייער צופרידן, וואָס איר מיט די קינדער זיינען דאָ. ער וואָלט שוין אייך מיט די קינדער געוואָלט זען, אָבער ער קען אייך ניט זען ביז מאָרגן אינדערפרי. יום־כּיפּור (יאָם־קיפּער) גיבן מיר ניט אַרויס קיין פּאַסאַזשירן"... די מענטשן וואָס האָבן געזען מיין מאַן אין הויף פון קעסל־גאַרדן, האָבן צו מיר געדעדט, וואָס פאַר אַ שיינעם מאַן איך האָב און ער איז אַזוי פריילעך, וואָס איך בין דאָ אין אַמעריקע מיט די קינדער. ער זעט אויס צו זיין אַ וואוילער מענטש...

יום־כּיפּור איז דעמאָלט געווען שבת, און זונטאג אינדערפרי האָב איך אויסגעפּוצט מיינע מיידלעך אין שיינע זאַכן, אין שוואַרצע ספּאַדניצעס און רויטע בלוזקעס. איך האָב פאַרפלאָכטן זייערע צעפּ מיט רויטע ליענטעס אינמיטן פון די צעפּ מיט גרויסע שלייפן... אַז מיין מאַן האָט זיי דערזען, האָט ער זיי געהאַלטן אין זיינע הענט עטלעכע מינוט, און ער האָט זיך ניט געקענט זאַט אָנקוקן אין זיי, אַזוי שיין זיינען זיי געווען...

65.

מיין מאַן האָט אונז געבראַכט צו אַ שיף, וואָס איז געפאָרן קיין פּעטער־סאָן. ער האָט אונז געקויפט באַנאַנעס און טאָמייטאָס און מיר האָבן ניט געוואוסט מיט וואָס מען עסט דאָס. מיר האָבן דאָס ניט געוואָלט עסן. ער האָט אונז געלערנט ווי זיי צו עסן...

איך האָב זייער געוויינט פאַרנדיק אין שיפל און ער האָט מיך געפרעגט, וואָס איך וויין אַזוי. האָב איך אים געזאָגט, אַז איך וויין נאָך מיין ברודער אַלטער, וואָס איז געשטאָרבן. האָט ער צו מיר געזאָגט, אַז ער איז געווען ביי מיין שוועסטער שיינע גיטל, וואָס מען האָט גערופן אין אַמעריקע, גאָסיע, און זי וויינט גאָרניט, נאָר דער גאַנצער קלאָג איז נאָר אויף מיר...

ער האָט אונז געבראַכט צו מיין ברודער יהושען (אישיען). זיין ווייב רחל איז געווען אַ גוטע און פיינע פרוי און אַ שיינע אויך. מיר זיינען געווען זייער גוטע פריינט, איידער מיין ברודער האָט חתונה געהאַט מיט איר. זי האָט מיר זייער שיין אויפגענומען. מיין ברודער נאָטקע האָט געוואוינט מיט מיין ברודער אישיען . .

ניט ווייט פון מיין ברודער האָט געוואוינט מיין שוועסטער שיינע גיטל און זי איז באַלד געקומען. מיין שוועגערין רחל האָט געמאַכט אַ שיינעם מיטאָג

און אויפדערנאָכט איז מיין מאַן אַוועקגעפאָרן צוריק קיין אינגעלוואוד... אין אַ וואָך אַרום איז ער אונז געקומען זען און געזאָגט, אַז ווי נאָר ער וועט קריגן אַ צימער וועלן מיר קענען וואוינען צוזאַמען. קיין סך פאַרדינט האָט ער טאַקע ניט, אָבער מען וועט שוין זען וואָס צו טאָן...

ער האָט געדונגען ביי אַ פרוי אַ גרויסן צימער און האָט מיך מיט די קינדער אַריבערגענומען קיין אינגעלוואוד. אין קיך האָב איך געקענט קאָכן און עסן, און די באַלעבאָסטע האָט מיך געלערנט ווי צו קאָכן אויף דער אַמעריקאַנער מאָדע...

עס האָט ניט גענומען קיין צוויי וואָכן און מיין מאַן האָט געלייענט אין דער צייטונג, אַז מען זוכט אין אַ גרויסן שאַפּ אַ קאָנטראַקטאָר ביי קינדערשע הייזקעס. איז מיין מאַן באַלד אַוועקגעפאָרן קיין ניו־יאָרק און האָט געשריבן מיט זיי אַ קאָנטראַקט. ער האָט געהאַט אַ פאָר הונדערט טאָלער און ער האָט איינגעאָרדנט עטליכע מאַשינעס, און האָט געדונגען שטעפּערס (אָפּערייטאָרס) און אַ צושניידער (קאַטער), און עס איז אים אַוועק ניט שלעכט. ער האָט גע־מאַכט אַ פיינעם לעבן. אַליין האָט ער אויך געאַרבעט.

מיר האָבן געדונגען אַ וואוינונג אין 322 עסעקס סטריט אויפן דריטן שטאָק. מיר האָבן געקויפט אַביסל מעבל געניצטע. די דירה איז געווען ניט קיין שלעכטע. עס איז געווען איין גרויסער צימער מיט אַ קליין קאַמערל אונטערן טיר. מיין מאַן האָט געבראַכט אַ באָרדער, זיינס אַ קוזינס אַ זון. מען האָט אים גערופן זלמן (זאַלמען). ער איז געווען אַ גאַנץ פיינער בחור. ער איז געווען אַביסל קראַנק.

שפּעטער מיט ניין חדשים האָב איך געבוירן אַ מיידל, זייער אַ שיינינקע. איך האָב איר אַ נאָמען געגעבן גאָסי... עס האָט אויסגעקוקט אַלץ איז פיין און עס וועט זיין גוט... מיין מאַן האָט אַזוי געגליכן דאָס פּיצעלע. ער איז גע־גאַנגען און האָט געקויפט אַ שיין קינדער־וועגעלע. די אַנדערע צוויי מיידלעך זיינען געווען אייפערזיכטיק אויפן עופהלע; פלעגן קוקן מיט כעס (קאַס) אויף איר און אַמאָל געגעבן אַ פעטשל אויך...

קיין סך געלט האָט מיין מאַן מיר ניט געגעבן. ער האָט געגעבן פינף דאָלער אַ וואָך. ער האָט געצאָלט דירה־געלט און האָט געקויפט פאַר די קינדער זאַכן... איך בין געווען גליקלעך, אַזאַ שיינינקע מיידעלע געבוירן, ווער איז צו מיר גלייך... איך האָב זיך געפרייט מיט מיין מזל (מאַזל) וואָס איך מיט די קינדער האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט פון די פּאָגראָמען, און איך האָב נאָך אַ דריט קינד, און מיין מאַן מאַכט נאָך אַ לעבן פאַר מיר...

.66

עס האָט אָנגעהאַלטן די פרייד מיינע קנאַפּע צוויי יאָר און עס האָט זיך אַלץ אויסגעלאָזט צום שלעכטן... עס איז שוין קיינמאָל ניט געווען גוט... מיין מאַן האָט זיך צעקריגט מיט דעם פאָרמאַן און אפילו זיך געשלאָגן און מיין מאַן האָט צעריסן דעם פאָרמאַנס העמד אויף שטיקלעך. קאָן מען שוין פאַרשטיין, אַז ער האָט פאַרלאָזן דעם דזשאָב...

וואָס האָט ער געטאָן? ער איז אַוועקגעפאָרן קיין פּעטערסאָן און האָט דאָרטן געדונגען צימערן און מיך מיט די קינדער איבערגעלאָזן אין פּעטערסאָן און אַליין צוריקגעפאָרן קיין ניו־יאָרק, און ער האָט זיך געפּלאָגט אין ניו־יאָרק, און איך אין פּעטערסאָן... פאַרדינען האָב איך ניט געקענט. איך האָב דאָך געהאַט אַ קליין קינד... פאַרוואָס האָט ער מיך אַוועקגעפירט אין פּעטערסאָן? צו נעמען נקמה (נעקאָמע), האָט ער געזאָגט, פון מיין פאַמיליע, פאַרוואָס איך בין געקומען קיין אַמעריקע...

ער האָט אָפּגעשפּאָרט אַ דריי הונדערט דאָלער, איז אַ הונדערטער אַוועק, ווען ער איז מיט אונז געקומען קיין פּעטערסאָן... אין ניו־יאָרק האָט ער קיין אַרבעט ניט געקריגן. ער האָט גענומען מאַכן אַליין קינדער־הייזקעס און געבראַכט קיין פּעטערסאָן צו פאַרקויפן, און קיין לעבן ניט געקענט מאַכן... האָט ער געפּרואווט ווייטער צו נייען אין פּעטערסאָן הייזקעלעך, האָט ער גע־קויפט רעשטלעך (רעמניצעס) און אַליין געשניטן און גענייט, און איך האָב אים אַרויסגעהאָלפן, און עס איז ניט געווען גוט...

ער איז ווייטער אַוועקגעפאָרן קיין ניו־יאָרק און האָט זיך אַרומגעדרייט און קוים פאַרדינט פאַר זיך אַליין... איך מיט די קינדער האָבן ניט געהאַט וואָס צו עסן און אויף קיין דירה־געלט (רענט) צו צאָלן... האָט מען מיך אַרויס־געשטעלט פון דער דירה... עס איז געווען אין אַ שבת (שאַבעס) געדענק איך, עס זיינען געקומען די מענטשן פון געריכט און מיר געגעבן אַ פּאַפּיר, אַז איך מוז זיך אַרויסקלייבן. איך האָב דאַן געוואוינט אויף וואָדער גאַס. אַז אויף שבת איז געקומען מיין מאַן און דערזען וואָס עס טוט זיך אין שטוב, אַז מען מוז שוין האָבן אַן אַנדערע דירה, איז ער געלאָפן זוכן און געדונגען דריי פינצטערע צימערן אין נאָרט־וועסט גאַס, אויפן צווייטן שטאָק. דער שלאָף־צימער איז געווען זייער קליין. מער ווי אַ בעטל האָט מען ניט געקענט אַריינשטעלן, און ס'איז געווען אַן אַ פענסטער אויך... און ווייסט איר וואָס ער האָט געטאָן? עס איז געווען אין גרעסערן צימער אַ פענצטער, האָט ער דאָס פאַרשלאָגן מיט צוועקעס, איז געוואָרן ווילגאַץ אין שטוב, זיינען מיר אַלע קראַנק געוואָרן... פאַר דאָס דירהלע האָט מען געצאָלט אַכט רובל אַ חודש (כוידעש) און דעם קליינעם רענט האָט מען אויך ניט געהאַט...

איך האָב גענומען טראַכטן, וואָס קען מען טאָן צו מאַכן אַ לעבן. מיינע ברידער האָב געהאַט זייער גוטע פריינט, פאַבריקאַנטן פון זייד. איינעם האָט מען גערופן פינקלשטיין, דעם שותף זיינעם האָט מען גערופן דיימאַנט. האָב איך ביי זיי זיך געלערנט צו פיקן שטיקער זייד... מיין מאַמע עליה השלום (אַלייאַ האַשאַלעם) האָט אַכטונג געגעבן אויפן קליינעם קינד און אויך געקאָכט פאַר אונז אַלעמען... מיין מאַמע האָט ניט געוואוינט מיט מיר. זי האָט געוואוינט מיט מיין ברודער נאַטקען. ער האָט ניט לאַנג חתונה געהאַט פאַר אַ מיידל, וואָס איז אויך געווען אַ וועבערקע. האָבן זיי ביידע געוועבט. האָט מיין מאַמע געקאָכט וועטשערע פאַר מיין פאַמיליע און מיר פלעגן קומען אין מיין קליין שטיבל עסן...

.67

וואָלט שוין געווען גוט, איז אָבער פון דער שלעכטער דירה בין איך קראַנק געוואָרן און מיינע קינדערלעך אויך... אַז איך בין ניט געווען אין שטוב אַ גאַנצן טאָג, האָב איך זיך ניט אַרומגעקוקט, וואָס מיט די קינדער טוט זיך... איין טאָג, אַ שבת, איך טו אַ קוק אויף מיין מושען און איך זע, ווי איין זייט פון איר רעכטן אַקסל איז אַרויס פון פלאַץ, און די גאַנצע פלייצע איז אויס־געבויגן... אוי ווי איז מיר! וואָס קען איך טאָן? איך האָב אָפּגערופן מיין שוועגערין, זי איז באַלד געקומען און איך האָב איר געוויזן וואָס מיט מיין מושען האָט געטראָפן. זי איז מיט מיר באַלד געלאָפן צו אַ גרויסן ביין־דאָקטאָר, און ער האָט געזאָגט, אַז זי האָט פאַרצערונג (קאָנסאַמפּשאַן) פון די ביינער... ער האָט געהייסן איר טראָגן אַ שטאָלענעם ברעיס צוויי יאָר, און ער האָט פאַר־זיכערט, אַז זי וועט געזונט ווערן נאָך די צוויי יאָר...

איך בין אויך געוואָרן קראַנק, און איך האָב ניט געקענט גיין אין שאַפּ אַרבעטן. האָב איך געבעטן מיסטער פינקלשטיינען, ער זאָל מיר געבן די שטיקער זייד צו פיקן אין הויז. ער האָט מיר טאַקע געגעבן... ס'איז אָבער געווען שווער צו טראָגן די שטיקער זייד מיט די ראָלערס. האָב איך אים געבעטן, ער זאָל מיר געבן אָן די ראָלערס. איך האָב אפילו אָן אַ ראָלער אויך ניט געקענט טראָגן. האָבן מיינע קינדער אינדערפרי, איידער זיי זיינען גע־גאַנגען אין שול, אַוועקגעטראָגן די פאַרטיקע שטיקער זייד און געבראַכט אַנדערע צו פיקן... מיין עלטער מיידל, וואָס איז געווען קראַנק, איז שיון געווען בעסער און איז שוין געווען אין דרייצנטן יאָר. ליבע איז געווען אין עלפטן יאָר. מיין ליבעלע האָט איבערגעקוקט די פאַרטיקע, וואָס איך האָב אָפּגעפּיקט און האָט מיר נאָך געהאָלפן צו פיקן די פרישע, וואָס זי מיט איר שוועסטער האָבן געבראַכט, ווען זיי זיינען געקומען פון שול...

אַזוי האָבן מיר זיך געמאַטערט עטלעכע יאָר. אַזוינע יונגינקע קינדער האָבן געדאַרפט שלעפּן די שטיקער זייד פון שאַפּ אינדערפרי, ווען דער פראָסט איז געווען אַזוי גרויס און דער שניי אַזוי טיף, אַז ס'איז געווען אַן עברה (אַוויירע) אַ הונט אַרויסצוטרייבן אינדרויסן...

פון פיקן זייד האָט מען קיין לעבן ניט געקענט מאַכן, האָבן זיך דערוואוסט סאָסייעטי לײַדיס און האָבן מיר געגעבן צוויי דאלער אויף מילך אַלע צוויי וואָכן... איך געדענק, ווען איך האָב געדאַרפט שוואַרצן מיין פּנים און גיין צו זיי נאָך די צוויי דאלער, ס'איז געווען חנוכה (כאַנוקע), האָבן זיי מיר געגעבן פיר דאָלער, 2 דאלער פאַר מילך און 2 דאָלער פאַר מיינע מיידלעך חנוכה־געלט...

און די קינדער זיינען געווען זייער קראַנק. מיין קליינע גאָסי איז קראַנק געוואָרן און מיר האָבן ניט געוואוסט וואָס צו טאָן צום קינד. האָט געטראָפן אַ נס (נעס) און עס איז געקומען דער פאַרמער, וואָס פלעגט מיר ברענגען מילך יעדן טאָג, און האָט דערזען, ווי מיין גאָסילע קען דעם אָטעם ניט כאַפּן. זאָגט ער: „גיכער רוף אַ דאָקטאר!" האָבן מיר באַלד גערופן אַ דאָקטאָר און מען האָט זי קוים דעררעטעוועט...

ס'האָבן זיך דערוואוסט אונזערע לאַנדסלייט, אַז איך מיט די קינדער זיינען קראַנק. האָבן זיי געמאַכט אַן אונטערנעמונג און די אונטערנעמונג האָט אַריינגעטראָגן זעכציק דאלער, און מען האָט אונז געשיקט קיין ליבערטי...

.68

אין ליבערטי זיינען מיר געווען זעקס וואָכן. איך האָב געקאָכט אַליין. מיינע טעכטערלעך האָבן מער ניט געהאַט יעדע איינע, ווי צו איין קליידל. יעדן טאָג בין איך אויפגעשטאַנען אינדערפרי און אויסגעוואַשן די קליידלעך און אויסגעפּרעסט, און אַז זיי זיינען אַריין אין זאַל, וואו אַלע זומער־געסט זיינען געווען, האָבן זיי אויסגעזען בעסער און שענער ווי די קינדער פון די רייכע. איך טרייב ניט איבער, זיי זיינען געווען די שענסטע קינדער אין דעם פּלאַץ, וואו מיר זיינען איינגעשטאַנען...

יעדן פרימאָרגן פלעג איך גיין אויף אַ פאַרם, וואו מען האָט געמאָלקן די קי און איך האָב געגעבן די קינדער פרישע מילך. זיי האָבן זיך טאַקע זייער פיין פאַרריכט...

ביז היינטיקן טאָג ווייס איך ניט ווער פון מיינע לאַנדסלייט זיינען דאָס געווען אַזוי גוט צו מיר און האָבן געזען שיקן מיך מיט די קינדער אויף זעקס וואָכן קיין ליבערטי אין דעם זומער־פּלאַץ... די קינדער זיינען טאַקע געקומען אַהיים אַ סך געזינטער און פרישער, ווי זיי זיינען געווען אין פעטערסאָן...

איך האָב געשריבן מיין מאַן, אַז מיר קומען אַהיים. ער איז געווען אימער אין ניו־יאָרק... מיר האָבן אים געטראָפן אינדערהיים... אַביסל שפּעטער האָט ער געלייענט אין דער צייטונג אַז מען האָט געעפנט אַ שאָפּ פון קינדער־הייזקעס אין פּעטערסאָן. נו, איז שוין געווען די שמחה (סימכע) אַזוי גרויס. ער וועט שוין זיין אינדערהיים מיט אונז און אַרבעטן און איך וועל שוין ניט דאַרפן אָנקומען צו די צוויי דאלער אויף מילך צו די סאָסייעטי לײדיס...

הערט וואָס ס'האָט פּאַסירט. די פירער פון דער צדקה (טשאַריטי) געזעלשאַפט האָבן אַריינגערופן מיין מאַן אין אָפיס און האָבן אים אויסגערעדט פאַרוואָס ער גיט ניט אַכטונג אויף זיין פאַמיליע. האָט ער זיי געזאָגט, אַז ער האָט ניט פאַרדינט און אַז ער אַליין איז אויך געווען ניט געזונט... האָבן זיי אים געזאָגט, זיי ווילן זען אַז ער זאָל האָבן בעסערע אַרבעט און ער וועט פאַר־דינען, אָבער ער זאָל זען, אַז זיין פאַמיליע זאָל ניט דאַרפן אָנקומען צו צדקה (צדאָקע, טשאַריטי). ער האָט זיי צוגעזאָגט, ער וועט זען דאָס בעסטע פאַר זיין פאַמיליע . . .

ער האָט פאַרדינט 16 דאלער אַ וואָך, אָבער ער איז געווען אַזוי נערוויי־איש. פאַר יעדער זאַך. וואָס איז אים ניט געפעלן געוואָרן, זיינען געווען קרי־גערייען. אָבער בעסער איז מיר געווען. צו צדקה בין איך שוין ניט געגאַנגען... איך אַליין האָב דאָך אויך געאַרבעט ביי פּיקן זייד און פאַרדינט. ווען מיין מאַן זאָל ניט געווען זיי נערווייאיש, וואָלט מען שוין געקענט אויסקומען...

ניט ווייט פון אונז האָט אַ מאַן געאַרבעט מיט אים אין זעלבן שאָפּ. זיי פלעגן גיין צוזאַמען צו דער אַרבעט, און פון דער אַרבעט. פלעגט ער אויף מיר אָנריידן וואָס אין דער קאָרט שטייט... ער איז געווע אין כעס (קאַס) אויף מיין מאַמען, און זי האָט געמוזט וואוינען ביי פרעמדע מענטשן. מיין ברודער נאָטקע איז קראַנק געוואָרן אויף די לונגען און ער האָט געמוזט אַוועקפאָרן קיין קאַליפאָרניע, האָט נעבעך מיין מאַמע געמוזט זיין ביי פרעמדע מענטשן . . .

.69

איידער מיין ברודער איז אַוועקגעפאָרן קיין קאַליפאָרניע, האָט ער געוואוינט אויף סוירקל עווענױ אויף אַ באַרג אין פינף צימערן. האָבן מיר איבערגענומען די צימערן. איך האָב דאָך געשריבן, אַז מיר האָבן געוואוינט אין נאָרד־וועסט גאַס זייער נידעריק, אין דריי קליינע צימערלעך, מיט איין פענסטער אויפן צווייטן שטאָק און דערפאַר זיינען מיר אַלע געווען קראַנק...

אונטן האָט געוואוינט אַ שיכורער דייטש. ער האָט געהאַט אַ מיידל אַרום איין און צוואַנציק יאָר און אויך אַ גרויסן בחור. אַז ער איז געווען שיכור, האָט ער נאָר געוואָלט הרגענען זיין טאָכטער און זון. זיי האָבן זיך באַהאַלטן ביי אונז, ווייל צו אונז האָט דער דייטש ניט געוואַגט אַריבערצוקומען...

אַז מיין ברודער נאָטקע מיט זיין ווייב פלאָרע און מיט זייער 3־חדשימדיק קינד זיינען אַוועקגעפאָרן קיין לאָס אַנדזשעלעס, האָט מיין מאַן איבערגענומען די וואוינונג. מיר האָבן אָפּגעקויפט דאָס מעבל און מיר האָבן שוין געוואוינט אין אַ לייטישער דירה... איך מיט מיין מאַן האָבן געאַרבעט און שוין געקענט צאָלן דירה־געלט...

עס האָט זיך שוין אויסגעוויזן אַז עס איז גוט, איז געקומען אַן אַנדערע צרה (צאָרע). איך בין שוין געווען אַ לאַנגע צייט קראַנק און מיין גאָסילע איז אויך קראַנק געוואָרן אויף די לונגען. זי האָט געהאַט ניומאָניע, איז איר פאַר־בליבן די קראַנקהייט אויף די לונגען... איך בין געווען געל ווי וואַקס. יעדער איינער, וואָס האָט מיך געקענט, האָט גע׳דאגה׳ט (געדאיגעט) וואָס וועט ווערן פון די דריי אָרעמע קינדערלעך, אַז די מאַמע זייערע איז אַזוי געל... איך האָב געמוזט גיין מיטן קינד צו דאָקטוירים, און דער טאַטע אירער האָט זי געדאַרפט טראָגן אויף די הענט, האָט זי ניט געוואָלט און געמאַכט קולות (קוילעס). איז ער געווען אין כעס (קאַס) אויף מיר, אַז איך לערן אַזוי די קינדער זיי זאָלן אים פיינט האָבן און ניט וועלן גיין צו אים אויף די הענט... ער האָט טאַקע ניט געוואָלט איך זאָל זי טראָגן. ער האָט מורא געהאַט, אַז מיר וועט דאָס טראָגן איר אויף די הענט פאַרשאַטן...

אַז מיין גאָסילע איז אַלט געוואָרן דריי יאָר איז זי געוואָרן געזונט און איך בין אויך געוואָרן געזינטער. עס האָט זיך שוין פאַרבעסערט דאָס לעבן. מען האָט זיך שוין אַזוי פיל ניט אַרומגעקריגט...

מיין גאָסילע איז שוין געווען אין פערטן יאָר און ניט ווייט פון אונזער הויז איז געווען אַ קינדער־גאָרטן און איך האָב איר געשיקט אין קינדער־גאָרטן. פון אָנפאַנג האָט זי מיר געבראַכט אויסגעשניטענע פון פאַפיר אַלערליי צאַצקעס... עס האָט ניט לאַנג גענומען, האָט מען איר איבערגעשיקט אין אַ העכערן קלאַס, שוין ניט אין קינדער־גאָרטן, אַוואו מען האָט שוין געלעזן און געשריבן...

איינמאָל קומט זי אַהיים און ברענגט מיר אַ פאַפיר, אַז זי איז מיט די העכערע קינדער... זי האָט מיר דערציילט, אַז דער פרינציפּאַל האָט איר געזאָגט: „זאָג דיין מאַמען, אַז דו וועסט אַמאָל זיין אַ גרויסער מענטש"... איז מיין פרייד געווען זייער גרויס...

.70

און איר ווייסט, וואָס מיין גאָסילע פלעגט טאָן נאָך שול? זי איז אַוועק־געגאַנגען ווייט פון דער היים אין וואָדער גאַס. דאָרטן פלעגן זיין מיטינגען פון די וועבערס. די וועבערס האָבן געסטרייקט. דאַן פלעגט העיוואוד דער גרויסער אַגיטירן די אַרעבטער צו סטרייקן פאַר בעסערע באַדינגונגען. ס'איז געווען אַ פרוי, בעט פלין, זי האָט אויך אָרגאַניזירט די אַרבעטער. מיין קליין מיידעלע האָט זי ליב געהאַט.

מיר האָבן ניט געוואוסט. וואוהין זי איז אַהינגעקומען, און אַז מיין מאַן פלעגט קומען פון דער אַרבעט און האָט איר ניט געפונען, האָט מען שוין ניט געקענט זיצן אין שטוב... מען האָט איר אַרומגעזוכט און מען האָט איר שטונדן לאַנג ניט געקענט געפינען. ביז מען האָט זיך דערוואוסט, אַז זי געפינט זיך אין וואָדער גאַס, האָט מען שוין געוואוסט וואו זי צו געפינען...

אַז זי פלעגט ניט קומען אַהיים איז זי געוואָרן פאַרטרוקנט און זי איז אָנגעגריפן געוואָרן אין די לונגען. איך האָב געזען, אַז עפּעס איז דער מער מיט דער מיידעלע און איך בין אַוועק מיט איר צום דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט אַכטונג געגעבן אויף אונזער גאַנצער פאַמיליע, אויך אויף מיין ברודער און שוועסטער... דער דאָקטאָר האָט געוואוסט, אַז ווען מיין גאָסילע איז אַלט געווען אַ יאָר און אַ האַלב, האָט זי געהאַט לונגען־אַנטצינדונג (ניומאָניע). דער דאָקטאָר האָט איר אונטערזוכט און האָט אויסגעפונען, אַז זי האָט שטאַרקן בראָנכייטיס... אַזוי ווי ער האָט געקענט די גאַנצע פאַמיליע אויסגעבונדן, און האָט געוואוסט יעדן איינעמס קראַנקהייט, ער האָט אויך געוואוסט, אַז מיין ברודער נאָטקע איז אין קאַליפאָרניע. ער האָט טאַקע אַוועקגעשיקט מיין ברודער נאָטקען קיין קאַליפאָרניע צו היילן זיין לונגען־קראַנקהייט. האָט דער דאָקטאָר געזאָגט צו מיר, אַז איך מוז שוין פאָרן קיין קאַליפאָרניע צו ראַטעווען דאָס קינד...

אַז איך בין געקומען אַהיים און דערציילט מיין מאַן, וואָס דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, האָט ער ניט געגלויבט און איז אַליין אַוועק צו אים. דער דאָקטאָר האָט אים נאָך מער אָנגעסטראָשעט, אים געזאָגט, אַז מען מוז אומבאַדינגט אַוועקפאָרן מיטן קינד קיין קאַליפאָרניע... אָבער קיין געלט האָבן מיר ניט געהאַט, בין איך אַוועקגעפאָרן קיין ניו־יאָרק צו מיין ברודער יהושען, ער זאָל מיר לייען 50 דאָלער. אָבער מיין ברודער האָט אויך ניט געהאַט. ער איז געווען אַ איד אַן אָרעמאַן. ער האָט זייער שווער געאַרבעט צו מאַכן אַ לעבן פאַר זיין פאַמיליע... ער פלעגט צופירן אין די הייזער ברויט, חלה (כאַלע), זעמל, בייגל... ער האָט געהאַט אַ ווייב מיט פיר קינדער. דירה־געלט אין

ניו־יאָרק איז געווען טייער, און מען האָט געדאַרפט די קינדער קליידן. זיין ווייב האָט געהאַט אַ קליין קרעמל עמברוידערי (אויסהעפטונג). ביידע האָבן געאַרבעט און עס איז ניט געווען קיין הצלחה (האַצלאָכע)... מיין ברודער האָט געהאַט גרויס צער (צאַאַר) וואָס ער קען מיר ניט העלפן אינגאַנצן. ער האָט געהאַט 16 דאָלער, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אים פון זיין צעפּירן געבעקס איבער די הייזער, און ער האָט זיי מיר אָפּגעגעבן...

איך האָב געפילט אַזוי שלעכט, וואָס איך האָב אויסגעטרייסלט מיין ברודערס קעשענעס... מיין מאַן איז אַריין אין אָפּיס, וואו ער האָט געאַרבעט און האָט זיי דערציילט, אַז אַ קינד איז אים קראַנק געוואָרן און זיין ווייב מוז שוין פאָרן מיט דעם אין קאַליפאָרניע. דער באַלעבאָס פון אָפּיס האָט אָפּגערופן דעם דאָקטאר, און דער דאָקטאר האָט געזאָגט, אַז עס איז אמת (עמעס). דער באַלעבאָס האָט אים געליען עטלעכע דאָלער און ער האָט אים יעדן וואָך אַראָפּגערעכנט אַ פּאָר דאָלער.

.71

אין לאָס אַנדזשעלעס האָט געוואוינט מיין שוועסטער שיינע גיטל מיט איר מאַן, און זי האָט שוין געהאַט אַ אינגל פון אַ יאָר אַכט... ווען מיין ברודער נאָטקע איז אַוועקגעפאָרן קיין לאָס אַנדזשעלעס האָט ער נאָר געהאַט איין אינגעלע פון דריי חדשים (כאָדאָשים). איצטער האָט ער שוין געהאַט צוויי אינגלעך; דעם ערשטן האָט מען גערופן לואי, דעם צווייטן, משה (מוישע). ער איז אַלט געווען אַ יאָר און אַ האַלב. ער איז געווען אַזאַ שיינער, אַ בלאָנדער מיט לאַנגע געקרייזלטע האָר. ער איז געווען גרויס, ווי אַ אינגל פון דריי יאָר.

איך בין פאַרפאָרן צו מיין ברודער נאָטען, און מיין ברודער מיט זיין פרוי האָבן מיך צוגענומען זייער פיין. אָבער עס האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן די פריינדלעכקייט פון מיין שוועגערין פלאָרע עליה השלום (אָלייאָ האַשאָלעם)... איך האָב געפּרוּאווט צו טאָן אַלעס איז דער הויז, אבי עס זאָל זיין שלום (שאָלעם), אָבער מיין שוועגערין האָט געוואָרפן אַן אומ׳חן (אומכיין) אויף מיר און פשוט (פּאָשעט) ניט געקענט מיך אָנקוקן...

און וואָס האָב איך געקענט טאָן מיט אַ קראַנק קינד. אַליין בין איך אויך געווען קראַנק. איך האָב געזוכט עפּעס צו טאָן, אָבער איך האָב ניט געקענט געפינען אין מיין פאַך אַרבעט... איך האָב דאָך ניט געוואָלט זיין אָנגעהאָנגען אויף מיין ברודער מיט מיין שוועסטער... צו מיין ברודער פלעגן אַריינקומען רייכע פרויען צו קויפן מילכיקס... ער פלעגט צופירן איבער די הייזער פּוטער, קעז, אייער און אַנדערע שפּייז־פּראָדוקטן. ער האָט געמאַכט אַ שיינעם לעבן.

קיין אַנדער אַרבעט האָט ער ניט געקענט טאָן. ער איז דאָך געקומען מיט קראַנקע לונגען. אָבער אויף דער לופט אַרומפּאָרן איז אים געווען בעסער.

צווישן די פּרויען, וואָס זיינען אַריינגעקומען צו מיין ברודער צו קויפן מילכיקס, איז געווען איינע אַ פּרוי, ליזע. זי איז געווען זייער אַ גוטע. איך האָב זיך פאַנאַנדערגערעדט מיט איר. זי האָט מיר דערציילט, אַז זי האָט געאַרבעט אין אַ שאָפּ ביי נייען קלאָוקס און דער באָס האָט זיך פאַרליבט אין איר און זיי האָבן חתונה געהאַט... איך האָב איר דערציילט וועגן מיין ביטערן לעבן, ווי איך האָב איבערגעלאָזט מיין מאַן מיט צוויי מיידלעך אין פּעטערסאָן. מיין מאַן פאַרדינט ניט קיין סך, און ער דאַרף דאָך אויסהאַלטן די קינדער, קען ער אונז גאָרניט שיקן. איך האָב זי געבעטן, זי זאָל פאַר מיר עפּעס טאָן...

איר מאַנס שאָפּ איז געווען אויף 443 ספּרינג סטריט. איך האָב געוואוינט אין באָיל האַיטס. זי האָט געבעטן דעם פאָרמאַן פון שאָפּ מען זאָל מיך אויס־לערנען פעלן די אַנצוגן מיט די מאַנטלען. איך האָב זיך שנעל אויסגעלערנט. די ערשטע וואָך האָב איך שוין פאַרדינט זעקס דאָלער... מיין מיידעלע פלעג איך איבערלאָזן נאָך שלאָפנדיק. עס איז געווען לעבן שטוב אַ שולע. מיין שוועגערין פלעגט איר געבן איבערבייסן, און זי איז געגאַנגען אין שולע. צוועלף אַזייגער פלעגט מיין גאָסיעלע קומען צוריק אין הויז עסן מיטאָג...

פון אָנפאַנג איז אַנגעגאַנגען זייער גוט, אָבער אַביסל שפּעטער האָט זי מיר געטריבן פון הויז. זי פלעגט זאָגן צו מיין ברודער, אַז ער קען מיר געבן געלט וויפיל ער וויל, אָבער אין הויז וויל זי מיך ניט... בין איך קראַנק געוואָרן, און דאָס איז געווען שבת צו נאַכט. אַזוי ווי איך האָב געהאַט בראָנ־כייטיס האָב איך אַ גאַנצע נאַכט זייער געהוסט...

מיין שוועסטער שיינע גיטל פלעגט קומען אַלע זונטאַג צו מיין ברורעד פאַר מיטאָג, זי מיט איר מאַן און מיט אירע צוויי אינגלעך... מיין שוועגערין האָט געמאַכט דעם בעסטן מיטאָג פאַר איר מיט איר מאַן און מיט אירע קינדער. אויף מיר האָט זי אָנגערעדט פאַר מיין שוועסטער. האָב איך געוויינט. וואָס זאָל איך טאָן מיט אַ קליין קינד? האָט מיין שוועסטער מיר געזאָגט: „וואָס ווילסטו, אַז נייטען זאָל זיך גט'ן (געטן) צוליב דיר?...

ניט ווייט פון מיין שוועגערין האָט געוואוינט מיין שוועסטערס אַ פריינדין, איידע מילער, און זי האָט געזאָגט צו מיר: „גייט אַוועק פון פלאָרען, וועט איר געזונט ווערן”... ניט ווייט פון מיין ברודער איז געווען אַ צימער צו פאַרדינ־גען. איז מיסעס מילער מיט מיר געגאַנגען און איך האָב געדונגען דעם צימער. די באַלעבאָסטע האָט מיר צוגעזאָגט, אַז זי וועט פאַר מיר קאָכן און זי וועט אַכטונג געבן אויפן קינד... איז דאָך געווען ווי געוואונטשן, האָט דאָס ווייטער ניט געטויגט. די באַלעבאָסטע האָט געהאַט אַ אינגל אין זעלבן עלטער ווי מיין

גאָסילע, און ער פּלעגט איר שלאָגן... ער איז געווען אַ שטאַרקער און מיין מיידעלע איז דאָך געווען אַ שוואַכע...

מער ווי דעם אינגל האָט די באַלעבאָסטע ניט געהאַט. זי איז שוין געווען אין די מיטעלע יאָרן... איינמאָל, אַז דער אינגל האָט געגעבן מיין מיידעלע אין האַרצן מיט זיין פויסט, האָט מיין מיידעלע אים אָפּגעגעבן... האָט שוין ניט געטויגט... איך בין געקומען פון דער אַרבעט, האָט די באַלעבאָסטע מיר געזאָגט, איך זאָל זיך שוין אַרויסקלייבן... איך בין אַוועק צו דער מיסעס מילער און זי האָט מיר געזאָגט, אַז איבער נאַכט קען איך מיט מיין מיידעלע איבערנעכטיקן ביי איר...

.72

אין שאָפּ האָט געאַרבעט אַ פּרעסער, איינער אַ גאָלדבערג. איך האָב אים דערציילט וועגן מיינע צרות מיט מיין באַלעבאָסטע און ער האָט מיר געזאָגט: „איך האָב פּאַר אייך אַ צימער און איר קענט שוין, ווען איר וועט קומען פאַרנאַכט פון דער אַרבעט, זיך אַריינקלייבן. איך וועל ניט בעמען צו טייער פון אייך. מיין ווייב וועט קאָכן פּאַר אייך און אויך אַכטונג געבן אויף אייער קינד..." דער צימער איז געווען לעבן בריד סטריט און לעבן דער זעל־בער שולע אַנטקעגן... זיי האָבן אויך געהאַט קינדער, וואָס זיינען געגאַנגען אין שולע, און זיי פלעגן אויך מיטנעמען מיין קינד.

איך האָב ניט געוואוסט ווי גאָט אָפּצודאַנקען, וואָס ער האָט מיך אויסגע־לייזט פון אַזוינע צרות, פון מיין שוועגערין און פון מיין שלעכטער באַלע־באָסטע... געקומען פאַרנאַכט אַהיים פון דער אַרבעט האָב איך שוין געטראָפן אַן אָפּגעקאָכטע וועששערע פּאַר מיר מיט מיין קינד. די מיסעס גאָלדבערג האָט גוט אַכטונג געגעבן אויף מיין מיידעלע...

און אַז איך האָב שוין געקריגן אַרבעט בין איך זייער קראַנק געוואָרן און דאָקטאָר בלעס האָט געזאָגט, אַז איך מוז גיין פּאַר אַן אָפּעראַציע. די אוי־בערשטע קישקע האָט זיך מיר אַראָפּגעלאָזט... בין איך אַוועק אין שפּיטאָל און דאָרטן איז געקומען צוויי מאָל אַ וואָך אַ פּרויען־דאָקטאָר. זי איז געווען אַ ספּעציאַליסטין אויף פרויען קראַנקהייטן. זי האָט געזאָגט, אַז אַן אָפּעראַציע וועל איך ניט פאַרזאַמען צו האָבן און זי האָט עפּעס געטאָן צו מיר און איך בין טאַקע געוואָרן בעסער. איך האָב נאָך אפילו ביז איצט ניט געהאַט קיין אָפּעראַציע. דאָס איז געווען אין 1913.

מיין בראָנכייטיס איז שוין געוואָרן בעסער, אָבער אַז איך האָב געהאַט אַ סך צרות (צאָרעס) און איך געדענק, אַז אַ גאַנצע נאַכט בין איך געלעגן און

געהוסט. איך האָב געמוזט שלאָפן לעבן פענצטער מיטן קאָפּ אינדרויסן. איך בין אַוועק צום דאָקטאָר בלעס און ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך טאָר ניט אַרבעטן, איך וועל קריגן לונגען־ענטצינדונג... בין איך אַוועק צום פּלאַץ וואו איך האָב געאַרבעט. צוויי שותּפים האָבן געהאַלטן דעם שאַפּ, איינער מאָריס סעקס, און איינער אַ מיסטער קעצאָף. איך האָב זיי געזאָגט, אַז דער דאָקטאָר בלעס האָט מיר פאַרבאָטן צו אַרבעטן, ווייל איך בין קראַנק.

אויף נאָרט בראָדוויי איז געווען אַ גרויסער שפּיטאָל, דאָרטן זיינען געווען גוטע דאָקטוירים. בין איך אַוועק אין יענעם שפּיטאָל, און עס זיינען דאָרטן טאַקע געווען גוטע דאָקטוירים, און איין דאָקטאָר, אַ ספּעציאַליסט, האָט מיך עקזאַמינירט און ער האָט זיך גוט אויסגעלאַכט פון דאָקטאָר בלעס, וואָס ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך טאָר ניט גיין אַרבעטן. ס'איז נאָר אַ פאַרקילונג, האָט ער געזאָגט. מיר געגעבן אַ מעדיצין און געהייסן קומען שפּעטער מיט אַ וואָך. דורך דער וואָך איז מיר געוואָרן בעסער און איך האָב שוין קיין מעדיצין ניט געדאַרפט. האָב איך זיך זייער גע'דאגה'ט (געדייגעט), וואָס איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון דעם פּלאַץ, וואו איך האָב געאַרבעט... בין איך אַוועק צוריק צום באַלעבאָס, און איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב געמאַכט אַ גרויסן טעות (טאָעס), וואָס איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון דזשאַב, ס'איז בלויז געווען אַ פאַר־קילונג און די פאַרקילונג איז שוין אַוועק. דער באַלעבאָס, מיסטער קעצאָף, האָט געזאָגט, אַז ער איז זייער צופרידן, וואָס מיר איז בעסער, און איך קען זיך שוין זעצן אַרבעטן. איך בין געווען אַזוי גליקלעך, אַז איך האָב ניט געוואוסט ווי גאָט צו דאַנקען... איך האָב שוין דעמאָלט פאַרדינט זיבן רובל אַ וואָך...

.73

נו, קומט ווידער אַ צרה (צאָרע), עס איז געוואָרן סלעק (ווינציק אַרבעט) און איך האָב געדאַרפט האָבן געלט צו שיקן נאָך מיינע קינדער אין פּעטערסאָן. דערווייל קומט צו צו מיר מיינער אַ באַקאַנטער און פרעגט מיך, אפשר (עפּ־שער) וועל איך גיין צו אַ קימפּעטאָרין אויף צוויי וואָכן. האָב איך געפרעגט צי מען וועט מיר דערלויבן מיט מיין גאָסילען... האָט דער מאַן זיך אָנגעפרעגט ביי דער קימפּעטאָרין און געזאָגט, אַז יאָ.

איך האָב ביי דער קימפּעטאָרין געאַרבעט זייער שווער. עס איז ביי איר געווען פיר קליינע קינדער. איך האָב געדאַרפט אינדערפרי מאַכן פאַר דער קימפּעטאָרין און אירע פיר קינדער איבערבייסן, אויך אָנטאָן די קינדער און שיקן זיי אין שול... איך האָב געדאַרפט אַכטונג געבן, ס'זאָלן זיין ריינע דייפּערס (ווינקעלעך) פאַרן פּיצעלע, און אויך אָפּקאָכן וועטשערע פאַר דער גאַנצער

פאַמיליע... די אַרבעט איז ניט געווען אַזוי שלעכט, ווי די קינדער... זיי פלעגן אַנ׳הרג׳ענען (אַנהאַרגענען) מיין מיידל און איר ניט געלאָזן עסן און זיך שפּילן.

איך האָב קוים איבערגעלעבט די צוויי וואָכן און פאַרדינט 45 דאָלער... איך בין געגאַנגען צו מיין שוועסטער שיינע גיטל און איר געבעטן, אַז זי זאָל מיר לייען 50 טולער. זי האָט מיך געשיקט צו איר מאַן אין קראָם. איר מאַן האָט מיר געזאָגט, אַז ביי אים איז ניט קיין באַנק... מיין שוועסטער מיט מיין שוואָגער זיינען געווען גאַנץ רייך. זיי האָבן געהאַט אַ גרויסע דריי־גודס (גאַלאַנ־טעריי) קראָם אויף דער ניינטער גאַס און סענטראַל עוועניו. און אַז מענטשן זיינען רייך, זיינען זיי שלעכט... בין איך אַוועק פון מיין שוועסטער מיט אַ צעבראָכן האַרץ... איך האָב געדאַרפט ברענגען די קינדער פון פּעטערסאָן. אָבער וואָס זאָל איך איצטער טאָן? איז דאָך דאָ מיין גוטער ברודער נייטען און ער האָט גענומען מיינע פופציק טולער און האָט נאָך צוגעלייגט זיינע פופ־ציק טולער און ער האָט דאָס געלט אַוועקגעשיקט צו מיין מאַן אין פּעטערסאָן...

מושע איז געווען אין זיבעצענטן יאָר, ליבע איז געווען אין פערצנטן יאָר. אָבער די הונדערט טולער זיינען ניט געווען נאָך גענוג אַריבערצוברענגען קיין לאָס אַנדזשעלעס מיין פאַמיליע. איז מיין מאַן געפאָרן קיין ניו־יאָרק צו מיין ברודער יהושוען און יהושוע האָט אים געגעבן, איך דענק, 50 טולער, און זיי זיינען געקומען צוזאַמען מיט מיין מאַמען...

און וועגן מיין מאַמען וויל איך דערציילן, אַז איידער מיין ברודער נאָטע איז אַוועקגעפאָרן מיט זיין פאַמיליע קיין קאַליפאָרניע, איז זי געווען ביי אים. דערנאָכדעם איז זי געפאָרן קיין ניו־יאָרק און איז געווען ביי מיין ברודער יהושוען. אָבער ביי יהושוען איז זי געווען עטלעכע חדשים (כאָדאָשים). זי האָט ניט געקענט אויסקומען מיט די קינדער. מיין ברודער יהושוע האָט געהאַט איין מיידל. מען האָט זי גערופן עניע, און דריי אינגלעך. דער עלטערער איז אימער געווען אין כעס (קאַס) אויף זיין באָבען, פאַרוואָס די באָבע איז געווען זייער אַ פרומע און האָט אים געלערנט אידישקייט. מען האָט אים גערופן לואי. ער איז נאָך געווען אַ יונגער אינגל, אפשר צען יאָר אַלט...

די אַנדערע אינגלעך זיינען געווען זייער יונגע קינדער און האָבן זי געפאָלגט. די עלטערע מיידל איז געווען זייער גוט צו דער באָבען, דאָס הייסט, צו מיין מאַמען... מיין מאַמע האָט געקאָכט פאַר דער גאַנצער פאַמיליע, ווייל מיין שוועגערין איז אין הויז ניט געווען. זי האָט געהאַט אַ קראָם פון עמבראָי־דערי (אויסהעפטונג) און זי האָט אַליין געאַרבעט אויף אַ מאַשין...

איידער מיין מאַמע איז געקומען וואוינען מיט מיין שוועגערין איז געווען ביי איר אין הויז איין סאָרט כלים (קיילים). ווען מיין מאַמע איז געקומען וואוינען מיט איר האָט זי שוין געקויפט מילכיקע כלים און פליישיקע כלים.

אָבער די קינדער האָבן זיך ניט געהיט. מיין מאַמע האָט דאָס ניט געוואָלט ליידן און דערציילט דאָס מיין שוועגערין. האָט מיין שוועגערין, זייער אַ פיינער מענטש, איר געגעבן פינף טולער און מיין מאַמע איז געקומען אין פעטערסאָן...

דאָס איז געווען נאָכדעם, וואָס מיין ברודער נאַטע מיט זיין פאַמיליע איז שוין געווען אין קאַליפאָרניע, איז מיין מאַמע געשטאַנען ביי מיין שוועסטער שיינע גיטל. מיין שוועסטער און איר מאַן זיינען געווען זייער גוט צו איר. ער איז געווען אַ וועבער ביי זייד און זי האָט געפיקט די זייד. מיין מאַמע האָט אַכטונג געגעבן אויף מיין שוועסטערס פאַמיליע... ס'האָט זיך אָבער געמאַכט, אַז מיין שוואָגער האָט פאַרלוירן זיין דזשאַב און קיין גאָר געזונטער מאַן איז ער אויך ניט געווען, האָט ער געשריבן צו מיין ברודער נאַטען, אַז ער האָט פאַרלוירן זיין דזשאַב, קיין אַנדערן קאָן ער ניט געפינען... האָט אים מיין ברודער נאַטע געשריבן, אַז ער זאָל אַלץ פאַרקויפן און קומען קיין קאַליפאָר־ניע, אין לאָס אַנדזשעלעס... איז מיין שוועסטער מיט איר מאַן און מיט זייער אינגעלע (אַ גרויסער שטיפער געווען) געפאָרן קיין לאָס אַנדזשעלעס...

מיין מאַמע איז געבליבן אין פעטערסאָן און זי האָט געדונגען אַ צימער ביי פרעמדע מענטשן. ביי מיר האָט זי ניט געקענט זיין, ווייל מיין מאַן האָט ניט געהאַט קיין גוטן לעבן מיט איר. אַלע מאָל האָט ער געהאַט טענות (טאַנעס) צו מיין מאַמען... און איך האָב דאָך אויך געמוזט פאָרן קיין לאָס אַנדזשעלעס, האָב איך איבערגעלאָזט די צוויי מיידלעך אין פעטערסאָן מיט מיין מאַן און מיין מאַמע פלעגט פאַר זיי קאָכן און אַלעס געטאָן פאַר זיי... און אַז איך האָב געשיקט נאָך מיינע צוויי מיידעלעך איז שוין מיין מאַמע צוזאַמען מיט זיי געקומען אין לאָס אַנדזשעלעס...

.74

ווען די קינדער פון פעטערסאָן זיינען צו מיר געקומען, האָב איך געוואוינט מיט מיין גאָסילען אין אַ צימער. זי איז דאַן אַלט געווען פינף יאָר. און אין דעם צימער זיינען צוגעקומען מיין מאַמע מיט די צוויי מיידלעך. מיר זיינען געשלאָפן אויפן דיל, ביז מיר האָבן געקריגן אַ דירה (דירע). די דירה איז געווען פון פיר צימערן... וואָס פאַראַ שטוב דאָס איז געווען! ניט געפאַרבט, ניט קיין הייסע וואַסער אויף אַ וואַנע. מען האָט געדאַרפט וואַרעמען דאָס וואַסער און אַריינגיסן און נאָכדעם אויסשעפן און אויסגיסן אין טאַילעט... איך פלעג פאַרמאַטערט ווערן איידער איך האָב געמאַכט אַ באָד פאַר די קינדער...

די דירה (דירע) איז געווען ביי אַ גויה (גאָיע), און זי האָט גאָרניט געוואָלט טאָן פאַר אונז. מען האָט זי געבעטן, אַז זי זאָל אויספּאַרבן, האָט זי געזאָגט, אַז „דו ווילסט ניט קענסטו זיך אַרויסקלייבן." מיר האָבן ניט גע־קענט קריגן קיין אַנדער דירה פאַר דעם געלט וואָס מיר האָבן געצאָלט. צוועלף דאָלער אַ חודש האָבן מיר געצאָלט. ס'איז טאַקע געווען זייער ביליק, אָבער איך האָב פאַר דער טרויעריקער דירה אויך ניט געקענט צאָלן...

אין הויף האָט מען ניט געקענט אַריינגיין. עס איז געווען פאַרשמוציקט און פאַרוואָקסן. מען האָט מורא (מוירע) געהאַט, אַז קיין מייז זאָלן ניט זיין אין הויז... דער דיל צעלעכערט און שוואַרץ. קיין אויוון איז אויך ניט געווען. מען האָט געקויפט אַן אייוועלע און דאָס געשטעלט אויף צוויי קעסטלעך. מען האָט מורא געהאַט, אַז עס זאָל זיך ניט איבערקערן מיט די טעפּלעך... דאָס אייוועלע האָט געקאָסט אַ טולער. קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ מציאה (מעציע) איז דאָס געווען... און אויף דעם אייוועלע האָב איך געדאַרפט וואַרעמען וואַסער צו באָדן די קינדער...

קיין מעבל האָב איך ניט געהאַט. אין אַ זונטאג איז געקומען מיין שוועס־טער און האָט מיר געגעבן אין אַ פאַטשיילקע אַ גאָלדענעם פינף דאָלער שטיק. מיין ברודער האָט פאַר מיר געקויפט מעבל פאַר פערצן דאָלער: אַן אַלטע בעט, און אַ בעטל וואָס האָט זיך צענומען, און אַ טישל מיט שופלאָדן, און אַ פאָר אַלטע שטולן, ווייס־געפּאַרבטע, און מען האָט זיך מורא (מוירע) געהאַט אויף זיי צו זעצן... מער ווי צוויי שטולן האָט מען ניט געהאַט, און אַז מענטשן זיינען געקומען, זיינען געווען אַ פאָר קעסטלעך, און אויף די קעסטלעך איז מען געזעסן... און מיט זיבן דאָלער אַ וואָך, וואָס איך האָב פאַרדינט, האָב איך געדאַרפט לעבן מיט די קינדער און מיט מיין מאַמען עליה השלום...

מיין ברודער עליו השלום (אָלאָוו האַשאָלעם) האָט צעפירט איבער די הייזער פוטער, קעז, מילך און אייער און אַנדערע שפּייזן, האָט שוין מיין ברודער נאָטע מיך ניט פאַרלאָזן... צוויי מאָל אַ וואָך פלעגט ער דורכפאָרן די גאַס, וואו איך האָב געוואוינט און האָט מיר געבראַכט פוטער און קעז און מילך און אייער, און אַנדערע שפּייזן. אַזוי פאַר אַ לאַנגער צייט...

.75

מיין מאַן איז געקומען קיין לאָס אַנדזשעלעס מיט אַ יאָר שפּעטער און האָט זיך ניט געהאַט צו וואָס צו נעמען. ער האָט ניט געקענט קריגן זיין אַרבעט. ער האָט דאָך געאַרבעט ביי קינדער־הייזקעס... דאָ איז ניט געווען אַזאַ אַרבעט... ער האָט געקריגן אַביסל אַרבעט ביי אייזן, אָבער ער האָט זייער ווייניק פאַרדינט...

איך געדענק, איין טאָג, מיטאָג צייט, בין איך געזעסן אין שאָפּ און געגעסן. קומט אַרויף אַן אפּערייטאָר און זאָגט מיר, אַז מיין מאַן וואַרט אויף מיר. בין איך גיך אַראָפּגעלאָפּן אין גאַס. האָט ער מיר געזאָגט, ער ווייסט אַז עס וועט מיך ניט פרייען וואָס ער וועט מיר זאָגן. ער גייט פאָרן צוריק אין פעטערסאָן, אָדער אין ניו־יאָרק. וואָס איז דער תכלית (טאַכלעס) דאָ זיך צו מאַטערן, ער ער קען ניט פאַרדינען. האָב איך זייער געוויינט. האָט ער צו מיר געזאָגט: „איך ווייס אַז דיר איז זייער שלעכט, אָבער, וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך קען דאָ קיין לעבן ניט מאַכן. אַז איך וועל פאַרדינען, וועל איך דיר שיקן אַ פּאָר טולער...“ און גלויבן האָב איך אים ניט געקענט, אַז ער וועט מיר שיקן געלט... איך האָב אַזוי געוויינט, אַז ער האָט צו מיר געזאָגט: „וויין ניט און קלאָג ניט, איך וועל נאָך עפּעס גיין פּרואוון. איך האָב דאָ לאַנדסלייט, אפשר וועלן זיי עפּעס טאָן פאַר מיר.“

און ער איז אַוועק צו זיינעם אַ פריינט, מען האָט אים גערופן גאָלדשטיין. ער האָט געפּעדלט מיט דזשאַנק (אַלטן אייזן, ברוכוואַרג). ער האָט געהאַט אַזאַ שיינעם פערד און אַזאַ שיינעם וואָגן. עס איז געווען געפּאַרבט גרין און ווייס. עס איז געווען זייער אַ שיינער געשפּאַן... וואו מיר האָבן געוואוינט איז געווען אַ גרויסער הויף און אַ שטאַל, וואו מען האָט געקענט האַלטן דעם פערד... איך קען ניט פאַרגעסן ווי שיין דאָס פערד איז געווען, אַ רויטע און אַ שיינע פעל... ער האָט געבראַכט דעם וואָגן מיטן פערד מיר צו ווייזן אויב מיר געפעלט. מיר איז טאַקע געפעלן געוואָרן...

מיין מאַן האָט ניט געהאַט קיין געלט צו קויפן דעם פערד און וואָגן. נו, וואָס טוט מען איצטער? איז ער געגאַנגען זוכן געלט. מיין ברודער בייטען האָט אים געליען 75 דאָלער. ער איז געגאַנגען צו מיין שוועסטערס מאַן, ער זאָל פאַר אים גאַראַנטירן אין גמילות חסדים (געמילעס כאַסאָדים) אויף 50 דאָלער. אָבער מיין שוואָגער האָט אָפּגעזאָגט... איז מיין מאַן אַוועק צו מיין ברודערס אַ שכן (שאָכן), מען האָט אים גערופן פיינבערג, ער זאָל פאַר אים אונטערשרייבן אַ גאַראַנטי פאַר 25 דאָלער. ער האָט אונטערגעשריבן די גאַראַנטי דער פיינבערג. ער איז געווען אַ שניידער פון פרויען־קליידער.

איז שוין דאַנקען גאָט. ער האָט געפּעדלט מיט אַלטע אייזן און ביס. עס וואָלט שוין געווען ניט אַזוי שלעכט. ער האָט געגעבן פינף דאָלער אַ וואָך אין הויז, אָבער ער האָט געוואוינט אין אַנאַהיים, אַ פּופּצן מייל פון לאָס אַנ־דזשעלעס. דאָרטן האָט אים גאָלדשטיין פאַרקויפט דעם ראַוט (פּעדלען־טעריטאָריע) און ער האָט דאָרטן געוואוינט. שבת (שאַבעס) בייטאָג פלעגט ער קומען אַהיים אין לאָס אַנדזשעלעס מיט זיין סחורה (סכוירע)...

מען האָט ניט געקענט אויסקומען מיט די פינף דאָלער אַ וואָך, האָט מען

זיך געקריגט און ער איז אין כעס (קאַס) געוואָרן און איז ניט געקומען אַהיים... אויך האָט אים מיין ברודער געשריבן אַ בריוו, אַז ער דאַרף די פינף און זיבע־ציק דאָלער. איז מיין מאַן געוואָרן אין כעס (קאַס) און האָט אויסגעלאָזט דעם צאָרן אויף מיר מיט די קינדער... ער איז נאָך אַוועק צו אַ לאָיער, לייענס האָט מען אים גערופן, זייער אַ קלוגער לאָיער... ער האָט אויסגעהערט מיין מאַנס טענות (טאַינעס)... דער לאָיער האָט אים געזאָגט ער זאָל קומען זונטאג אַ זייגער דריי און איך מיט די קינדער זאָלן אויך קומען. לייענס האָט מיר געשיקט אַ לאָיער־בריוו, איך זאָל קומען מיט די קינדער...

איך מיט די קינדער האָבן זיך אַזוי געשראָקן, אַז מיר האָבן ניט געוואָלט גיין. מיין ברודער האָט געזאָגט, אַז מיר זאָלן יאָ גיין... דער לאָיער האָט געוואוינט אין אַ געסל לעבן טעמפל, אין זייער אַ שיינער הויז... מיין מאַן האָט אונז אָפּגעוואַרט לעבן דער קאַר און איז צוגעלאָפן צו גאָסילען. ער האָט זי זייער ליב געהאַט. זי איז דאַן אַלט געווען זעקס יאָר. זי האָט צו אים געזאָגט: „מער קיין שכל (סייכל) האָסטו ניט און דו שעמסט זיך ניט אונז רופן צו אַ לאָיער?"

מיר זיינען אַריין אין הויז צום לאָיער. ער האָט פאָרגעלייגט זיינע טענות (טיינעס), מיר האָבן פאָרגעלייגט אונזערע טענות. דער לאָיער האָט געפסקנט (געפּאַסקנט), אַז ער זאָל אונז אָפּגעבן פאַר די צוויי וואָכן, דאָס הייסט, צען דאָלער, און קומען אַהיים אויף שבת און ברענגען אַן עוף (אַ הון) און אויך געבן פאַר דער הויז זעקס דאָלער אַ וואָך.

ער האָט געבראַכט צוויי הינער, און געגעבן זעקס דאָלער אַ וואָך פאַר אַ לאַנגער צייט... מיר האָבן נאָך אַלץ געוואוינט אויף פעירמאַנט גאַס... מיר האָבן שוין געהאַט אַביסל בעסער מעבל. מיין מאַן האָט אָפּגעקויפט ביי אַ לאַנדסמאַן, וואָס איז געפאָרן צוריק קיין ניו־יאָרק, מחמת (מאַכמעס) ער האָט ניט געקענט מאַכן קיין לעבן אין לאָס אַנדזשעלעס, זעקס שטולן און צוויי דרעסערס (שאַפעס). אויך האָט ער ערגעץ אָפּגעקויפט אַ טיש פאַר אַ דאָלער. איך האָב דעם טיש אָפּגעלאַקירט. איצט איז דער טיש אין דער מאָדע; שטולן אויך. זיי זיינען נאָך זייער שיין. דאָס וואָס איך שרייב איז געווען אין 1913. דאָס גאַנצע מעבל איז נאָך היינט אויך גוט... דאָס אַלץ איז געווען, ווען איך מיט מיין מאַן און מיט מיינע קינדער האָבן געוואוינט אויף פעירמאַנט גאַס...

.76

איצטער גיי איך אַביסעלע צוריק:

איידער מיינע צוויי מיידעלעך זיינען געקומען קיין לאָס אַנדזשעלעס, האָט

מיין ליבעלע מיר געשריבן, אַז זי וויל ניט קומען קיין לאָס אַנדזשעלעס, ווייל אין פעטערסאָן איז זי אַריין אין האַי־סקול (מיטל־שול) און נאָך שול אַרבעט זי אין אַ דעפּאַרטמענט סטאָר (קראָם) און פאַרדינט דריי דאָלער אַ וואָך... ס'איז געווען אַ גרויסע דעפּאַרטמענט קראָם אויף נאָרט מעין גאַס. דעם אייגנ־טימער, אַ איד, האָט מען גערופן שפּיץ, און ביי שפּיצן האָט זי געקריגן אַרבעט נאָך שולע און אום שבת (שאַבעס)... זי וועט קענען גיין אין האַי־סקול און שפּעטער אין קאַלעדזש... מושע האָט אויך געאַרבעט אַ פּאָר טעג אַ וואָך ביי שפּיצן...

איך האָב דאָ געהאַט אַ באַקאַנטע פאַמיליע פון ביאַליסטאָק, זייער אַ רייכע. זיי האָבן געהאַט אַ גרויסע דעפּאַרטמענט־קראָם, פרויען־זאַכן, די טייערסטע מאַנטלען און קליידער. זיי האָבן געמאַכט אַליין היטעלעך, די שענ־סטע און די בעסטע אין לאָס אַנדזשעלעס... פאַרוואָס שרייב איך דאָס? ווייל ס'האָט צו טאָן מיט געפינען אַרבעט פאַר מיין ליבעלען... מען האָט זיי גערופן די ציטרינס. זי קאָן נאָך מיינע ברידער. איך האָב איר אַמאָל געזען אין ביאַלי־סטאָק... איך האָב געאַרבעט מיט איר טאַטן און מאַמען אין איין פאַבריק ביי פּרייזמאַנען. איך פאָטער איז געווען אַ וועבער און איר מוטער איז געווען אַ שנעלערקע. איך מיט איר מוטער זיינען געווען גוטע פריינט. איך פלעג מיט איר פאַרברענגען פאַרנאַכט, ווען אַלע אַרבעטער האָבן געגעסן וועטשערע. מיר זיינען אַלעמאָל געזעסן ביים אויוון און זיך געוואַרעמט. ווען איר מיידל פלעגט איר ברענגען וועטשערע, האָב איך זי געזען. ווען זי איז אַלט געוואָרן פערצן יאָר איז זי אַוועקגעפאָרן צו אַן אָנקל אין אַמעריקע. דער אָנקל איז געווען איר מוטערס אַ ברודער. איר טאַטן האָט מען גערופן זלמן (זאַלמען), אַ הויכער און אַ שיינער. די מאַמע איז געווען אַ בלאָנדע, אַ שיינע. די טאָכטער איז אויך געווען אַ בלאָנדע מיט געקרייזלטע האָר. איר מאַמען האָט מען גערופן חיה לאה (כאַיע לייע), זייער פאַמיליע נאָמען איז געווען זילבערט. חיה לאה'ס טאָכטער איז דאָס די מיסעס ציטרין... פרעג איך מיין ברודער, וואו וואוינט די מיסעס ציטרין? זאָגט ער מיר, איך זאָל ניט גיין און זיך מאַכן נאַריש... עס פלעגט אַריינגיין צו מיין ברודער מיסטער ציטרינס אַ ברודער, האָב איך אים געזאָגט, אַז איך וואָלט געוואָלט זען דער מיסעס ציטרין און בעטן איר, אפשר וועט זי קענען אַריינגעמען מיין ליבעלען אין קראָם. האָט ער געזאָגט, אַז צו דער מיסעס ציטרין קען קיינער ניט צוקומען...

אָבער עס האָט מיר ניט אָפּגעלאָזן דער געדאַנק. בין איך אַוועק צו אירער אַ שוועגערין און אויסגעפונען וואו זי וואוינט און ווען מען קאָן קומען צו איר אין שטוב... זי האָט געוואוינט אין האָלענבעק פּאַרק ניט ווייט פון מיין ברודער אין באָיל האַיטס. זי האָט דאַכט זיך געהאַט אַ הויף מיט הייזקעלעך... אַרום

צען אַזייגער אינדערפֿרי בין איך צוגעקומען צום הויז, אָנגעקלאַפּט אין טיר און מיסעס ציטרין האָט אַרויסגעקוקט דורך אַ קליין פֿענצטערל. זי האָט מיך געפֿרעגט, ווער איך בין, האָב איך איר געזאָגט, אַז איך בין נייטען גראונדענס אַ שוועסטער און איך וויל אַ טובה (טויווע) פֿון איר...

זי האָט מיך גלייך אַריינגערופֿן אין שטוב, און איך האָב איר דערציילט, אַז איך קען אירע עלטערן און איך האָב מיט זיי געאַרבעט ביי פּרייזמאַנען און אָנגערופֿן זיי ביי זייערע נעמען, און איר דערציילט, וואָס מיין ליבעלע האָט מיר געשריבן, אַז זי וועט ניט קומען קיין לאָס אַנדזשעלעס, אויב זי וועט ניט האָבן וואו צו אַרבעטן... די מיסעס ציטרין האָט מיר געזאָגט, איך זאָל מיין ליבעלען שרייבן באַלד אַ בריוו, אַז זי זאָל קומען קיין לאָס אַנדזשעלעס און זי וועט איר געבן אַרבעט ביי איר אין קראָם. אַזוי איז טאַקע געווען...

ווען מיין ליבעלע איז געקומען קיין לאָס אַנדזשלעס, בין איך אַוועק מיט איר צו דער מיסעס ציטרין, און מיין טעכטערל איז איר זייער געפֿעלן געוואָרן און זי האָט איר געהייסן קומען צו דער אַרבעט. זי האָט איר אַריינגענומען וואו מען האָט געמאַכט פּרויען־היטעלעך... מיין ליבעלע האָט אויך געלערנט דער מיסעס ציטרינס צווי מיידלעך. איינע איז געווען אַ קריפּל... נאָך שולע האָט מיין ליבעלע געאַרבעט ביי דער מיסס ציטרין, און שבת (שאַבעס) אַ גאַנצן טאָג. זי האָט איר געצאָלט פֿיר דאָלער אַ וואָך... זי האָט ביי איר געאַרבעט אַ לאַנגע צייט ביז זי האָט פּאַרענדיקט האַי־סקול און זי איז אַוועקגעפֿאָרן קיין בוירקלי, קאַליפֿאַרניע, זיך לערנען אין קאַלעדזש...

.77

איך האָב דאָך געשריבן אין וואָס פֿאַר אַ שטוב מיר האָבן געוואוינט אין פּעירמאָנט גאַס... מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז אין קאַרנוואל גאַס איז דאָ אַ הויז צו דינגען, אַ סך בעסער ווי די הויז וואו מיר האָבן געוואוינט. איז מיין מיני אַוועק און געגעבן אַ דעפּאָזיט (אַן אַדערויף). אָבער נאָך עמיצער פֿון אונזערע באַקאַנטע האָט אויך געגעבן אַ דעפּאַזיט... דער לענדלאָרד (הויז־אייגנטימער) האָט ניט געוואוסט וועמען ער זאָל פֿאַרדינגען דאָס הויז. איז מיין מיני אַוועק צו אים און האָט אים באַוויזן, אַז מיר זיינען געווען די ערשטע וואָס האָבן געגעבן אים אַ דעפּאָזיט... מיר האָבן געגעבן גלייך צום לענדלאָרד דעם דעפּאָזיט, און יענער האָט געגעבן צום לענדלאָרדס אַ שוואָגער...

האָט הייסט עס מיין טאָכטער געקריגן די שטוב און עס איז אויף אונז געווען אַ גרויסע שמחה (סימכע)... אין דער הויז אויף פּעירמאָנט גאַס, וואו

מיר האָבן געוואוינט, איז געווען ווייט פון ברוקלין עוועניו... און אויף ברוקלין עוועניו האָט מען געקענט קויפן אין די קראָמען ברויט און פלייש און מילך, און וואָס איר ווילט... קאַרנוואל גאַס איז דאָך ניט ווייט פון ברוקלין עוועניו...

ווען מיר האָבן געקריגן די נייע שטוב, ווער איז שוין געווען גלייך צו אונז! עס איז געווען נאָך אַ פייער, האָט דער באַלעבאָס איבערגעבויט די הויז און אויסגעפאַרבט. עס איז טאַקע געווען אַ שיינע הויז, אַ מחיה (מעכאַיע) צו וואוינען. עס איז געווען כמעט (קימאַט) אַ נייע שטוב. די קינדער האָבן אָפּגעלעבט... עס איז שוין דאָרטן געווען אַ באָד, וואָס מען האָט ניט געדאַרפט אָנוואַרעמען אויפן אויוון וואַרעמע וואַסער און גיסן אין באָד, און נאָכדעם אַרויסגיסן....

די הויז אויף קאַרנוואל איז נאָך ניט געווען מאָדערנע, אָבער פון יענער דירה (דירע) ביז דער, איז דאָס געווען ווי פון גיהינום (געהענעם) אַריין אין גן־עדן (גאַניידן)... די הויז איז געווען אַ פיר הייזער פון ברוקלין עוועניו, האָבן מיר שוין געקענט קריגן אין די קראָמען וואָס מיר האָבן געדאַרפט אין הויז צום עסן... ס'איז אויך געווען גוט צו פאָרן צו דער אַרבעט. אין פעירמאָנט גאַס האָבן מיר געדאַרפט גיין צו דער רויטער קאַר באַרג אַראָפּ, און ווען מען איז געגאַנגען צוריק פון דער אַרבעט האָט מען געדאַרפט גיין באַרג אַרויף. איז געווען זייער שווער, קוים וואָס מען איז אַרויפגעקראָכן אויפ'ן באַרג... נאָך אַ זאַך, אַז מען האָט געדאַרפט גיין צו דער קאַר, האָט מען געדאַרפט גיין אונטערן בריק, מען האָט זיך אַלעמאָל געשראָקן, ווייל אונטערן בריק פלעגן זיך געפינען שיכורים (שיקורים). און אַז מען איז געגאַנגען פון דער אַרבעט איז שוין באַפאַלן אַ גרויסע שרעק... און אין דער הויז אויף קאַרנוואל גאַס, לעם ברוקלין עוועניו, ווי מען איז נאָר אַרויס פון שטוב איז שוין געווען די קאַר.

אַז מיר האָבן געוואוינט אויף פעירמאָנט גאַס זיינען מיין מושע און ליבע געווען גרויסע מיידלעך און זיי פלעגט אויסקומען צו גיין פון קאָמפּאַני שפּעט ביינאַכט, האָט מען זיך אַזוי געשראָקן, אַז מען פלעגט גיין דורך סאָטאָ גאַס. אַ סך מאָל האָט מען זיי נאָכגעיאָגט... אין יענער צייט איז נאָך סאָטאָ גאַס ניט געווען פאַרבויעט...

איך האָב דאָך געאַרבעט אין 448 ספרינג סטריט, איז מיר שוין געווען גרינגער. ווי נאָר איך בין אַראָפּ פון קאַר האָב איך שוין געקענט איינקויפן... ווען איך בין געקומען פון אַ טאָג שווערער אַרבעט האָב איך נאָך געמוזט קאָכן וועטשערע פאַר די קינדער. דערפאַר קען איך ניט פאַרגעסן פון דעם שווערן לעבן, וואָס איך האָב דאָן איבערגעלעבט...

אין דער נייער שטוב איז די באָד געווען אַזוי קליין ווי אַ קלאָזעט (שראַנק). אָבער עס איז שוין געווען אַ באָילער (אַ הייצער). אַז מען האָט געדאַרפט מאַכן

אַ באָד, האָט מען געמוזט נוצן אַ שוועבעלע, האָט מען שוין געהאַט וואַרעמע וואַסער... עס איז דאָרט מער קיין פּייער ניט געווען ווי פון באַילער. אַז מען איז געזעסן אין וואַנע איז מען פאַרקילט געוואָרן ווינטער־צייט...

עס איז געווען זייער ביליק דאָס דירה־געלט (רענט)... מיין מאַן האָט ניט געוואוינט אין דער היים. ער האָט געוואוינט אין שטעטעלע אַנאַהיים. ער האָט דאָרטן געהאַט זיינע פּלעצער, וואו ער האָט פאַרקויפט זיין סחורה (סכוירע) ביי די פאַרמערס. אָבער שבת פלעגט ער קומען אַהיים. מאָנטאג פלעגט ער צוריק פאָרן...

.78

דער לענדלאָרד (הויז־אייגנטימער) האָט געוואוינט אין אינגלוואוד. איינמאָל אַ מאָנטאג, ווען מיין מאַן איז ניט געפאָרן צוריק קיין אַנאַהיים און געשטאַנען אין הויף און סאָרטירט זיין סחורה (סכוירע), איז דער לענדלאָרד געקומען נאָך דירה־געלט... ער האָט געזאָגט צו מיין מאַן: „דו ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן? ביז היינט האָסטו געצאָלט 15 טאָלער אַ חודש (כוידעש), איצטער וועט דיר קאָסטן 16 טאָלער אַ חודש... דעם דריטן חודש ווייס איך שוין ניט וויפיל עס וועט דיר קאָסטן, ווייל מאָרגן גיי איך פאַרקויפן די שטוב.“ פרעגט מיין מאַן: „ביסט נאָך ניט געגאַנגען אין עסקראָו“? זאָגט ער, אַז ער איז נאָך ניט געגאַנגען, אָבער מאָרגן אינדערפרי גייט ער איז עסקראָו. פרעגט אים מיין מאַן: „וויפיל ווילסטו פאַר דער הויז?“ זאָגט ער, 2800 דאָלער. פרעגט אים מיין מאַן: „וויפיל דאַרף מען איינצאָלן“? זאָגט ער, 800 דאָלער, און די איבעריקע 2000 דאַרף מען אויסצאָלן צו 75 טאָלער יעדע דריי חדשים (כאַדאָשים). זאָגט צו אים מיין מאַן: „איך וואוין שוין ביי דיר באַלד זעקס יאָר. בין איך מער באַרעכטיקט ווי יענער קונה (קוינע), דאַרפסט מיר די שטוב פאַרקויפן“...

מיין מאַן האָט אים שוין ניט אָפּגעלאָזט און אַרויסגענומען פון באַנק הונדערט טאָלער און אים געגעבן אַן אַדערויף (דעפּאָזיט)... אויף מאָרגן אינ־דערפרי איז ער געגאַנגען מיטן באַלעבאָס אין עסקראָ און ער האָט אים געגעבן נאָך אַכט הונדערט טאָלער און געצאָלט 75 טאָלער אַלע דריי חדשים. די שטוב איז געווען פון צוויי וואוינונגען, אויבן און אונטן... מיין מאַן האָט פאַרדונגען דעם אָפּסטערז (פון אויבן) פאַר 20 טאָלער אַ חודש (כוידעש), דער טענאַנט (שכן, שאָכן) האָט שוין דאָרטן געוואוינט פריער...

איך האָב זיך דערוואוסט, ווען איך בין געגאַנגען פון דער אַרבעט, לויפט מיר מיין גאָסילע אַנטקעגן און זאָגט מיר, אַז דער טאַטע האָט געקויפט די

שטוב... איך האָב זיך זייער געפרייט... איך האָב אויך געמוזט אונטערשרייבן מיין נאָמען אין עסקראָ, אַזוי האָט דער באַלעבאָס געוואָלט...

די קינדער האָבן געדונגען אַ פֿאָרבער און איבערגעפאַרבט די שטוב וועלכן קאָליר זיי האָבן געוואָלט. דאָס האָבן געטאָן די עלטערע צוויי מיידלעך: מושע און ליבע. דאָס קליינע מיידעלע מיינס איז אַלט געווען צען יאָר און זי האָט נאָך גאָרניט געהאַט וואָס צו זאָגן...

די קיך איז געווען אַ קליינע. עס איז געווען אַ פּענטרי (שפּייז־קאַמער) און דאָרטן איז געווען אַ קליינער פענצטער. אין קיך איז געווען אַ גרויסער פענצטער. האָבן מיר זיך באַרעכנט, אַז מיר זאָלן בעטן מיין מאַן, ער זאָל אונז לאָזן אַרויסנעמען די פּענטרי פון דער קיך און מיר וועלן האָבן אַ גרויסע און שיינע קיך... די פּענטרי האָט געמאַכט קליין די קיך און פינצטער מיט איין פענצטער. די פּענטרי איז געווען גרעסער פון דער קיך. מיר האָבן געטראַכט, אַז מיר וועלן פטור (פּאַטער) ווערן פון דער פּענטרי, וועלן מיר מאַכן פון קליינעם פענצטער אַ גרויסן, וועט די קיך האָבן צוויי גרויסע פענצטער און מיר וועלן האָבן זייער אַ שיינע און ליכטיקע קיך...

איך מיט די קינדער האָבן זיך גענומען צו מיין מאַן ער זאָל אונז לאָזן מאַכן אַ שיינע און באַקוועמע קיך... עס איז געווען זייער אַ שווערע זאַך ביי אים צו פועלן (פּויעלן)... מיר האָבן אָבער אַזוי לאַנג געטענהט (געטיינעט) ביז ער איז אַוועק צו זיינעם אַ באַקאַנטן. זיין באַקאַנטער האָט געהאַט אַ סך הייזער, און אים דערציילט וואָס מיר ווילן. האָט דער באַקאַנטער געזאָגט: „אַז איר האָט שוין אַן אייגן הויז, טאָ פאַרוואָס זאָל אייער ווייב מיט די קינדער ניט האָבן וואָס זיי ווילן?" יענער מאַן האָט געהאַט אויף אים אַן איינפלוס, און ער האָט געהייסן דעם מאַן שיקן אַ סטאָליער, און מיר האָבן טאַקע אויסגעפירט. מיר האָבן געהאַט אַ שיינע קיך און מיין מאַן אפילו איז געווען צופרידן...

יעדע זאַך, וואָס מיר האָבן געדאַרפט איבערמאַכן, איז אונז אָנגעקומען מיט שוועריקייטן, אָבער מיר האָבן אַזוי לאַנג געדאַרפט מיט אים איינ'טענהן (איינטיינען) ביז עד איז מיד געוואָרן און ער האָט שוין געלאָזן... נו, אַז מען האָט שוין אויסגעפירט מיט דער קיך און אויסגעפאַרבט די שטוב, האָט מען שוין אָנגעהויבן דענקען פון האָבן אַביסל מעבל אין הויז... וואָס קאָן מען ווייטער טאָן מיט אים ? ווי אַזוי קאָן מען אָנהייבן ריידן מיט אים ? אָבער די קינדער האָבן זיך מישב (מעיאַשעוו) געווען, ער איז דאָך אַלעמאָל אין אַנאַהיים, וועלן זיי קויפן דאָס מעבל און ברענגען אַהיים...

עס איז געווען אונזערער אַ לאַנדסמאַן, מיסטער מילער, זיינען מיר אַוועק צו אים און געקויפט ביי אים אַ קאָוטש (קושעטקע) מיט צוויי גרויסע שטולן. עס איז דאַן געווען די מאָדע, לעדערן מעבל. געקויפט האָט דאָס

מיין טאָכטער מושע. זי האָט דאָס געגומען אויף אויסצוצאָלן... פּאַסירט, אַז גראַדע דעם טאָג, וואָס מיסטער מילער האָט געהאַלטן אין אַריינטראָגן דאָס מעבל, איז מיין מאַן אָנגעקומען און האָט גענומען שרייען אויף מיסטער מילערן ער זאָל צונעמען די פּאָר שטיקלעך מעבל, אַז ניט וועט ער אים אָנברעכן די ביינער... אָבער איך מיט די קינדער האָבן זיך געשטעלט קעגן און ניט דערלאָזן ס'זאָל קומען צו אַ געשלעג... עס איז געווען אַ גרויסע חרפּה (כאַרפּע). ער האָט געמאַכט אַזאַ געשריי, אַז מען איז זיך צונויפגעלאָפן פון גאַנצן בלאָק...

.79

האָבן מיר שוין געהאַט אַביסל לייטיש מעבל אין הויז און מיינע מיידלעך פלעגן שוין אַריינברענגען קאָמפּאַני אין הויז... מיינע טעכטערלעך האָבן זיך באַקאָנט מיט מיידלעך, בחורים (באָכרים) און זיי פלעגן מאַכן שמחות (סימכעס, פּאַרטיס)... דער לעדערנער קאָוטש (קושעטקע, סאָפע) איז אונז אויך צונוץ געקומען ביינאַכט פּאַר אַ בעט. מען האָט דאָס געקענט עפענען. בייטאָג איז דאָס געווען אַ שיין שטיקל מעבל... מיר האָבן אָפּגעלעבט. אָבער מיין מאַן איז ניט געווען צופרידן. עס האָט אים קיין זאַך ניט געפעלט. אַלע מאָל אין כעס (קאַס) און ניט גערעדט מיט מיר און אויך ניט מיט די קינדער... אַז ער איז אַמאָל געווען אין אַ גוטער שטימונג און האָט שוין אויסגערעדט אַ פּאָר ווערטער איז ביי אונז געווען פריילעך... קיינמאָל האָבן מיר ניט געוואוסט צי ער מאַכט גוטע געשעפטן אָדער שלעכטע געשעפטן. ער פלעגט דערציילן זיינע פריינט, אָבער ניט מיר און די קינדער... אַזוי איז כמעט אַוועק דאָס גאַנצע לעבן... אַלעמאָל צעקריגט... און אַז ער איז ניט געווען אין שטוב, האָט ער געגעבן זייער וויניק צום לעבן, בלויז זעקס דאָלער אַ וואָך. און אַז איך האָב זיך גענויטיקט אין געלט און פּראָטעסטירט, האָט ער שוין געגעבן זיבן דאָלער אַ וואָך... איך וואָלט מיט די זיבן דאָלער אַ וואָך ניט געקענט אויסקומען, אָבער איך האָב געאַרבעט ביי קלאָוקס (מאַנטלען) און פאַרדינט 23 דאָלער אַ וואָך. אָבער דאָס איז געווען, ווען ס'איז געווען גענוג אַרבעט, אָבער ס'זיינען אַוועק עטלעכע חדשים, וואָס ס'איז ניט געווען גענוג קיין אַרבעט, איז דורכ'ן יאָר אויסגעקומען אויף אַ וואָך נאָר עלף דאָלער...

עס האָט אויסגעבראָכן אַ גרויסער סטרייק און פון ניו־יאָרק איז געקומען שלעזינגער און האָט געמאַכט אַזוי, אַז די פעלער־הענט זאָלן קריגן געצאָלטס, ווי אין ניו־יאָרק. איז דאָך שוין געווען מערער... אין אַ צוויי יאָר שפּעטער איז ווידער אויסגעבראָכן אַ סטרייק און די פעלער־הענט האָבן שוין געקראָגן 21 דאָלער אַ וואָך. דאָס איז געווען דער מינימום פּרייז. איך האָב אָבער

געקריגן 23 דאָלער אַ וואָך. איך האָב געאַרבעט די בעסטע אַרבעט. איך האָב אָפּגעטאָן פאַרשיידענע אַרבעט פאַר די אָפּערייטאָרס און דערפאַר האָב איך דאָס געקריגן מיט צוויי דאָלער אַ וואָך מערער ווי די אַנדערע... איך האָב אָבער זייער שווער געאַרבעט. אינדערפרי האָב איך געמוזט מאַכן פאַר די קינדער איבערבייסן און צוגרייטן פאַר וועטשערע, אַז ווען איך וועל קומען פאַרנאַכט פון דער אַרבעט, זאָל איך שוין האָבן אָנגעגרייט צו קאָכן, אַז עס זאָל ניט נעמען קיין סך צייט, ווייל די קינדער זיינען דאָך געווען הונגעריק. איך האָב זיך געיאָגט, אַז זיי זאָלן ניט איבערחלשן די הערצער און חס ושלום (כאַס־וועשאָלעם) ניט ווערן קראַנק...

אַזוי זיינען אַוועק אַ סך יאָרן אין צער (צאַאַר), וואָס עס איז ניט געווען קיין שלום בית (שאָלעם־בייעס)... פריער פלעגט ער קומען אויף שבת, נאָכן קריג איז ער שוין אַזוי אָפט ניט געקומען אפילו אויף שבת... און אַז ער איז יאָ געקומען פלעגט ער זיך אַרומוואַשן און לויפן עסן אין אַ גאַרקיך (רעס־טאָראַן)... ביי אונז איז דאָס געווען די גרעסטע שטראָף... איך האָב געזען ווי אַלע פאַמיליעס לעבן זיך בשלום (בעשאָלעם), נאָר ביי מיר איז אַזאַ אומגליק...

איך בין דאָך ניט געווען קיין נאַר און קיין שלימזלניצע (שלימאַזלניצע), און קיין שלום (שאָלעם) מיט מיין מאַן האָב איך ניט געקענט אָנהאַלטן... די קינדער זיינען שוין געווען דערוואַקסענע מיידלעך און אויך געווען אָנגעשטויסן אויף אים. דאָס האָט נאָך געטריבן צו מער שנאה (סינע). ער האָט אַרויפ־געלייגט די גאַנצע שולד אויף מיר, אַז איך מאַך די קינדער זיי זאָלן אים ניט ליב האָבן... איך האָב אָבער געוואָלט, אַז די קינדער זאָלן זיין גוט מיט אים, וועט ער זיין מער צוגעבונדן צום הויז. אָבער עס האָט ניט געהאָלפן... זיי האָבן געזען די קינדער, ווי איך אַרבעט אַזוי שווער אַ גאַנצע וואָך און זונטאג צעוואַש איך די וועש און פּרעס אויס, די קינדער זאָלן האָבן ריינע קליידער אויף אַ גאַנצער וואָך... זיי זיינען געגאַנגען ריינער ווי ביי די מאַמעס וואָס האָבן ניט געאַרבעט אין פאַבריק . . .

איך האָב מקנא (מעקאַנע) געווען מיינע שכנים (שכיינים) וואָס זונטאג איז ביי זיי געווען דער בעסטער טאָג. זיי פלעגן זיך אויספּוצן און אויספאָרן מיט זייערע מענער און קינדער. איך האָב אַוועקגעשיקט מיינע קינדערלעך זיי זאָלן גיין אַליין, און מיין מאַן האָט זיך אויסגעפּוצט און איז אַוועק אַליין... עס פלעגט מיר צעשפּרונגען ווערן מיין האַרץ פון ווייטאַג און פון כעס (קאַס).

.80

מיין ליבעלע איז שוין אַלט געווען 18 יאָר. זי האָט געענדיקט האַי־סקול און האָט זיך געגרייט צו פאָרן קיין בוירקלי אין קאַלעדזש... אין דעם

פרימאַרגן, וואָס זי האָט געדאַרפט אַוועקפאָרן, איז מיין מאַן געווען אין הויף און סאָרטירט אייזן. איך האָב ניט געוואָלט, אַז זי זאָל אַוועקפאָרן און ניט געזעגענען זיך מיט איר טאַטן. ער קאָן נאָך ווערן מער אויפגערעגט... מיין טאַכטער ליבעלע איז געווען זייער אין כעס (קאַס) אויף אים און זי האָט ניט געוואָלט גיין אין הויף זיך געזעגענען מיט אים. אָבער איך האָב איר גענומען אונטערן האַנט און צוגעפירט צו איר טאַטן און זי האָט אים געגעבן די האַנט. ער איז געווען זייער צופרידן... ער האָט איר געהייסן וואַרטן און איז אַריין אין שטוב און איר געגעבן 25 דאָלער...

עס איז שוין געווען שטיל אין שטוב... ער איז שוין געווען בעסער צו מיר און צו די קינדער. ער איז נאָך געגאַנגען צו זיינע באַקאַנטע און זיך באַרימט, אַז זיין טאָכטער איז אַוועקגעפאָרן אין בוירקלי קאָלעדזש...

אין אַ דריי חדשים (כאַדאָשים) אַרום איז אויסגעבראָכן די פלו אין 1920. אַ סך מענטשן זיינען געשטאָרבן. עס איז ניט געווען קיין איין שטוב, וואו מען איז ניט געווען קראַנק. מיין מאַן איז געווען אין אַנאַהיים. דאָרטן האָט אויך געבושעוועט די פלו. ער האָט זיך דערשראָקן און ער איז געקומען אַהיים. מיין גאָסילע איז דאַן געווען אין עלפטן יאָר און זי האָט זיך אָנגענומען מיט דער קראַנקהייט פון אַ שכניש (שכייניש) הויז... אַז זי איז קראַנק געוואָרן בין איך שוין ניט געגאַנגען אַרבעטן... באַלד בין איך אויך קראַנק געוואָרן, און מיין עלטערע טאָכטער מיני איז קראַנק געוואָרן מיט אַ סך היץ... אַליין איז ער אויך געווען גוט קראַנק, אָבער ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט איבערן הויז און האָט אַכטונג געגעבן אויף די קינדער...

מיר האָבן געהאַט אַ באַקאַנטן דאָקטאָר, און אַז ער איז געקומען צו אונז און האָט געפונען אונז אַלעמען אַזוי קראַנק, האָט ער געשיקט אַ נוירס (אַ קראַנקן־שוועסטער) און זי האָט שוין אַכטונג געגעבן אויף אונז אַלעמען... איך בין געווען זייער קראַנק מיט אַ סך היץ. איך געדענק ווי איך האָב גע־האַלטן אין איין ברעכן... די נוירס האָט מיר געהאַלטן אין איין געבן שוואַרצע קאַפּע, אַלע ווייל אַ לעפל שוואַרצע קאַפּע, און זי האָט מיך אָפּגעראַטעוועט... מיר איז שוין געוואָרן בעסער, מיין מאַן אויך, און ער האָט אַוועקגעשיקט די נוירס... מיני איז זייער קראַנק געוואָרן און געקראָגן ניומאָניע. איז שוין מיין מאַן אינמיטן דער נאַכט געלאָפן צום דאָקטאָר דזשייקאָבסאָן און האָט אים גע־בראַכט צו מינין... דער דאָקטאָר האָט געהייסן איר גלייך אַוועקפירן אין האָספּיטאָל... האָבן מיר דאָך ניט קיין געלט צו צאָלן דעם האָספּיטאָל, האָט מיין מאַן געזאָגט צום דאָקטאָר, אַז ער וועט אים געבן דעם טראָק, וואָס ער פאָרט פעדלען, האָט אים דער דאָקטאָר געזאָגט, דאָס וועט מען שוין זען שפּעטער... דערווייל האָט מיין מיני שוין ניט געקענט אָטעמען און האָט אַרויס־

געשטעקט דעם צונג... דער דאָקטאָר האָט אָפּגערופן דעם האָספּיטאַל. עס איז געווען צוויי אַזייגער ביינאַכט. ווען זי איז שוין געווען אין האָספּיטאַל האָט מען איר אַריינגענומען אין אַ קעסט און אונטער אַ מאַשין מיט פּאַרע. מען האָט איר אַרומגעלייגט מיט הייסע ליילעכער און מען האָט איר געראַטעוועט...

און הערט וואָס אויף מאָרגן האָט געטראָפן. מיין ליבעלע איז דאָך געווען אין בוירקלי קאָלעדזש. זי האָט געהערט וואָס די ציימונגען האָבן געשריבן פון לאָס אַנדזשעלעס, אַז עס בושעוועט דאָרטן די פלו און אַ סך מענטשן שטאַרבן. איז זי אַוועק אין קאָלעדזש, וואו זי האָט געלערנט און געזאָגט, אַז זי פאָרט אַהיים. זי איז גלייך געקומען אַהיים מיט אַ מאַסקע אויפן פּנים. ווען איך האָב איר דערזען, האָב איך איר ניט דערקאָנט. זי איז געווען אין אַ ווייסן כאַלאַט, ווי די נוירסעס גייען אָנגעטאָן. זי האָט געזאָגט, אַז דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז אין דער היים האָט עפּעס פּאַסירט... זי איז באַלד אַוועק אין פּרענטש האָספּיטאַל זען מינין. מיני האָט שוין געקענט ריידן...

.81

מיין מיני איז געווען אין שפּיטאָל זעקס טעג. דער דאָקטאָר דזשייקאָבס האָט אויסגעאַרבעט מען זאָל ניט צאָלן קיין סך, ניט מער ווי 44 דאָלער. ס'האָט געדאַרפט קאָסטן דריי מאָל אַזוי פיל... דאָקטאָר דזשייקאָבס איז געווען זייער גוט צו אונז... ער איז געווען אונזער הויז-דאָקטאָר און האָט זייער וויניק גענומען באַצאָלטס...

מיין מאַן האָט זיך איבערגעביטן. ער האָט זיך זייער געפרייט וואָס מיר אַלע זיינען געבליבן לעבן. ער איז שוין אין אַנאַהיים ניט געפאָרן און געפּעדלט נעענטער... אַלע טאָג איז ער געקומען אַהיים מיט זיין סחורה (סכוירע) און ער האָט געגעבן אין שטוב 15 דאָלער אַ וואָך... אַז עס האָט זיך איינגעשטילט האָט ער ווידער געפּעדלט אין אַנאַהיים. דאָרטן פלעגט ער מאַכן מער געלט. די פּאַרמערס האָבן אים פּאַרקויפט די רערן פון די אויל-ברונעמס. אין די רערן איז דאָ קופּער און פון דעם קופּער איז דער גאַנצער פּאַרדינסט. אָבער מען דאַרף זייער שווער אַרבעטן ביז מען נעמט אַרויס דעם קופּער פון די רערן. ער האָט טאַקע זייער שווער געאַרבעט. קיין שטאַרקער מאַן איז ער ניט געווען. איך האָב אויך זייער שווער געאַרבעט. איך האָב געוואָלט, אַז מיינע קינדער זאָלן זיך לערנען...

מיין ליבעלע האָט זיך זייער גוט געלערנט אין בוירקלי. דעם ערשטן יאָר האָט זי נאָכ'ן לערנען געאַרבעט ביי אַ רייכער פאַמיליע. זי האָט אַכטונג

געגעבן אויף זייערע קינדער... ווען זי האָט אָפּגעלערנט איין יאָר און זי איז געקומען אויף איר וואַקאַציע, האָט זי מיר געזאָגט, אַז ס'איז איר זייער שווער צו אַרבעטן נאָך שולע. זי וועט ניט קענען מאַכן איר היים־אַרבעט... דאָס ערשטע יאָר האָט מיר געקאָסט 450 דאָלער. איך האָב איר געזאָגט, אַז זי זאָל אַנגיין מיט קאָלעדזש, איך וועל זען איר העלפן...

ווען זי איז געקומען אַהיים אויף וואַקאַציע, איז זי באַלד אויף מאָרגן אַוועקגעגאַנגען אַרבעטן... זי האָט געמאַכט דורך איר וואַקאַציע אַ דריי הונ־דערט דאָלער. דאָס איבעריקע האָב איך שוין אָפּגעשפּאָרט... די אַנדערע צוויי יאָר האָט שוין געקאָסט יעדן יאָר צו 750 דאָלער... ווען זי פלעגט אַוועקפאָרן לערנען, האָט מען געזען, אַז זי זאָל האָבן ביי אַ פינף הונדערט דאָלער. שפּעטער פלעגט מען איר צושיקן דאָס איבעריקע געלט. צופיל געלט האָט זי ניט געהאַט, אָבער זי האָט געוואוסט ווי צו לעבן שפּאָרעוודיק...

זי האָט געלערנט אויף דאָקטאר דריי יאָר אין בוירקלי און דערנאָכדעם האָט זי געלערנט אין ניו־אָרליענס. אין ניו־אָרליענס האָט שוין געקאָסט 1150 דאָלער אַ יאָר, און דאָס דריטע יאָר 1250 דאָלער. דעם דריטן יאָר האָט זי געדאַרפט אויסלערנען די „סטייט לייסענס" און דערפאַר האָט געקאָסט מער...

גאָט האָט געהאָלפן און זי האָט דערגרייכט איר וואונטש. זי האָט אויס־געשטודירט אויף דאָקטאר. די דאָקטוירים האָבן געוואָלט איר געבן 150 דאָלער אַ חודש (כוידעש) אָבער זי האָט זיך ניט געוואָלט אָפּשטעלן אין ניו־אָרליענס, און זי איז געקומען אַהיים צו מיר... און שטעלט אייך פאָר די גרויסע שמחה (סימכע) וואָס איך האָב געהאַט... איך האָב דאָך געאַרבעט אַז זי זאָל דערגרייכן וואָס זי וויל... עס איז מיר געווען ניט צו שווער צו אַרבעטן אין שאָפּ, אין הויז, אבי זי זאָל דערגרייכן וואָס עס איז גוט געווען פאַר איר... איך האָב געטראָגן אַלטע קליידער און פאַר מיינע קינדער געמאַכט אַלץ נייע קליידלעך...

איך האָב צוגעגעבן זייער פיל מוט מיין טאָכטער ליבעלען, אַז ווען זי איז אַריינגעגאַנגען אין קאָלעדזש, האָט מען זיך געדאַרפט לערנען ביי טויטע מענטשן און זי האָט געוואָלט אַנטלויפן. האָב איך איר געשריבן, אַז זי זאָל זיך שטאַרקן און זיך נעמען אין די הענט. איצטער דאַרף זי זיך לערנען אויף טויטע, אָבער שפּעטער וועט זי זיך קענען לערנען אויף לעבעדיקע און ברענ־גען פיל נוצן די מנטשן. איך האָב איר אויך געשריבן, אַז אַ דאָקטאר קאָן טאָן פיל גוטעס פאַר מענטשן ווען ער איז גוט. איך האָף אַז דו וועסט אויך זיין אַ גוטער דאָקטאר און וועסט קענען טאָן גוטס צו מענטשן... זי האָט מיר געשריבן, אַז זי וועט מיך פאָלגן און זי האָט מיך טאַקע געפאָלגט און זי האָט קיין חרטה (כאַראָטע) ניט געהאַט.

82.

ווען זי איז געקומען פון ניו־אָרליענס האָט זי שוין אויסגעלערנט אויף דאָקטאָר מעדיצין פאַר קינדער. זי האָט נאָך געדאַרפט פּראַקטיצירן אַ יאָר אין אַ שפּיטאָל אין סאַן פראַנציסקאָ. נאָך דעם יאָר איז זי געקומען קיין לאָס אַנדזשעלעס און האָט געאַרבעט אין אַ קינדער־שפּיטאָל אין האָליוואוד. דאָרטן האָט זי אויך געאַרבעט אַ יאָר און נאָכדעם האָט זי געעפנט אַן אָפיס. זי האָט אָבער קיין סך פּאַציענטן ניט געהאַט און זי האָט געדאַרפט אויסהאַלטן דעם אָפיס און זיך אַליין אויך. זיינען געווען דאָקטוירים, וואָס האָבן געמאַכט אָפּעראַציעס, און ווען מען האָט געדאַרפט איינשלעפערן דעם פּאַציענט האָט מען זי גערופן און זי האָט געקריגן גוט באַצאָלט... האָט זי שוין געקאָנט אויס־האַלטן דעם אָפיס און פאַר זיך אויך געהאַט דאָס וואָס זי האָט באַדאַרפט...

ווען זי האָט געדאַרפט עפענען דעם אָפיס איז זי געגאַנגען צו מיין שוועסטער לייען 300 דאָלער. האָט מיין שוועסטער איר געהייסן גיין צו איר מאַן, און איר מאַן האָט געזאָגט, אַז ביי אים איז ניט קיין באַנק... מיין ברודער נייטען עליו השלום (אָלאָוו האַשאָלעם) האָט איר געגעבן די 300 דאָלער... ער האָט איר אויך אויסגעליען דעם ערשטן חודש צו צאָלן דירה־געלט. ס׳איז געווען הונדערט דאָלער אַ חודש. דעם צווייטן חודש האָט שוין מיין טאָכטער ליבע געהאַט מיט וואָס צו צאָלן...

זי איז נאָך ניט געווען באַוואוסט אין שטאָט, האָט זי געהאַט שוועריקייטן, אָבער ניט לאַנג האָט דאָס אָנגעהאַלטן. איר אָפיס איז געווען לעבן נאָך אַן אָפיס. דער מאַן וואָס האָט געהאַלטן דעם אָפיס, אַ ציין־דאָקטאָר, איז נאָך געווען אַ בחור (באָכער) ניט קיין פאַרהייראַטער. ער איז נאָך אויך געווען אַ יונגער דאָקטאָר, אָבער ער האָט געהאַט מער הצלחה (האַצלאָכע) פון מיין ליבעלען. ער האָט געהאַט אַ גרויסע פאַמיליע און אויך אַ רייכע. ס׳זיינען געקומען צו אים אַלע זיינע פריינט, און זיינע פריינט האָבן אים רעקאָמענדירט צו זייערע פריינט... צו דעם דענטיסט איז אַריינגעקומען דער הויפּט־דאָקטאָר פון „באָארד אָוו העלטה" (שטאָטישער אָפּטיילונג פון געזונט) צו היילן זיינע ציינער. ער האָט געזאָגט דעם דענטיסט, אַז ביי אים אין אָפיס דאַרף ער האָבן אַ קינדער־דאָקטאָר. האָט דער דענטיסט אים געזאָגט, אַז ער האָט פאַר אים אַ דאָקטאָר אַ פרוי. דעם דענטיסט האָט מען גערופן לעסלי שוואָדער. דער דענטיסט האָט באַלד אַריינגערופן מיין טאָכטער און זי איז געפעלן געוואָרן דעם הויפּט־דאָקטאָר און ער האָט איר גלייך אָנגענומען מיט אַ גרויסן געהאַלט. באַלד האָט ער זי אַרויסגעשיקט איבער די סקולס (שולעס) אין די קליינע שטעטלעך. זי האָט נאָך ניט געהאַט קיין אויטאָמאָביל, האָט זי געליען ביי

אַ פּריינט 600 דאָלער און זי האָט געקויפט אַן אויטאָמאָביל, איך דענק אַ דאַדזש... דאָס איז געווען מיט 28 יאָר צוריק, אין 1924.

.83

די „באָארד אָוו העלטה" האָט איר געשיקט אונטערצוזוכן די קינדער פון די אָרעמע פאַרמערס, וואָס האָבן זיך געלערנט אין די סקולס... מיין טאָכטער האָט מיר דערציילט, אַז קיין אויוונס האָבן די אָרעמע פאַרמערס ניט געהאַט, האָבן זיי געקאָכט אינדרויסן אין הויף. די קינדער האָבן די מאַמעס ניט געבאָדן אַ גאַנצע וואָך. מיין טאָכטער האָט געגעבן אַ פאַראָרדנונג, אַז די מאַמעס זאָלן באָדן די קינדער אָפטער, און זען, אַז זייערע קעפּלעך זאָלן זיין ריין.. זי האָט אויך געזען, אַז די קינדער וואָס האָבן ניט וואָס צו עסן קיין מיטאָג, זאָלן די שול־פאַרוואַלטער זען, אַז מען זאָל זיי געבן וואָס צו עסן...

מיין טאָכטער האָט טאַקע גוט אַכטונג געגעבן אויף די קינדער און דער־פאַר האָט זי געקריגן חן (כיין) ביי אַלעמען אויף וועלכע זי האָט געגעבן אַכטונג... אָבער זי האָט זייער שווער געאַרבעט אַרומצופאָרן ווינטער אין די קעלטן, און זומער אין די היצן, און אין די רעגנס אום ווינטער. גאַנץ פרי פלעגט זי אַרויספאָרן פון דער היים און שפּעט ביינאַכט פלעגט זי צוריק קומען. זי האָט געדאַרפט פאָרן זייער ווייט, זי איז אָבער געווען צופרידן, וואָס זי קען מאַכן אַ לעבן און זי איז שוין אַ גוטער דאָקטאָר... און איר מאַמען האָט זי אויך ניט פאַרלאָזן. זי האָט מיר געגעבן פופציק דאָלער יעדן חודש... זי איז געווען זייער גוט צו מיר און צו מיין גליק האָט זיך קיינער ניט געקענט גלייכן... איך האָב יעדן טאָג געדאַנקט גאָט, וואָס ער האָט מיר געהאָלפן און איך האָב שוין נחת (נאַכעס) פון מיין ל י ב ע ן.

אָבער אַז מען האָט ניט קיין מזל (מאַזל) איז כאָטש צערייס זיך העלפט ניט... אַזוי ווי איך האָב געאַרבעט בין איך דאָך אינדערהיים אַ גאַנצן טאָג ניט געווען... מיין גאָסילע, שוין 13 יאָר אַלט, פלעגט פּראַקטיצירן פּיאַנאָ, ווען זי איז געקומען פון סקול (שולע)... איך האָב איר געקויפט אַ פּיאַנאָ, און מיין ברודערס אַ אינגל איז אויך אַריינגעקומען נאָך שולע צו מיר אין הויז. ער איז אַלט געווען ביי 11 יאָר... און אַזוי ווי מיין ברודער נייטען האָט געהאַט אַ גראָסערי (שפּייז־קראָם) און זיין ווייב פלאָרע פלעגט אויך אַריינקומען אין קראָם אים העלפן, פלעגט זייער אינגל קומען צו אונז נאָך שולע. מיר האָבן געוואוינט אין דער זעלבער גאַס ניט ווייט איינער פון דעם אַנדערן. מיין קליין מיידעלע האָט אַלע טאָג פּראַקטיצירט אויף דער פּיאַנאָ. איך האָב שוין גע־שריבן, אַז מיין מאַן האָט שוין געפעדלט אין לאָס אַנדזשעלעס, איז ער דאָך געקומען יעדן פאַרנאַכט אַהיים...

איין פאַרנאַכט איז ער געקומען אַהיים. ער איז געווען זייער נערוויאיש און אָנגעהאָרעוועט... אַזוי ווי מיין טעכטערל האָט געשפּילט די פּיאַנאָ און מיין פּלימעניקל האָט געזונגען, האָט ער ניט געוואָלט ליידן. ער איז געווען זייער אַ הייסער מענטש, האָט ער געשריען אויף די קינדער... איך ווייס ניט ריכטיק ווי עס האָט פּאַסירט, אָבער עס איז געוואָרן אַ גרויסער קריג צווישן אים מיט די קינדער. ער איז צוגעלאָפן צום טעלעפאָן און ער האָט גענומען רופן מיין ברודער. מיין גאַסילע האָט עס ניט געלאָזן, אַז ער זאָל מסרן (מאַסערן) אויפן אינגל... ווען איך בין געקומען אַהיים האָב איך אים שוין ניט געטראָפן... מיין מיידעלע האָט געהאַט אַזוי פיל צער (צאַאַר). זי האָט מיר געזאָגט: „ס'טוט מיר אַזוי לייד וואָס עס האָט פּאַסירט, ווייל ער האָט דאָך אַלעמאָל ווייטאָגן אין קאָפּ. גלויב מיר, אַז איך בין ניט געווען שולדיק"...

און ווידער אַמאָל איז ער געווען אין כעס (קאַס) אויף מיר, מיך באַשולדיקט, אַז איך לערן ניט די קינדער זיי זאָלן אים ליב האָבן. עס איז ניט געווען מיין שולד. שטענדיק איז ער אַרומגעגאַנגען אָנגעבלאָזן און אין כעס (קאַס). דערפאַר זיינען די קינדער אימער אויך געווען אין כעס (קאַס) אויף אים... אַז די קינדער גייען אַריין צו זייערע כאַווערטעס און זעען ווי זייערע טאַטעס ריידן צו זייערע קינדער אַזוי שיין, און ביי זיי אין שטוב איז פריילעך, דער טאַטע מיט דער מאַמען זיינען אַלעמאָל אין גוטן מוט, גייט מיט דער מאַמען פּאַרברענגען, האָבן די קינדער דרך ארץ (דערעכערעץ)...

מיינע קינדער האָבן געוואָלט, אַז זיי זאָלן קענען אַריינברענגען זייערע כאַווערטעס און באַקאַנטע אין הויז און אַז זיי דאַרפן שוין אַוועקלויפן אין אַנדערע הייזער זיך צו פאַרווייל̈ן, ברענגט דאָס שוין צו אַ מיספאַרשטענדעניש, און יעדע מינוט קאָן אויסברעכן מלחמה (מילכאָמע). דאָס האָט געטראָפן ביי מיר. איך בין אַוועק אינדערפרי צו דער אַרבעט אַ פריילעכע און אַז איך בין געקומען אַהיים איז געווען אַזאַ קאַטאַסטראָפע...

עס האָט זיך שוין קיינמאָל ניט אויסגעהיילט; ער האָט ניט געוואָלט ווערן שלום (שאָלעם). ער האָט אויפגעהערט צו געבן די פּופצן דאָלער אַ וואָך... איך האָב אים געזאָגט, ווען מען ווייל ניט געבן קיין געלט דאַרף מען ניט עסן; האָט ער מיר געכאַפּט שלאָגן. מיין מיני האָט דערזען אַז ער שלאָגט מיך, האָט זי זיך אָנגענומען פאַר מיר. זי האָט אים צעגראַבלט דאָס פנים (פּאָנים)... נו, קענט איר זיך שוין פאַרשטעלן. מיר האָבן געמוזט אַנטלויפן פון הויז. ווען מיר וואָלטן ניט געווען אַרויס פון הויז, וואָלט געווען דער גרעסטער אומגליק. מינין האָב איך אַרויסגעשטופּט דורכן פענצטער. מיר זיינען אַריין צו אַ שכן (שאָכן) און מיר האָבן אויסגעוואַרט ביז ער איז אַוועק פון הויז. דאַן איז שוין צעשטערט געוואָרן דאָס גאַנצע לעבן...

.84

ער איז אַוועק צו אַ לאַיער און האָט מיך אַנגעקלאָגט אויף אַ גט (געט). מיר זיינען שוין דאַן געווען באַלד אין די זעכציקער יאָרן. פון אַ קליינער וואונד איז געוואָרן אַזאַ גרויסע, אַז עס האָט זיך שוין קיינמאָל ניט אויסגע־היילט. איך באַדויער דאָס אפילו איצטער. און ס'זיינען שוין אַוועק פון דעמאָלט ניין און צוואַנציק יאָר. מיין האַרץ ווערט צעריסן פון ווייטאָג...

ער האָט געהאַט אין הויף אַ סך אייזן, האָט ער דאָס פאַרקויפט און זיך אַרויסגעקליבן קיין אַנאַהיים. איך האָב מיין מינין געשיקט אַלע פאָר וואָכן אים זען. און אַז איך האָב זי אפילו ניט געשיקט, איז זי אַליין געפאָרן זען איר טאַטן... ווען זי איז אים געקומען זען, פלעגט ער זיך פרייען. מינין האָט ער זייער ליב געהאַט. זי איז געווען אַ נאָמען נאָך זיין מאַמען...

איך האָב אויך פאַרגעסן צו דערציילן, אַז איידער ער איז אַוועק פון הויז האָט ער געשיקט רופן מיין טאָכטער ליבע, די דאָקטאָרשע, און אַז זי איז געקומען האָט ער געזאָגט, אַז וואָס זי וועט זאָגן אַזוי וועט זיין. זי איז געווען אין כעס (קאַס) האָט זי אים געענטפערט, אַז אויב ער וויל אַוועק פון הויז זאָל ער גיין... נאָכהער האָט ער זיך געקלאָגט פאַר זיינע באַקאַנטע, אַז זיין טאָכטער די דאָקטאָרשע האָט אים געזאָגט ער זאָל זיך אַרויסקלייבן פון הויז, דערפאַר קלייבט ער זיך אַרויס און וועט שוין קיינמאָל ניט קומען אַהיים...

איך האָב אַזוי געקלאָגט, געדאגהט (געדייגעט) און געוויינט. איך בין אַוועקגעלאָפן צו מיין ברודער נייטענען אין גראָסערי אויף קאַרט גאַס. מיין ברודער יהושע (שיע) איז אויך דאַן געווען אין קראָם. מיין ברודער איז געקומען פון ניו־יאָרק און געאַרבעט מיט נייטענען אין קראָם. איך האָב גע־קלאָגט פאַר מיינע ברידער, אַז איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטן... און אַזוי ווי איך רייד מיט מיינע ברידער רופט מען אויפן טעלעפאָן, אַז עס איז ווייטער אַ סקאַנדאַל אין הויז. באַלד איז מיין ברודער נייטען אַוועקגעפאָרן צו מיר אין הויז און האָט קוים איינגעשטילט מיין מאַן, וואָס האָט זיך געקריגט מיט מיין גאָסילען.

מיט אַ פאָר טעג שפעטער האָט מיין מאַן אָפגערופן מיין ברודער נייטענען, אַז ער וויל זיך דורכריידן מיט אים און מיט אישיען. מען זאָל זיך טרעפן ביי אַ לאַנדסמאַן, וואָס מען האָט גערופן פאָלטי. מיינע ברידער זיינען טאַקע געקומען צום לאַנדסמאַן, אָבער ער איז ניט געקומען... ווען ער וואָלט געווען קומען, וואָלט מען אפשר געמאַכט שלום (שאָלעם).

איצטער, ווען איך שרייב דאָס, איז דאָס 1954, און דער אומגליק האָט געטראָפן אין 1925... אַזוי איז מיין לעבן אַוועק אין דאגות (דייגעס)... יעדער

איינער, וואָס וועט לייענען מיין שרייבן, קאָן זיך שוין פאָרשטעלן די יסורים וואָס איך האָב דעמאָלט זיך אויסגעליטן... ווער קאָן דאָס אינגאַנצן אויסשרייבן. מען שעמט זיך נאָך צו דערציילן וואָס עס טוט זיך אין האַרצן... אַ גוטער פריינט האָט דאָך ניט קיין נחת (נאַכעס) און אַ שונא (סוינע) האָט דאָך נקמה (נקעאָמע) און מען באַריידט נאָך אויך...

אָט מיט אַזוינע צרות (צאָרעס) בין איך אַרומגעגאַנגען... אָבער גאָט גיט די רפואה (רעפוע) פאַר דער מכה (מאַקע). מיין טאָכטער ליבעלע האָט שוין דעמאָלט געאַרבעט אין „באָארד אָוו העלטה". זי האָט געוואוינט מיט מיר און מיר געגעבן פופציק דאָלער אַ חודש...

.85

איך האָב דאָך שוין געשריבן, אַז מיין מאַן האָט געקויפט אַ הויז, און געדאַרפט אויסצאָלן דעם באַלעבאָס אַלע דריי חדשים 25 דאָלער. עס איז נאָך געבליבן 300 דאָלער אויסצוצאָלן דאָס הויז... עס זייגען אַריבער זעקס חדשים און דער מאַן וואָס האָט פאַרקויפט דאָס הויז איז געקומען צו מיר אויפמאָנען זיין געלט... ער האָט געזאָגט, אַז מיין מאַן קומט אים ניט צאָלן פאַר דער הויז. דערווייל האָט ער זיך דערוואוסט, וואָס ביי אונז האָט געטראָפן, האָט ער צו מיר געזאָגט: „איך האָב געקענט ביי דיר צונעמען דאָס הויז, ווייל דיין מאַן האָט ניט געצאָלט. אָבער איך וועל ניט טאָן אַזאַ עבירה (אַוויירע)"... ער איז געווען זייער אַ פיינער מענטש, דער דאָזיקער באַלעבאָס, אַ גוי. ער האָט געוואוינט אין אינגלוואוד.

מיין טאָכטער ליבעלע האָט געהאַט 75 דאָלער אָפגעשפאָרט, און איך האָב אויך געהאַט 75 דאָלער אָפגעשפאָרט און מיר האָבן אַוועקגעפירט דעם גוי דאָס געלט... ווען מיר זיינען געפאָרן צוריק פון אינגלוואוד איז שוין געווען אין אָוונט און זי איז אַוועק אין איר אויטאָמאָביל אויף אַנאַנדער וועג. ביי די זייטן פון וועג איז געווען טיף אַזוי ווי אַ גרוב. מען האָט דאָרטן פאַרריכט דעם וועג. אויף דעם שמאָלן וועג האָבן מיר געבלאָנדזשעט. מיין טאָכטער האָט געדאַרפט זיך רוקן מיטן אויטאָמאָביל צוריקוועגס, אפשר אַ פאָר מייל. מיר האָבן אַזוי מורא (מוירע) געהאַט. זי האָט זיך ניט לאַנג אויסגעלערנט טרייבן, דערפאַר האָבן מיר זיך אַזוי געשראָקן... איך געדענק נאָך איצטער, וואָס סאַראַ מורא עס איז געווען אויף מיר מיט מיין טאָכטער ביז מיר האָבן געפונען דעם ריכטיקן וועג...

דאָס איז שוין זייער אַ לאַנגע צייט אַוועק. היינט, ווען איך באַשרייב דאָס בין איך שוין אַלט 86 יאָר... געווען אַזוינע שלעכטע צייטן און דאָך זיי

איבערגעלעבט... אָבער, אַז גאָט וויל גיט ער דעם מענטשן כוחות (קויכעס) און מען לעבט איבער אַלע צרות (צאָרעס)... מען זאָגט, אַז פון קיין נחת (נאַכעס) קאָן מען ניט לעבן און פון קיין צרות (צאָרעס) קען מען ניט שטאַרבן... און דאָס איז טאַקע אַן אמת (עמעס). פאַרקערט, וואָס מער צרות (צאָרעס) איך האָב איבערגעלעבט אַלץ שטאַרקער בין איך געוואָרן... איך דענק, אַז גאָט האָט מיר געגעבן כוחות (קויכעס) אַזוי פיל איבערצוטראָגן און אַכטונג געבן אויף מיינע קינדער. זיי זיינען ניט גוט אָפּ... אַלעמאָל טרעפט זיך אַ קראַנקהייט.

אין זעקס חדשים שפּעטער, נאָכדעם וואָס איך און מיין ליבעלע זיינען געווען אין אינגלוואוד, האָבן מיר באַצאָלט די אַנדערע 150 דאָלער, און אונזער הויז איז שוין געווען ריין פון חובות (כויוועס)...

און מיין מאַן, וואָס האָט געקויפט דאָס הויז, האָט גאָר זיך געוואָלגערט אין אַ קליין צימערל, אָדער אין אַ גאַראַדזש אין אַנאַהיים ביי אַן אַלטער גויה (גאָיע). איך בין דאָרטן קיינמאָל ניט געווען. ווען איך האָב געשיקט מיין מינין, אַז ער זאָל זיך איבערבעטן און קומען אַהיים, האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט ניט קומען. ער פאַרדינט דאָרטן גוט פון פעדלען מיט אייזן, מיט ניס און מיט אַנדערע פאַרשיידענע זאַכן... און ווען מיני פלעגט קומען פון אַנאַהיים איז מיר מיין האַרץ אויסגעגאַנגען פון יסורים, וואָס ער דאַרף זיך וואַלגערן דאָרטן אין דער פרעמד אין אַ קליין צימערל אָדער אַ גאַראַדזש... אפילו איצטער, ווען איך שרייב די געשיכטע, וויינט אין מיר דאָס האַרץ...

.86

דאָרטן אין אַנאַהיים איז ער זייער קראַנק געוואָרן און געקריגן אַ קענ־סער (ראַק). ער איז געקומען קיין לאָס אַנדזשעלעס און אָפּגערופן אויפן טעלע־פאָן און האָט מיר געזאָגט, אַז דער דאָקטאר האָט אים געזאָגט, אַז ער איז קראַנק און טאָר ניט אַרבעטן. אַרבעט ער שוין ניט פון אַ צייט, אָבער גרינגער איז אים ניט געוואָרן, גייט ער איצט אין קאָספּאַר־קאָהן האָספּיטאַל.. דאַן איז קאָספּאַר־קאָהן האָספּיטאַל געווען אויף דער זיבעטער גאַס, לעבן וויטיער בול־וואַרד, די גאַס וואו מען פאַרט צום חסד של אמת (כעסעד שעל עמעס) אויפן בית־עולם (בייס־אוילאָם)... איצטער, וואו דער האָספּיטאַל איז געשטאַנען, איז אַ קליין פּאַרקל, און קאָספּאַר־קאָהן האָספּיטאַל איז איצט „סידערס אָוו לעבאַנאָן" האָספּיטאַל אין האָליוואוד... ער האָט אונז געזאָגט, אַז ווי מען וועט אים נאָר אַריינגעמען אין האָספּיטאַל וועט ער אונז אָפּרופן נאָכאַמאָל. אויף מאָרגן האָט ער אונז אָפּגערופן, אַז ער איז שוין אין שפּיטאָל. איז מיין מיני אַוועק אים זען, האָט ער איר געזאָגט, אַז דער דאָקטאר האָט אים געזאָגט, אַז

ער דאַרף האָבן אַן אָפּעראַציע און אַז מען וועט דאָס מוזן אַרויסנעמען דורכן האַלדז. עפּעס איז אָנגעוואַקסן אין האַלדז... ער וויל ניט אַז עמיצער פון אונז זאָל קומען צו דער אָפּעראַציע... ער האָט ניט געזאָגט ווען ער וועט האָבן די אָפּעראַציע... שפּעטער, ווען מיינע טעכטער און איך זיינען אים געקומען זען, האָט ער אונז אַרויסגעטריבן... מיר זיינען אַוועק אַהיים. איך האָב אָבער געשיקט מיינין אַלע אויפדערנאַכט אים זען. איך האָב איר געהייסן אים זאָגן, אַז אויב ער וויל קומען אַהיים איז ער ווילקאָם, ווי עס וואָלט קיינמאָל גאָרניט געטראָפן און מען וועט אַכטונג געבן אויף אים. האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט גוטע פריינט און זיי וועלן שוין פאַר אים זאָרגן...

זיינע גוטע פריינט האָבן געבראַכט אַ לאַיער, וואָס האָט געהייסן לאַנסען. ער האָט געוואוסט די גאַנצע געשיכטע. זיינע גוטע פריינט האָבן געזאָגט צום לאַיער, אַז ער האָט אַ צוויי־שטאָקיג הויז, זאָל מען האַלב איבערשרייבן פאַרן אינקיורייבל האָספּיטאַל (אומהייבאַרער שפּיטאָל) און מען זאָל דאָרטן אַכטונג געבן ווי לאַנג ער וועט לעבן. האָט ער געזאָגט צום לאַיער, אַז ער וועט זיך באַרעכענען . . .

עס איז געווען פאַר ראָש השנה (ראָש־האַשאָנע) און אַ פרוי פון זיינעם אַ חבר (כאַווער), אַ לאַנדסמאַן פון איין שטעטל, בראָק, איז געפאָרן אויפן בית עולם (בייס־אוילאָם) צו איר מאַן אויף קבר אָבות (קייווער־אָוועס). צוריק פון בית־עולם איז זי אַריינגעגאַנגען אין שפּיטאָל אים זען. האָט זי צו אים געזאָגט: „איר האָט אַ פאַמיליע און אַ גוטע ווייב, זיי וועלן אויף אייך אַכטונג געבן נאָך מער ווי אין אומהיילבאַרן שפּיטאָל. איר זאָלט ניט אָפּשרייבן פאַר קיינעם נאָר פאַר אייער פרוי און קינדער"...

אויף מאָרגן האָט ער אָפּגערופן מיין ברודער נייטענען, אַז ער וויל קומען אַהיים און מיין טאָכטער ליבעלע זאָל אים קומען נעמען... מיין טאָכטער ליבעלע איז טאַקע געפאָרן נאָך אים און מען האָט אים געבראַכט אַהיים... איך בין צו אים צוגעגאַנגען און אים געגעבן די האַנט, אויסגעבעט דאָס בעט, און מיין ליבעלע האָט געהייסן אים אונטערלייגן אַ פערענע אונטערן זייט, ווייל ער איז געווען אַזוי דאַר, נאָר הויט און ביינער... איך געדענק נאָך, ווי מיין ליבעלע האָט געוויינט און מיר געזאָגט, אַז די דאָקטוירים האָבן אים געזאָגט, אַז ער האָט אַ קענסער...

ער איז נאָך געווען קראַנק איידער ער איז אַוועק פון דער היים. דער דאָקטאר דזשייקאָבס האָט אים געהייסן אַרויסנעמען די ציין, אַז ניט וועט ער האָבן אַ קענסער. ער האָט דאַן אַרויסגענומען די ציין, אָבער ווי עס זעט אויס, האָט דאָס ניט געהאָלפן.

.87

איך האָב זייער גוט אַכטונג געגעבן אויף אים און ער איז געווען זייער צופרידן. איך ווייס אַז ער האָט אָפּגערופן זיינע גוטע פריינט און צו זיי געזאָגט: „איך בין שוין אין מיין אייגענער היים.” דאָס איז געווען ראש השנה (ראָש־האַשאָנע) און די פריינט זיינען געקומען אים זען פון שול. די שול איז געווען לעבן אונזער הויז...

איך האָב געוואָלט אויפגעבן די אַרבעט און גוט אַכטונג געבן אויף אים, האָט ער ניט געלאָזן. מיין עלטערע טאָכטער האָט געוואָלט אויפגעבן די אַרבעט, האָט ער אויך ניט געוואָלט... אינדערפרי, יעדן טאָג, אים צוגעגרייט קרים אָוו ווהיט פאַר איבערבייסן, און אויף מיטאָג פלעג איך אים אָפּקאָכן אַביסל זופּ פון הון. ער האָט קיין זאַך ניט געקאָנט עסן, נאָר שמאָטשקען אַ ביין... מיט דעם ביסל זופּ און מיט שמאָטשקען דעם ביין האָט ער געלעבט. נעבעך ניט געקענט אַראָפּשלינגען קיין עסן...

די מאַטראַצן פון די בעטן זיינען געווען האַרטע, אויסגעריבענע. איבערן וועג, אויף ברוקלין עווענוּ, איז געווען אַ גרויסע קראָם פון מאַטראַצן. איז ער געגאַנגען מיט מיר און געקויפט דריי מאַטראַצן. פרעג איך אים: „וואָס דאַרפסטו דריי מאַטראַצן?” זאָגט ער, אַז ס'פּאַסט ניט צו קויפן פאַר זיך אַ מאַטראַץ און פאַר די איבעריקע ניט... און באַצאָלט האָב איך טאָקע פאַר די מאַטראַצן, ניט ער. געדענק איך נאָך, ווי זיין לאַנדסמאַנס ווייבל איז אים געקומען מבקר חולה (מעוואַקער כוילע) זיין, האָב איך איר דערציילט, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט די מאַטראַצן... זאָגט זי צו מיר: „מ'שטיינס געזאָגט, ווי אַ מענטש איז דאָס פאַרנאַרט און פאַרשטייט נאָך ניט, נעבעך, אַז ער איז אַזוי קראַנק און איז נאָך אַזוי קאַרג”... די פרוי איז געווען מיסעס בודנע. זי איז געווען די ווייב פון זיין בעסטן חבר און גוטן פריינט, וואָס איז שוין געווען טויט עלף חדשים (כאַדאָשים)...

ס'איז געווען אַ גראָסערי אויף נאָרט סאָטאָ גאַס צו פאַרקויפן, זאָגט ער צו מיר, ער וועט דאָס גיין קויפן די גראָסעריקע און עס וועט זיין גרינגער דאָס לעבן. אָבער אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. ער איז נאָר געווען דריי חדשים (כאַדאָשים) אין הויז און ס'איז אים געוואָרן ערגער. דער דאָקטאָר האָט אים געזאָגט, אַז ער מוז האָבן נאָכאַמאָל אַן אָפּעראַציע. מען האָט אים געמאַכט די אָפּעראַציע און דאָס מאָל איז געווען גאַנץ שלעכט... מען האָט אים געבראַכט אַהיים, איז ער געווען זייער שוואַך. ער האָט שוין נעבעך גאָרניט געקענט שלינגען. פון אויבן איבער די שולטערן זיינען געווען אַרויסגעשלאָגן

רויטע פּאַסן, אַזוי ווי ביי אַ האָן דער קאַם... ער האָט ניט געקאָנט לאָזן די וואַסער...

מיין ברודער נייטען האָט אים געפירט אין קאַספּאַר־קאָהן שפּיטאָל, האָט מען אים ניט געוואָלט אריינגעמען אין שפּיטאָל. מען האָט געדאַרפט באַשטעלן אַפריער. און אַזוי ווי מען האָט פריער ניט באַשטעלט האָט מען ניט געקענט קריגן קיין בעט. מען האָט אים געמוזט ברענגען אַהיים...

מיין טאָכטער ליבע איז דעמאָלט געווען פּאַר'קנס'ט (פּאַרקנאַסט) צו אַ צאָן־דאָקטאָר, זייער אַ גוטער מענטש. ער איז געקומען מיט מיין טאָכטער ליבעלען און האָט געזאָגט מען זאָל זיך ניט דאגהן (דייגען) ער וועט אַכטונג געבן די גאַנצע נאַכט... ער האָט אים אַ גאַנצע נאַכט געלייגט הייסע טאָרבעלעך מיט וואַסער און איז געלעגן לעבן זיין בעט אויף אַ שמאָלער סאָפקע...

מיין מאַן האָט געזען ווי גוט זיין טאָכטערס חתן (כאָסן) איז צו אים, האָט ער אינדערפרי אַרויסגענומען זיין גאָלדענעם זייגער און געזאָגט: „דעם זייגער גיב איך דיר אַ מתנה (מאַטאָנע), זאָלסט האָבן אַן אָנדענק פון מיר. איך בין זייער צופרידן וואָס מיין טאָכטער ליבעלע קריגט אַזאַ גוטן חתן (כאָסן)" דער ציין־דאָקטאָר האָט טאַקע גענומען דעם גאָלדענעם זייגער און אים געטראָגן אַ לאַנגע צייט...

88.

אין הויז האָט מען אים ניט געקענט האַלטן. ער האָט געדאַרפט האָבן באַזונדערע טריטמענטס (באַהאַנדלונגען), וואָס אין הויז האָט מען דאָס ניט געקענט באַווייזן... איז געקומען דער דאָקטאָר דזשייקאָבס, וועלכער איז געווען דעם מיסטער בודנע'ס אַן איידים, ער האָט געקריגן אַ בעט פאַר אים אין לינקאָלן שפּיטאָל אויף סאָטאָ גאַס ביי דער זעקסטער גאַס.. מען האָט אים שוין ניט געקענט ראַטעווען... מיר זיינען אַלע טאָג אים געגאַנגען זען. אַמאָל האָט ער געוואָלט מיר זאָלן אים זען, און אַמאָל האָט ער געוואָלט מען זאָל אונז הייסן אַרויסגיין...

איך האָב פאַרגעסן צו שרייבן, אַז דעם צווייטן מאָל, וואָס מען האָט אים געבראַכט פון שפּיטאָל, האָט אים מיין ברודער נייטען געפרעגט, וואָס ער וויל עפּעס זאָגן פון זיין לעבן. האָט ער געזאָגט, אַז קיין גוטן לעבן האָט ער ניט געהאַט מיט מיר. האָט אים מיין ברודער געפרעגט, פאַרוואָס האָט ער זיך ניט גע'גט (געגעט)? האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט איינמאָל אָנגעגעבן אויף אַ גט (געט), אָבער ער האָט גלייך חרטה (כאַראָטע) געהאַט, ווייל ער האָט ניט

געוואָלט אַז איך זאָל חתונה (כאַסענע) האָבן אַ צווייטן מאָל, און די קינדער וועלן האָבן אַ שטיף־טאַטן.

אין לינקאָלן שפּיטאָל האָט ער זיך אַזוי געמאַטערט, אַז עס איז געווען אַ גרויס רחמנות (ראַכמאָנעס) זיך צוקוקן... ווען ער איז געווען בלויז אַ פּאָר טעג אין לינקאָלן שפּיטאָל און איך מיט מיין טאָכטער מיני זיינען אים געקומען זען, זאָגט ער צו מיר: „גיכער, רוף דיין ברודער נייטענען." מיין ברודער איז געקומען, האָט ער אים געזאָגט: „איך וויל טאָן עפּעס פאַר דיין שוועסטער, זי איז אַ גוטע פרוי, איך דאַרף איר פאַרזאָרגן, אַז זי זאָל ניט דאַרפן זיך אַרומ־שלעפּן איבער די שעפּער. גיי ברענג שוין אַ נאָטאַרי פּאָבליק"...

האָט מיין ברודער געבראַכט אַ נאָטאַרי פּאָבליק, און ער האָט אים געהייסן שרייבן, אַז דאָס געלט וואָס ער פאַרמאָגט און דאָס הויז לאָזט ער איבער פאַר מיר, זיין ווייב... האָט אים מיין ברודער נייטען געזאָגט: „און וואָס שרייבט איר אָפּ אייערע טעכטער?" זאָגט ער: „צו איין טאָלער." זאָגט אים מיין ברודער, אַז די צוואה (צאַוואָע) איז ניט קיין צוואה, אַז ער וועט נאָר שרייבן צו איין טאָלער, און ער האָט שוין ביי אים געפּועלט (געפּוילט) אַז ער זאָל לאָזן שרייבן צו הונדערט דאָלער פאַר יעדער טאָכטער...

ער איז געשטאָרבן אין לינקאָלן שפּיטאָל, 560 סאָטאָ גאָס...

ער האָט געוואָלט מיר זאָלן מאַכן אַ שיינע לויה (לעוואַיע). מיר האָבן טאַקע געמאַכט אַ שיינע לויה. עס האָט מיר געקאָסט 500 טאָלער... 300 טולער האָב איך געגעבן צו די קינדער. געלאָזט האָט ער פופצן הונדערט טאָלער. דעם טראָק האָבן מיר פאַרקויפט פאַר 140 טאָלער... פון דער דירה־געלט האָט מען קיין לעבן ניט געקענט מאַכן. יענע צייטן איז מער געשטאַנען ליידיק... און אַז מען האָט געהאַט אַביסל דירה־געלט האָט מען פון דעם גאַרניט געהאַט. מען האָט געמוזט אַלע מאָל פאַרריכטן. איז אַוועק די חלה (כאַלע) פאַר דער המוציא (אַמויצע)... און אַ סך קראַנקהייטן זייַנען אויך געווען, האָב איך זיך שוין געמאַטערט. איך האָב נאָך אַלץ געמוזט אַרבעטן אין שאַפּ...

.89

נאָך מיין מאַנס טויט פלעגט מיין ברודער נייטען מיט מיר גיין אויפן בית־עולם (בייס־אוילעם) צו מיין מאַן. ער פלעגט נאָך אַרויפלייגן אַ בלימעלע אויף מיין מאַנס קבר (קייווער). מיין ברודער האָט זייַען ליב געהאַט בלומען... איך און מיין ברודער זיינען מיר געגאַנגען יעדן זונטאָג צו מיין מאַנס קבר

(קייווער)... איך און מיין עלטערע טאָכטער מיני פלעגן גיין דריי מאָל אַ וואָך ביז מיר האָבן געשטעלט אַ מצבה (מאַצייווע)...

ווי איך האָב שוין פריער געשריבן, בין איך געגאַנגען אין שאָפּ ווייטער אַרבעטן. אין דעם שאָפּ האָב איך שוין געאַרבעט 14 יאָר...

און עס האָט געטראָפן מיט עלף חדשים (כאָדאָשים) שפּעטער אַז מיין ברודער נייטען איז געשטאָרבן... נאָר ווען מיין מאַן האָט געלעבט האָט מיין ברודער זיך געקלאָגט פאַר אים, אַז עס ברענט אים אין האַרצן און ער האָט שטאַרקע קאָפּ־ווייטאָגן. געדענק איך ווי מיין מאַן פלעגט אים ענטפערן, אַז אַזוי איז אויך געווען אין אָנפאַנג ביי אים... עס איז טאַקע געווען די זעלבע קראַנקהייט, אויך אַ קענסער... מיין ברודער נייטען עליו השלום (אָלאָוו האַ־שאָלעם) האָט זיך ניט געגלויבט אַז ער איז אַזוי קראַנק.

מיין ברודער נייטען איז געווען דער בעסטער מענטש. ער איז געווען אַזוי גוט צו מיר מיט מיינע קינדער. אין אַלע מיינע נויטן האָט ער מיר אַרויס־געהאָלפן... און אַז אין 11 מאָנאַטן האָט מיר אַזאַ טרויער געטראָפן, אַז מיין מאַן און מיין ליבער ברודער איז געשטאָרבן, בין איך שיר פון זינען ניט אַרונטער... מיין ברודער איז אינגאַנצן אַלט געווען 49 יאָר... מיר האָבן גע־וואוינט אין איין גאַס, ניט ווייט איינער פון אַנדערן. די גאַס רופט מען קאָרנ־וואָל. איך וואוין נאָך היינט צו טאָג אין קאָרנוואָל... מיין ברודער האָט איבער־געלאָזט אַ פרוי, פלאָרע, און דריי זין... דעם עלטסטן האָט מען גערופן לואי, ער איז געגאַנגען אין קאָלעדזש; דעם צווייטן האָט מען גערופן משה (מוישע); ער איז געווען אין זעכצנטן יאָר; ער איז געגאַנגען אין האַי־סקול. דעם דריטן האָט מען גערופן סעמעלע, ער איז אַלט געווען עלף יאָר. ער איז געגאַנגען אין פּאָבליק סקול...

וואָס פאַר אַ טרויער ס'איז געווען אין אונזער הויז און ביי מיין שוועגערין מיט די קינדער... איך געדענק נאָך, ווי מיין ברודערס פרוי מיט די קינדער זיינען געשטאַנען לעם זיין אָפענעם קבר (קייווער) און ניט געוואָלט אַוועקגיין. מער ווי אַלע האָט געוויינט דער יונגערער אינגל סעם. ער איז אינגאַנצן אַלט געווען עלף יאָר. מיין ברודער נייטען איז געשטאָרבן אין 1929. איצט ווען איך שרייב איז שוין 1955...

דער גרעסטער טרויער איז געווען זיך צוקוקן אויף מיין אַלטער מאַמען. זי איז דאַן אַלט געווען 85 יאָר און זי וואָלט אפשר (עפשער) געלעבט ביז הונדערט יאָר, אָבער איר זונס טויט האָט פאַרקירצט אירע יאָרן... זי איז געווען זייער אַ פרומע פרוי און זי פלעגט זיך אַליין טרייסטן, אַז אַנטקעגן גאָט קאָן מען זיך ניט שטעלן און מען טאָר ניט זינדיקן, אָבער דאָך האָט זי אים גאָרניט געקענט פאַרגעסן... ער איז געווען זייער גוט צו איר. ער האָט געהאַט אַ גראָסע־

רי, ער פלעגט אַרבעטן זייער שווער, אָבער זיין מאַמען האָט ער ניט פאַרגעסן. שפּעט ביינאַכט, ווען ער פלעגט פאָרן אַהיים, האָט ער אונטערן טיר אונטער־געשטעלט מילך, פּוטער און קעז, אייער און אַנדערע שפּייזן... נאָך איר זונס טויט איז מיין מאַמע אַלעמאָל געווען קראַנק און זי האָט נאָך געלעבט 5 יאָר... זי איז געווען זייער פרום און פלעגט טאָן אַ סך מצוות (מיצוועס)... ווי זי האָט נאָר געוואוסט אַ קראַנקע פאַמיליע, האָט זי געזען אַרויסצוהעלפן... זי איז געגאַנגען צו די בעקערס און צו די קצבים (קאַצאָווים, בוטשערס) און קריגן חלה (כאַלע) און פליש און אַריינטראָגן צו די אָרעמע פאַמיליעס און נאָך איבערלאָזן אַביסל געלט אויך... אַט דאָס האָט איר אויפגעהאַלטן די פינף יאָר וואָס זי האָט נאָך געלעבט...

זי איז געווען צוגעוואוינט אַז איר זון זאָל איר אַריינטראָגן שפּייזן, און אַז ער האָט איר שוין ניט געבראַכט, האָט זי שוין געזשאַלעוועט און געקאַרגט און איז געוואָרן אַזוי אויסגעדאַרט ווי אַ סקעלעט... זי האָט ניט געדאַרפט קאַרגן, ווייל ווען נייטען איז געגאַנגען צו דער אָפּעראַציע האָט ער אָפּגעשריבן פאַר איר טויזנט דאָלער. זיין ווייב פלאָרע האָט איר יעדן חודש (כוידעש) געבראַכט צוועלף דאָלער, און שיינע גיטל האָט איר אויך אַרויסגעהאָלפן. געוואוינט האָט זי ביי מיר און עס האָט איר גאָרניט געפעלט, אָבער אַז זי האָט געוואָלט קלייבן געלט. זי האָט אָפּגעשפּאָרט געלט און האָט געשריבן אַ ספר תורה (סייפער טוירע) פאַר דער קאָרנוואָלער בית דוד (בייס דאָוויד) שול...

.90

וועו מיין ברודער נייטען איז געשטאָרבן האָט ער איבערגעלאָזט אַ פּאָליסי אויף 25 טויזנט דאָלער און נאָך קלייינע פּאָליסיס... ער האָט פאַר זיין טויט פאַרקויפט זיין גראָסערי פאַר צוועלף טויזנט דאָלער. ער האָט איבער־געלאָזט עטלעכע לאָטס און ער האָט געהאַט אַ סך לאַנד אין די בערג. ער איז געווען אַ גוטער געשעפטסמאַן, צו וואָס ער האָט זיך גענומען האָט ער געמאַכט געלט. ער האָט אויך געהאַט סטאַק פאַר עטלעכע טויזנט דאָלער... ער האָט געהאַט אַ לאָט אין בעווערלי הילס, האָט זיין ווייב פאַרקויפט דעם סטאָק און האָט אויפגעבויט אויף דעם לאָט אַ גרויסע בילדינג (געביידע). זי האָט איצ־טער די ווערט 45 טויזנט דאָלער... איידער ער איז געשטאָרבן איז אויף דער 84טער גאַס געווען אַ לאָט. דער מאַן פון דעם לאָט האָט ניט געקענט קריגן קיין געלט און מיין ברודער האָט דאָס אָפּגעקויפט פאַר 16 טויזנט טאָלער מיט אַ שותף (שוטעף), גאַדעף האָט ער געהייסן. דאָס איז געווען אַ מאַנאַט

פאַר זיין טויט. אַ מענטש ווייס ניט וואָס מיט אים קען זיך טרעפן... אין אַ פּאָר חדשים (כאָדאָשים) נאָך מיין ברודערס טויט, האָט מיין שוועגערין מיט דעם מיסטער גאַדעפן אויסגעבויט אַ פיר עטאַזשיקע הויז. דער מיסטער גאַדעף איז געווען אַ בילדער (אַ בויער)...

מיין שוועגערין פלאָראַ איז געווען אַ פּעאיקע און אַ קלוגע פרוי. זי איז געווען רייך און זי איז געווען אַ גוטע מאַמע צו אירע דריי זין. מיין שוועגערין פלאָראַ איז אויך געווען אַן ערלעכע פרוי, אַ שיינע אויך. זי האָט ניט געהאַט צו טאָן מיט אַנדערע מענער. זי האָט נאָר אַכטונג געגעבן אויף אירע קינדער. נאָך איר מאַנס טויט האָט זי געלעבט 24 יאָר. 16 יאָר איז זי געווען געזונט און אַכט יאָר איז זי געווען זייער קראַנק... זי האָט געהאַט אַ הויכן בלוט־דרוק און האָט זיך ניט געהיט... זי איז געווען אַזוי שיין, אַז קיינער האָט גאָרניט געקענט דענקען, אַז זי איז אַזאַ קראַנקער מענטש. זי האָט נאָך פאַר זיך אַליין געמאַכט וועטשערע. זי איז געקומען צו מיר אין הויז פאַרנאַכט צו וועטשערע. זי האָט מיך געבעטן איך זאָל איר געבן אַ פּאָר מערן און גרינע אַרבעסלעך. צוליב איר קראַנקהייט וויל זי ניט עסן מיין וועטשערע וואָס איך האָב געמאַכט. איך בין געלאָפן און געקויפט מערן און גרינע אַרבעסלעך און זי האָט נאָך געמאַכט פאַר זיך וועטשערע... מער האָט זי שוין ביי מיר אין הויז קיין וועטשערע ניט געגעסן... געקומען איז זי דעם פאַרנאַכט פאַר ביזנעס (געשעפט). זי האָט שוין דאַן געוואוינט אין בעווערלי הילס. זי האָט געהאַט אַ הויז אויף סאָטאָ גאַס. זי האָט געבעטן מיין טאָכטער מיניך, אַז זי זאָל גיין צום ריעל־עסטייט מאַן און אים פאַרקויפן די הויז. זי האָט געוואָלט פאַר דער הויז 7000 דאָלער... מיין מיני האָט איר געקריגן אַ קונה (קוינע, קאָסטימער) פאַר אַכט טויזנט פינף הונדערט דאָלער... זי איז איבערראַשט געוואָרן פון פרייד, אָבער גלייך חרטה (כאַראָטע) געקריגן, ווייל דער ריעל־עסטייט־מאַן האָט ניט געוואָלט געבן מיין מיניץ קאָמישאַן הונדערט דאָלער... מיין שוועגערין איז געווען אַזוי אין כעס (קאַס) אויפן ריעל־עסטייט־מאַן, זי איז געווען אַזוי אויפגערעגט, אַז ווען זי האָט גענומען שרייבן אַ פּאַפּיר, אַז בלויז מיין מיני קאָן פאַרקויפן איר הויז, איז אַרויסגעפאַלן די פען פון איר האַנט... זי נעמט גיין איבערן הויז און זי פאַלט אַוועק...

מיר האָבן איר אַוועקגעלייגט אויף דער סאָפקע. איר זון משה (מוישע) איז אויך געווען מיט איר. זי האָט דאַן געקראָגן אַ שלאַק (סטראָוק) אין קאָפּ און געוואָרן פאַראַליזירט אויפן קאָפּ, אויף אַ האַנט און אויך אויף אַ פוס און אויף אַ האַלבן קערפּער פון דער רעכטער זייט. זי האָט אויך פאַרלוירן דעם לשון (לאָשן)...

מיר האָבן גערופן באַלד די אַנדערע צווײ זין, ליאָן און סעמען. מען האָט געבראַכט אַ דאָקטאָר. זי האָט שוין ניט געוואוסט וואָס ס'טוט זיך מיט איר... מען האָט איר גענומען אין קאַונטי־שפּיטאָל. זי איז דאָרטן אין שפּיטאָל געווען אַ וואָך און ס'איז איר געוואָרן בעסער. מען האָט איר גענומען אין אַ קאָנוואַ־לעסענט הויז. איך בין איר געקומען זען. זי האָט שוין געקענט אַרומגיין מיט אַ שטעקן, און עס איז שוין געווען אַ שמחה (סימכע)...

מען האָט איר געבראַכט אַהיים. זי פֿלעגט אין הויז אַרומגיין מיט אַ שטעקן. זי איז נאָכאַמאָל געוואָרן קראַנק און מען האָט זי ווייטער גענומען אין אַ שפּיטאָל, און ס'איז איר ווייטער בעסער געוואָרן, און דערנאָכדעם ווייטער ערגער געוואָרן...

איינמאָל אַ טאָג האָט אַ שוואַרצע פּרוי געריייניקט דאָס הויז, איז איר ניט געפֿעלן געוואָרן ווי אַזוי די פּרוי רייניקט דאָס הויז און זי האָט זיך צוגעזעצט איר צו ווייזן, איז זי געפֿאַלן און פֿאַרלוירן דעם לשון (לאָשן). דאַן איז שוין געווען פֿיר יאָר וואָס זי איז געווען פּאַראַליזירט, אָבער זי האָט כאָטש געקענט ריידן און זאָגן וואָס איר טוט ווײ... זי האָט זיך נעבעך אָפּגעמוטשעט אַכט יאָר. זי איז געשטאָרבן. ס'איז איצט אַ יאָר מיט אַכט מאָנאַטן נאָך איר טויט. איר נשמה (נעשאָמע) זאָל לייכטן אין גן־עדן (גאַניידן).

.91

מיט צוויי יאָר צוריק האָב איך געדענקט, אַז איך קען שרייבן מיין לעבנס־געשיכטע און איך האָב טאַקע גענומען שרייבן. עס האָבן געלייענט באַקאַנטע מענטשן און זיי האָבן מיר צוגעגעבן מוט, און איך האָב געשריבן ביי אַ הונדערט זייטן. איז מיין יונגסטע טאָכטער קראַנק געוואָרן. געווען איז זי קראַנק זייער אַ לאַנגע צייט. איז ווען מען דאָס געלעגן אינזינען דאָס שרייבן. האָב איך פֿאַר זעקס חדשים (כאָדאָשים) ניט געשריבן ביז עס איר איר געוואָרן בעסער. און אַז עס איז איר געוואָרן בעסער האָב איך גענומען ווייטער שרייבן און אָנגעשריבן נאָך אַ פֿיר הונדערט זייטן. איך האָב גערעכנט צו ענדיקן מיין לעבנס־געשיכטע, אָבער איך האָב געמוזט ווייטער אויפֿהערן, ווייל איך האָב זיך גענומען איבערבויען דאָס הויז, ווייל דאָס הויז איז געווען זייער אָפּגעלאָזן. דער שכן (שאָכן), וואָס האָט געוואוינט ניין יאָר, האָט זיך אַרויסגעקליבן און עס איז געווען אַזוי אָפּגעלאָזט, אַז מען האָט פּשוט (פּאָשעט) ניט געקאָנט פֿאַרדינגען... איך האָב זיך באַקלערט, אַז די בעסטע זאַך וועט זיין, אַז מיר זאָלן פֿלאַסטערן די צוויי אַפּאַרטמענטס, אונטן און אויבן. אַ חוץ פֿלאַסטערן

דאָס הויז, האָבן מיר אויך געמאַכט נייע טרעפּ. מיר האָבן אויך געמאַכט נייע פּלאָמבינג, אַריינגעפירט נייע עלעקטרי, אַ נייעם דאַך, איבערגעפאַרבט. עס האָט גענומען אַ יאָר צייט. איך האָב געמוזט היטן דעם סטאָליער. יעדן טאָג בין איך געשטאַנען פון אַכט אינדערפרי ביז פינף פאַרנאַכט. מען האָט גע־דאַרפט יעדן איינעם היטן, דעם סטאָליער, דעם פּלאָמבער, דעם עלעקטרישן, דעם פאַרבער, דעם דאַך־לייגער... מיינע טעכטער האָבן מיך געיאָדעט, ווייל איך בין געווען די אַנפירערין. איצטער האָב איך שוין ניט וואָס צו דאגהן (דייגען). קיינער קאָן איצט ניט דערקענען, אַז דאָס איז געווען אַן אַלטע הויז. ווער עס קומט און טוט אַ קוק אויפן הויז קאָן זיך גאָרניט גלייבן. מיינע טעכ־טער זיינען צופרידן און איך, אַז איך גיי אַרויס אין הויף, ווער איך צעשמאָלצן פון פרייד...

אָנגעהויבן צו רעמאָנטירן דאָס הויז האָב איך אין חודש חשוון (כעשוואָן), האָט דאָס געדויערט ביז דעם חודש חשוון פון דעם יאָר 1955... אַז איך האָב אַ יאָר ניט געשריבן, האָב איך זיך פאַרגעסן. פאַר אַלטע מענטשן איז זיך שווער צוריק צו דערמאָנען. פאַראַיאָרן, ווען איך האָב אויפגעהערט צו שרייבן, בין איך אַלט געווען 87 יאָר, און היינט בין איך שוין 88 יאָר. איז דאַנקען גאָט אַז איך קאָן נאָך אַזוי אָנגיין . . .

.92

איצטער גיי איך באַשרייבן ווי אַזוי איך האָב געקויפט די צווייטע הויז לעם מיר. די צווייטע הויז האָט געהערט צו איינעם אַ סעוועל, און אַז ער מיט זיין פרוי זיינען געשטאָרבן, האָבן זיינע קינדער געוואָלט פאַרקויפן די הויז צו אונז, ווייל מיר זיינען געווען גוטע שכנים (שכיינים). זיי האָבן אונז צוגע־רעדט אַז ס'איז אַ מציאה (מעציע). זיי האָבן געבעטן 2200 דאָלער.

אין דער דריטער הויז פון אונז האָט געוואוינט אַ שכן, איינער אַן עלמאַן. פרעג איך אים צי די הויז איז ווערט 2200 דאָלער... איז ווייסט איר וואָס ער האָט מיר אָפּגעטאָן? לעבן עלמאַנס איז די קאָרנוואָל שול, בית־דוד שול. גייט ער צום שמש (שאַמע) און נעמט ביי אים 20 דאָלער מעקלעריי און גייט מיט אים צו די קינדער פון אונזער פאַרשטאָרבענעם שכן (שאָכן) און דער שמש האָט אָפּגעקויפט דאָס הויז...

דעם שמש, וואָס האָט אָפּגעקויפט דאָס הויז, האָט מען גערופן מיסטער זעפּע, און ער רופט זיך אָן צו מיין טאָכטער מיניך, אַז אויב איך וועל אים געבן פּראָפיט 300 דאָלער, פאַרקויפט ער מיר דאָס הויז. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט...

דער מיסטער זעפּע האָט פֿאַרדונגען דאָס הויז צו אַ פּעדלער, וואָס האָט געפּעדלט מיט הינער און הענער און מיט ניס. ער פֿלעגט דינגען ווייבער און זיי פֿלעגן קנאַקן די ניס. איך מיט מיין טאָכטער מינין האָבן אויך געקנאַקט די ניס... האָבן זיך די שכנים אַרום אויפֿגעבונטעוועט, וואָס די הענער האָבן געקרייט אַ גאַנצע נאַכט און זיי זיינען געגאַנגען צו דער „באָארד אָוו העלטה" און דער פּעדלער האָט געמוזט זיך אַרויסקלייבן. דער מיסטער זעפּע האָט ניט געקענט פֿאַרדינגען דאָס הויז, ווייל עס איז געווען זייער אָפּגעלאָזן... ער האָט מיר געוואָלט פֿאַרקויפֿן דאָס הויז פֿאַר 2500 דאָלער, האָב איך ניט געוואָלט.

דערווייל דערוויס איך זיך, אַז ער האָט געפֿונען אַ פּעדלער, וואָס וויל יאָ אָפּקויפֿן דאָס הויז און גיט אים שוין 2800 דאָלער, און דער פּעדלער פּעדלט אויך מיט הינער און הענער. דעם פֿריערדיקן פּעדלער מיט הינער און הענער האָט מען געקענט מאַכן ער זאָל זיך אַרויסציען, ווייס ס'איז ניט געווען זיין הויז. אָבער אַז דער פּעדלער וועט קויפֿן דאָס הויז וועט מען שוין ניט קענען מאַכן ער זאָל זיך אַרויסקלייבן. האָב איך שוין געמוזט קויפֿן די הויז און באַצאָלן רבי (רעבע) געלט, מיט 650 דאָלרע מערער. דער מיסטער זעפּע האָט שוין געדונגען ביי מיר דאָס הויז און געצאָלט 25 דאָלער אַ חודש דירה־געלט... ווען מיר האָבן געקויפֿט די הויז איז דאָס געווען אין 1937, און אין 1938 האָבן מיר זי אַביסל פֿאַרריכט. אָבער איך בין ניט געווען צופֿרידן ווי די הויז האָט אויסגעקוקט.

אין 1942 האָט מען זיך באַרעכנט וואָס מען קאָן טאָן מיט דער צוויי־שטאָקיגער הויז וואָס מיר האָבן געהאַט, און וואָס קאָן מען טאָן פֿון דער הויז וואָס מיר האָבן געקויפֿט. ס'איז געווען פֿון אונטן 4 גאַראַדזשעס, האָבן מיר זיי צעוואָרפֿן און מען האָט גענומען די צוויי־שטאָקיגע הויז און מען האָט זי איבערגערוקט אַהינצו, וואו די גאַראַדזשעס זיינען פֿריער געשטאַנען. די הויז וואָס מיר האָבן געקויפֿט האָבן מיר אַביסל אַריבערגערוקט, איז זי צעפֿאַלן געוואָרן, און דער פּלאַסטער אינעווייניק אין דער צוויי־שטאָקיגער הויז איז אויך אַראָפּגעפֿאַלן... מען האָט געמוזט פּלאַסטערן אַלע צימערן אויבן און אונטן. מיר האָבן אויך געלייגט נייע פֿאַדלאָגעס (פֿלאָרס). מען האָט געמוזט פֿאַרבן אינדרויסן און אינעווייניק. מיר האָבן אויך צוגעבויט אַ שיינעם גאַניק (פּאָרטש). ס'האָט אָפּגעקאָסט אַרום 5000 דאָלער...

דאָס איז געווען אין 1942. איך בין אַלט געווען 72 יאָר. איצטער, ווען איך שרייב, בין איך שוין אַלט 87 יאָר און מיט אַ יאָר פֿריער, ווי איך האָב שוין געשריבן, האָב איך נאָך רעמאָדעלירט די צוויי־שטאָקיגע הויז... מיר האָבן געמאַכט אַ גרויסן טעות (טאָעס) וואָס מיר האָבן איבערגערוקט די צוויי־שטאָקיגע הויז אין 1942. דער לאָט, וואו די הויז איז געשטאַנען, איז געבליבן

ליידיק, שוין אַזוי 14 יאָר. אַזוי ווי אַ שטן (סאָטן) וואָלט זיך געשטעלט און לאָזט ניט טאָן גאָרניט. זינט די קאַרייער מלחמה (מילכאָמע) ווערט אַלץ טייערער דאָס בויען. האָב איך שוין געמאַכט אַ פּלאַן, ווי אַזוי אויפצובויען אויף דעם ליידיקן לאָט, אָבער עס ווערט פון דעם גאָרניט.

אפשר (עפּשער) בין איך אינגאַנצן נאַריש, וואָס איך זאָרג זיך אַזוי וועגן דעם לאָט, וואָס איז געבליבן ליידיק שוין 14 יאָר... אפשר איז מיר נאָך בעסער פון די יעניקע וואָס דאַרפן גיין זוכן אַ צימער, און צו אַלטע מענטשן וויל מען אפילו ניט פאַרדינגען... און אַז זיי מאַכן שוין אָפּ צו גיין אין מושב זקנים (מוישעוו זקיינים) איז ניט אַזוי גרינג אַריינצוקומען אַהינצו. און אַז מען נעמט זיי שוין אַריין, זיינען זיי ניט צופרידן. זיי קריגן זיך איינער מיט דעם אַנדערן. אַלטע מענטשן זיינען נעבעך נערוויאיש. מען שטימט ניט איינער מיטן אַנדערן... פון מושב זקנים קערט מען זיך שוין ניט אום קיין לעבעדיקע...

די אַלטע אין מושב זקנים זאָגן, ווען מען רעדט צו זיי, אַז וואָס טויג זיי שוין דאָס גאַנצע לעבן, אַז די יונגע יאָרן קאָן מען שוין ניט כאַפּן צוריק, און מען איז אַלט און אָפּגעלאָזן, און מען איז נאָך קראַנק אויך... זיי דענקען, אַז אַלטע מענטשן זיינען עובר בטל (אויוועער באָטל). איך נעם דאָס פון זיך אַליין. מיר דאַכט זיך, אַז איך בין נאָך ביים שכל (סייכל) ווי אַמאָל, און איך זע ווי די קינדער זאָגן, אַז איך ווייס שוין גאָרניט, און מען מוז זיך שוין לאָזן איינריידן, אַז זיי, די קינדער זיינען גערעכט... די אַלטע מענטשן זיינען אַזוי פאַררעכנט, אַז אַלט איז קאַלט...

.93

פאַרוואָס שרייב איך גאָר פון אַלטע מענטשן? איך האָב אַ ברודער, יהושוע וועלוול, איז ער אין אַ מושב זקנים. מיט פינף יאָר צוריק איז ער געקומען צו אונז אויף אַ באַזוך. ער האָט געמיינט, אַז מיט אַ דריי יאָר שפּעטער וועט ער קומען צו אונז מיט אַ וויזיט נאָכאַמאָל... ער איז דאַן מיט פינף יאָר צוריק אויך ניט געווען אינגאַנצן געזונט, און איצטער איז ער אַלעמאָל קראַנק און האָט נעבעך געמוזט גיין אין אַ מושב זקנים... איך בין אויך ניט געזונט, אַז איך זאָל אים פאָרן זען אין פּעטערסאָן, ניו דזשוירסי. ס'איז נאָך ניט געווען קיין איין בריוו פון אים, ער זאָל ניט קלאָגן און וויינען, וואָס ער איז אין דער היים פאַר אַלטע לייט...

ער האָט פיר קינדער, דריי זין און אַ טאָכטער. זיינע קינדער צאָלן פאַר אים אין מושב זקנים 150 דאָלער אַ חודש (כוידעש)... ער קלאָגט זיך, אַז זיי

באַהאַנדלען אים ניט גוט. ער האָט דאָס בעסטע עסן, אַ שיינעם צימער און גוטע באַדינונג... ער האָט אַ גוטן דאָקטאָר און ער האָט געפרעגט דעם דאָקטאָר, ווען וועט ער שוין קענען אַרויסגיין פון מושב זקנים (מוישעוו זקיינים) און פאָרן קיין לאָס אַנדזשעלעס? ער איז ניט צופרידן צו זיין פאַרשפאַרט אויף איין אָרט. מען האָדעוועט אויס פיר קינדער און מען קען ניט זיין ביי קיין איין קינד. זיי וועלן דאָך בעסער צאָלן וויפיל זיי קענען, אָבער דעם טאַטן צי דער מאַמען ניט האָבן ביי זיך. דאָס פאַרדריסט אים אַזוי און דערפאַר איז ער אַזוי דערשלאָגן... ער קאָן זיך ניט צוגעוואוינען צו די מענטשן וואָס זיינען דאָרטן מיט אים... ווען זיי זיינען צוויי אָדער דריי אין אַ צימער, און איינער וויל שלאָפן, וויל דער צווייטער לייענען, צי נאָך אַזוינע זאַכן. קומט ביי זיי פאָר גרויסע קריגערייען...

ער שרייבט אַזוינע ווייטיקדיקע בריוו און ער זאָגט, אַז ער מוז זיך אָראָפּ־ריידן פון האַרצן. מיין ברודער איז שוין פינף און אַכציק יאָר אַלט, און אַז מען איז קראַנק, און אַז עס טוט וויי, און אַז מען קען זאָגן פאַר אייגענע און נאָענטע, אַז עס טוט וויי, איז אַביסל גרינגער...

מיין ברודער איז געווען אַ שיינער יונגערמאַן און אַ געלערנטער אויך. ער האָט אין זיינע יונגע יאָרן געקאָנט גוט לערנען גמרא (געמאָרע) און אויך שרייבן, און ער איז געווען שיין אויך... ווען ער איז אַלט געווען, איך דענק, צוויי אָדער דריי און צוואַנציק יאָר, ער איז שוין דאַן געווען אַ חתונה־(כאַסענע) געהאַטער, און אין ביאַליסטאָק האָט זיך אויפגעהויבן דער אויפשטאַנד פון די אַרבעטער, דאַן איז שוין מיין ברודער יהושוע געווען אַ סאָשעליסט (סאָציאַ־ליסט)... עס זיינען אין ביאַליסטאָק אַנגעקומען יונגע בחורים (באָכרים) פון אַנדערע שטעט און האָבן געמאַכט, אַז אַלע פאַבריק־אַרבעטער זאָלן אַרויסגיין סטרייקן... ביי די פאַבריקאַנטן איז געוואָרן אַ גאַנצע מלחמה (מילכאָמע) מיט די אַרבעטאָרער... און אַזוי ווי מיין ברודער איז אויך געווען אַ וועבער פון טוך, איז ער געוואָרן אַ רעדנער און פלעגט האַלטן רעדעס צו די וועבערס, אַז זיי זאָלן אַרויסגיין אין סטרייק...

אין ביאַליסטאָק איז געווען אַ גרויסער וואַלד. דעם וואַלד האָט מען גערופן, זווערינעצער וואַלד, און אין אַ שבת פאַרנאַכט האָבן זיך אויפגעקליבן אַלע וועבער פון די פאַבריקן און זיינען געגאַנגען אין וואַלד און דאָרטן אַרומ־גערעדט, אַז מען זאָל אַרויסגיין אין אַ סטרייק... זיי האָבן אויסגעקליבן מיין ברודער, אַז ער זאָל זיין דער פירער פון סטרייק.

אַזוי ווי אין וואַלד זיינען געווען אַ סך שפּיאָנען, און צווישן די שפּיאָנען איז געווען איינער פון דער קאָלאָניע מיטן נאָמען אפרים. דער אפרים איז געווען אַ לינקעטניק אין ביאַליסטאָק. ער האָט דערציילט די פאַבריקאַנטן,

אַז ער ווייסט וועט עס האָט אָנגעבונטעוועט די וועבער זיי זאָלן אַרויסגיין אין אַ סטרייק. אינמיטן דער נאַכט זיינען געקומען די זשאַנדאַרמען מיט דער פּאָליציי און אים צוגענומען אין אָסטראָג. דאָן איז ער נאָך ניט געווען לאַנג חתונה־געהאַט. זיין ווייב רחל האָט דאָן געטראָגן מיטן ערשטן קינד. דאָס קינד, אַ מיידעלע, עניע, האָט היינט שוין אַליין חתונה געמאַכט אירע אייגענע קינדער.

דער אָסטראָג איז געווען אין וואַשליקאָווער גאַס. מען האָט די גאַס גערופן „אונטער דער טורמע". איך מיט מיין מאַמען, מיט מיינע ברידער, מיט מיין שוועגערין רחל, האָבן אויך געוואוינט אונטער דער טורמע, אַ פינף הייזער פון אָסטראָג... מיר האָבן געדונגען אַדוואָקאַטן, אָבער זיי האָבן גאָרניט געקענט טאָן. דער שפּיאָן אפרים האָט זיך אפילו ניט פאַרענטפערט פאַר אונזער פאַמיליע...

מיין ברודער איז געזעסן אין ביאַליסטאָקער טורמע דריי חדשים (כאָדאָ־שים) און מען האָט אים איבערגעפירט אין גראָדנער טורמע. דאָרטן איז ער געזעסן זעקס חדשים. ער איז צוריקגעקומען פון גראָדנער טורמע געשוואָלן ווי אַ באַרג... מען האָט אים פאַרשיקט נאָך זיין טורמע אָפּזיצן אין אַ פרעמדער שטאָט אין כערסאָן. דאָרטן איז קיין וועבעריי ניט געווען, האָט ער זיך אויס־געלערנט פרעסן מאַנסבילשע העמדער. עס איז געווען ניט קיין מלאכה פאַר אַ פאַמיליע צו ציען חיונה (כיאונע)... ער האָט שווער געאַרבעט און קיין חיונה ניט געהאַט... אין כערסאָן איז ער אויך ניט געווען פריי. מען האָט אים דאָרטן געהאַלטן אויף „וואָלניע פּאָשעלעניע", דאָס מיינט אין אַמעריקע, אויף „פּאַ־ראָל". אַז מען פאַרזינדיקט זיך אויף „וואָלניע פּאָשלעניע" איז זייער שלעכט, מען פאַרשיקט שוין אין סיביר. די פּאָליציי האָט אים דאָרטן גוט געהיט...

.94

מיין ברודער און זיין ווייב און קינד, האָט זיך זייער געמאַטערט פאַר אַ שטיקל לעבן צו מאַכן. זיין ווייב האָט אים אַביסל אַרויסגעהאָלפן אין דער פּרנסה (פּאַרנאָסע). זי האָט אים געהאָלפן פרעסן די העמדער, אויך האָט זי געקאָכט פאַר זיינע באַקאַנטע...

איצטער, אַז מיין ברודערס טערמין, די צוויי און אַ האַלב יאָר, האָבן זיך געענדיקט און ער האָט זיך ניט געהאַט וואו אַהינצוטאָן... אין ביאַליסטאָק וואָלט אים געווען שווער צו קריגן אַ פאַבריק וואו צו אַרבעטן, ווייל זיין נאָמען האָבן שוין אַלע פאַבריקאַנטן געוואוסט...

מיין ברודער'ס ווייב'ס שוועסטער האָט געוואוינט אין קרינקי, ראַשע־קיילע האָט זי געהייסן. זי האָט אַראָפּגעבראַכט אין שוועסטער רחלען מיט די

דריי קינדער קיין קריניק. מיין ברודער איז אַוועקגעפֿאָרן קיין לאָנדאָן... אין לאָנדאָן האָט ער געוואַרט ביז מיינע צוויי ברידער אין פּעטערסאָן האָבן אים געשיקט אַ שיפֿסקאַרטע... מיינע צוויי ברידער, נייטען און אַלטער, זאָלן זיי רוען אין גן־עדן (גאַניידען), זיינען געווען זייער גוטע מענטשן, גוט צו מיין ברודער, גוט צו אַלעמען... ווען מיין ברודער איז געווען אין לאָנדאָן און האָט געוואַרט אויף אַ שיפֿסקאַרטע קיין אַמעריקע, האָט ער ניט געהאַט וואָס צו עסן. ער האָט פֿאַרקויפֿט זיינע זאַכן, אַפֿילו זיין טלית און תפֿילין (טאַלעס און טפֿילין). ער איז דאָך שוין דאָן געווען פֿרייגעזאָגנען...

מיין ברודער יהושע (אישיע), ווען ער געקומען קיין אַמעריקע איז ער פֿאַרפֿאָרן קיין פּעטערסאָן צו מיינע ברידער. ער האָט דאָרטן געקריגן אַרבעט אַלס וועבער. נאָך צוויי יאָר האָט ער אַרויסגעשיקט קיין קריניק שיפֿסקאַרטן צו זיין פֿרוי און צו זיינע דריי קינדער...

פֿון מיין ברודער האָב איך נאָך קיין העלפֿט ניט געשריבן, וואָס ער האָט זיך אָנגעליטן אין רוסלאַנד. איך רייד שוין ניט ווען ער איז געזעסן אין טורמע. איך רייד ווען ער האָט געאַרבעט אין ביאַליסטאָק אַלס וועבער... די אַרבעטער פֿלעגן גיין צו דער אַרבעט זעקס אַזייגער אינדערפֿרי, ווען ס'איז נאָך געווען פֿינצטער, און קומען אַהיים צען אַזייגער ביינאַכט, און אַמאָל ביז 12 אַזייגער ביינאַכט... דאָנערשטאָג פֿלעגן זיי נעכטיקן אין דער פֿאַבריק און פֿרייטאָג אַרבעטן אַ גאַנצן טאָג. פֿרייטאָג פֿלעגן זיי שוין גיין פֿאַרנאַכט אַהיים. פֿון דאָנערשטאָג אינדערפֿרי ביז פֿרייטאָג פֿאַרנאַכט האָבן די אַרבעטער געאַרבעט אָן אויפֿהער... ווען דער וועבער האָט נאָך געקריגן אַ שלעכטע קעטע איז שוין געווען אַ רחמנות (ראַכמאָנעס) אויף אים. ער פֿלעגט ליגן אויפֿן שטול מיטן גאַנצן קערפּער...

אַז ס'זיינען אַראָפּגעקומען פֿון וואַרשע און פֿון ווילנע און פֿון אַנדערע שטעט, יונגע מענטשן, וואָס האָבן געלערנט אין די אוניווערסיטעטן און אויפֿגעקלערט די אַרבעטער זייער לאַגע, איז געוואָרן אַ רעוואָלט. די דאָזיקע יונגע מענטשן, וואָס פֿלעגן קומען פֿון אַנדערע שטעט, האָט מען גערופֿן רעוואָלוציאָנערן. עס איז געווען אַ שלאַכט אויף לעבן און טויט. די אַרבעטער פֿלעגט מען פֿאַרשיקן אין די אָסטראָגן... די אַרבעטער, אַז מען האָט זיי אויפֿגעקלערט, זיינען געוואָרן אָרגאַניזירט. מען פֿלעגט זיך צונויפֿריידן און אַראָפּנעמען אַלע אַרבעטער פֿון די פֿאַבריקן, צו סטרייקן ניט נאָר די וועבער, נאָר אויך אַלע מיידלעך, די שפּולאַרקעס און די שערערקעס און די נופּערקעס... די אַרבעטער זיינען געווען זייער צופֿרידן, וואָס מען האָט זיי אויפֿגעעפֿנט די אויגן און זיי געוויזן די ליכטיקע וועלט.

און אַז דער פֿאַבריקאַנט האָט ניט געוואָלט נאָכקומען און סעטלען (שליכטן) האָט מען אים אַריינגעשיקט אַ בריוו, אַז ער וועט האָבן חרטה (כאַ־ראָטע)... און איר דענקט אַז זיי האָבן זיך ניט געשראָקן? אַ סך פֿאַבריקאַנטן האָבן זיך געשראָקן און געסעטלט (געשליכטעט) דעם סטרייק און אַ סך האָבן ניט געוואָלט, האָט מען זיי אָפּגעהיט אין אונטערגעסלעך און מען האָט זיי גוט אָנגעהרגעט (אָנגעהאַרגעט), האָבן זיי שוין אויך געסעטלט מיט די אַרבעטער... אַנדערע פֿאַבריקאַנטן פֿלעגן בעסער אויסגעבן געלט אויף דער פּאָליציי, די פּאָליציי זאָל זיי היטן, איידער צו צאָלן אַביסל בעסער די אַרבעטאָרער...

די טורמעס זיינען געווען געפּאַקט... אַז אַ פּראָוואָקאַטאָר האָט געוואָלט מאַכן אַ בילבול אויף איינעם, אַז ער איז אַ רעוואָלוציאָנער, האָט מען אים פֿאַרשיקט אויף סיביר, אָדער אויף שווערער אַרבעט...

דאָס איז געווען אין 1896, און מיין ברודער יהושע וועלוול איז אַלט געווען דאַן אַ יונגערמאַן פֿון 23 יאָר. איצטער איז ער 85 יאָר, אַן אַלטער מאַן. און איך שרייב דאָס אַלץ צוליב אים... ווען איך קריג נאָר אַ בריוו פֿון אים, וויינט ער און קלאָגט אויף זיין ביטערן מזל (מאַזל), וואָס ער איז אין אַ היים פֿאַר אַלטע לייט. ער באַקלאָגט זיך וועגן זיינע זין, אַז ווען זיי קומען אים זען און ער וויינט פֿאַר זיי, זאָגן זיי צו אים: „איז דיר בעסער געווען אין ביאַלי־סטאָקער טורמע?“ זאָגט ער, אַז דאָרטן איז אים געווען בעסער ווי איצטער אויף דער עלטער אין מושב זקנים (מוישעוו זקיינים). שרייבט ער דאָס צו מיר זיך אַראָפּריידן פֿון האַרצן...

.95

און אַז איך האָב שוין געשריבן פֿריער, ווי די אַרבעטאָרער פֿלעגן זיך פֿאַרזאַמלען אונטער ביאַליסטאָק, וועל איך שוין באַשרייבן וואָס האָט געטראָפֿן מיט איינער אַ מיידל. אין דער הויז וואו איך האָב געוואוינט האָט אַנטקעגן געוואוינט אַ מוטער מיט פֿיר קינדער, צוויי דערוואַקסענע מיידלעך און צוויי אינגלעך. דער פֿאָטער איז געווען אין אַמעריקע און האָט אַריבערגענומען דאָס עלטער מיידל פֿריער, דערנאָכדעם האָט דער פֿאָטער געשיקט נאָך די אַנדערע קינדער און נאָך זיין ווייב... זיי האָבן שוין אַוועקגעשיקט דעם באַגאַזש און אין אַ פּאָר טעג אַרום געדאַפֿט פֿאָרן קיין אַמעריקע. אַזוי ווי שבת פֿאַרנאַכט פֿלעגט מען זיך צונויפֿקלייבן אין זוועריניצער וואַלד, איז דאָס מיידל אַוועק־געגאַנגען אין וואַלד. זי האָט זיך געוואָלט געזעגענען מיט אַלע אירע כאַווער־טעס און פֿריינט, מיט וועמען זי האָט געאַרבעט אין דער פֿאַבריק. זי האָט

אויך געוואָלט זיך געזעגענען מיטן וואַלד. זי האָט געוואוסט, אַז זי וועט שוין אין ביאַליסטאָק ניט קומען אַזוי גיך.

זי איז געווען אַ מיידל 18 יאָר אַלט, אַ הויכע און זייער אַ שיינע. ווייל זי איז געווען אַזאַ הויכע האָט מען זי אַרויסגעזען מער פון אַלעמען... עס איז דעם שבת פאַרנאַכט געווען אַ גרויסער מיטינג. די אַרבעטאָרער האָבן זיך געלאָזט וואויגלגיין. זיי האָבן געפּראָוועט אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע. מען האָט געטראָגן רויטע פאָנען און מען האָט געשריגן „נידער מיט דעם קייסער."

עס איז געווען אַ גרויסע שמחה (סימכע), ווייל אין אַ פּאָר וואָכן פריער האָט מען אויף כאַנאַיקעס דער'הרג'עט (דערהאַרגעט) דעם גובערנאַטאָר. ער איז געווען זייער שלעכט. ער האָט פאַרזעצט אין די טורמעס אַ סך אַרבעטער און דערפאַר האָט מען אים אָפּגערוּמט פון וועג. מען האָט קיינעם ניט געכאַפּט. מען האָט אפילו אַ סך אַרבעטער אַרעסטירט, אָבער מען האָט ניט געקענט באַווייזן ווער איז דער שולדיקער און מען האָט אַלעמען געלאָזט פריי... דערפאַר איז דאָס געווען דער מיטינג מיט די פאָנען. אַזוי ווי דאָס מיידל איז געווען אַ הויכע האָט מען איר געגעבן צו טראָגן די רויטע פאָן...

עס זיינען אָנגעלאָפן אין וואַלד אַ סך פּאָליציי און זשאַנדאַרמען און מען האָט אַרעסטירט הונדערטער אַרבעטער. די פּאָליציי האָט געטראָטן אויף די מענטשן מיט די פיס. עס איז דאָרטן אין וואַלד געווען אַ בלוט־באָד. דאָס מיידל איז אַנטלאָפן אַהיים און האָט זיך פאַרבאַהאַלטן דאָרטן אין אַ קעמרל... ביינאַכט איז געקומען די פּאָליציי מיט די זשאַנדאַרמען, מען האָט אַרויסגע־שלעפּט דאָס מיידל פון קעמרל און פאַרשפּאַרט אין אָסטראָג...

די מוטער מיט די קינדער האָט שוין נעבעך ניט געקענט פאָרן צו איר מאַן קיין אַמעריקע... וואָס די מוטער האָט געוויינט און געקלאָגט. דער פאָטער האָט געשיקט הונדערטער פון אַמעריקע. מען האָט איר ניט געקענט באַפרייען. דאָס מיידל איז געזעסן צוויי יאָר אין טורמע. מען האָט זי געוואָלט שיקן אין גראָדנער אָסטראָג, אָבער ס'האָט געקאָסט אַ סך געלט, און זי איז געבליבן אין ביאַליסטאָקער טורמע...

.96

איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איך האָב נאָך ניט געשריבן וועגן די שפּינערייען . . .

אין די שפּינערייען פלעגט מען ברענגען וואָל פון די שעפּסן און די וואָל האָט מען געמוזט וואַשן אויף מאַשינעס אין אַ קעסל. נאָכן וואַשן האָט מען געמוזט טרוקענען, אויך דורך מאַשינעס, אויף פּאַרע... אַז די רויע וואָל איז שוין געווען איבערגעקליבן, איבערגעוואַשן און אויסגעטרוקנט, האָט מען די וואָל געפאַרבט אין קאָלירן.

אין דער פאַרבאַרניע האָט מען געפאַרבט די וואָל. דאָס האָט געמוזט דורכגיין דורך אַ גרויסן קעסל. די וואָל האָט זיך געמוזט פאַרבן אין גרויסן קעסל, אַז די פאַרבן זאָלן זיך האַלטן... ביים קעסל האָט מען געהאַט מענטשן, וואָס האָבן קיין טרייד (פאַך) ניט געהאַט. זיי, די דאָזיקע מענטשן אין פאַרבאַרניע, האָבן געאַרבעט פאַר דריי רובל אַ וואָך. זיי פלעגן אַרבעטן צוועלף שטונדן אַ טאָג. מיין טאַטע, ווי איך האָב שוין באַשריבן, האָט אויך געאַרבעט אין דער פאַרבאַרניע.

אַז די געפאַרבטע וואָל איז שוין געווען פאַרטיק, האָט מען דאָס גענומען צו באַרשטן, אַז עס זאָל ווערן ווי וואַטע. ס'זיינען געווען באַרשט־מאַשינען און די באַרשט־מאַשינען האָבן געמאַכט ווייך די וואָל... די מאַשינען זיינען געגאַנגען אויף פּאַרע.

אַז עס איז געוואָרן ווייך אויף די באַרשט־מאַשינען, האָט מען געמאַכט פון דער וואָל פּאַסמעס פעדימער. די פּאַסמעס האָט מען אויפגעוויקלט און אַראָפּגענומען פון די מאַשינען. מען האָט געמאַכט פון זיי שרוימען און די שרוימען האָט מען געפּאַקט אין קאַסטנס. נאָכהער פלעגט מען מאַכן פּעק, און פון די פּעק האָבן די שפּולאַרקעס געשפּולט שפּולעס...

פון די שפּולעס איז דאָס שוין אַריבער צו שערן קעטן. די קעטן זיינען אַריבער צום וועבן...

אין די שפּינערייען האָבן געאַרבעט קריסטלעכע מיידלעך, פּוילישע און רוסישע, מערסטנס פּוילישע. פאַר צוויי רובל אַ וואָך האָבן זיי געאַרבעט. קיין אידישע האָט מען אין די שפּינערייען ניט צוגעלאָזן... ס'זיינען געווען קריסטלעכע שפּינערס און קריסטלעכע מייסטערס... אויך האָט מען אין די שפּינערייען געמוזט אַרבעטן 12 שטונדן אַ טאָג...

די קריסטלעכע מיידלעך פלעגן גיין באָרוועס צו דער אַרבעט און טראָגן די שיך אין האַנט. זיי זיינען געווען געקליידט אין לייוונטענע ספּאָדניצעס, אין סיטצענע קאָפּטלעך... זיי האָבן געאַרבעט פאַר זייער ביליק... אַרבעטער פירער, וואָס זיינען געקומען פון אַנדערע שטעט, האָבן זייער שווער געאַרבעט ביז מען האָט זיי אויסגעלערנט, אַז זיי זאָלן פאָדערן מער געלט פאַר זייער אַרבעט...

די שפּינערס זיינען געווען מענער. זיי האָט מען אויך ניט געצאָלט קיין סך... אין די שפּינערייען האָבן זיך געפונען טויזנטער אַרבעטער... אַ שפּינעריי איז געווען אַ דריי שטאָק די גרויס און אַמאָל פיר און פינף. און די געביידע איז אפשר (עפשער) געווען פינף הונדערט פוס די לענג...

און אַז די אַרבעטער האָבן געוואונען און שוין געקריגן אַביסל מערער באַצאָלט און ווייניקער שטונדן געאַרבעט, האָבן די פאַבריקאַנטן נעבעך גאָר־ניט צוגעלייגט. זיי האָבן געגעבן מער געצאָלטס, האָבן זיי געקריגן מער פאַר זייער סחורה (סכוירע), און זיינען נאָך געוואָרן רייכער...

ניט נאָר האָבן די וועבער און שפּינער געסטרייקט, נאָר אויך די סטאָ־ליערס, די טאָקערס, די שמידן, די מענטשן אין די קאַנטאָרן, די פּריקאַזש־טשיקעס אין די קראָמען...

.97

ניט ווייט פון ביאַליסטאָק איז געווען אַ קליין שטעטל, סופּרעסלע. דאָס איז געווען אַ דייטשיש שטעטל. דאָרטן האָבן געוואוינט נאָר רייכע דייטשן... די דייטשן האָבן געהאַט אין סופּרעסלע די גרעסטע פאַבריקן, וואָס זיינען געגאַנגען אויף פּאַרע. דאָרטן איז סופּרעסלע האָבן די דייטשן אויסגעוועבט די בעסטע זיידנס. זיידנס האָט מען שוין געמוזט אַרבעטן אויף פּאַרע, אויך לייוונט, קאָרטן פּאַר ביליקע גאַרניטערס פּאַר מענער און קינדער, האָט מען אויך געסוזט וועבן אויף פּאַרע. פרויען־קליידער האָט מען אויך געוועבט אויף פּאַרע...

די אַרבעטער פירער האָבן גענומען אָרגאַניזירן אויך די אַרבעטער אין די סופּלעסער פאַבריקן... ס'איז צוגעגאַנגען זייער שווער און ס'האָט געדויערט אַ סך צייט. ביז מען האָט סוף כל סוף (סאָף־קאָל־סאָף) אַראָפּגענומען די אַרבעטער אויך פון די סופּלעסער פאַבריקן, וואָס זיינען געווען ווי פעסטונגען פאַרבויט אַרום און אַרום מיט צוגעשלאָסענע שווערע טויערן.

די וואָס האָבן אָרגאַניזירט דעם סטרייק, האָבן זיך פּשוט (פּאָשעט) איינ־געשטעלט דאָס לעבן. מען איז געווען איינגעשטעלט, אַז די דייטשישע אַרבע־טער זאָלן ניט מסרן (מאַסערן). אַמאָל האָט זיך איינגעגעבן, ווען מען האָט געטראָפן אַרבעטער ערלעכע, און אַמאָל האָט מען געטראָפן ניט קיין פאַר־אַנטוואָרטלעכע, זיינען שוין געפאַלן אַ סך קרבנות (קאָרבאָנעס) פון די פאַר־דאַמטע דייטשן די מוסרים (מאַסרים)...

עס איז שוין שטילער געוואָרן און די פאַבריקאַנטן האָבן זיך שוין צוגעצ־וואוינט צו צאָלן אַביסל מער צו זייערע אַרבעטאָרער, און מען איז שוין געווען פריינדלעך די אַרבעטאָרער מיט זייערע באַלעבאַטים. קיין גוטע פריינט זיינען די באַלעבאַטים קיינמאָל ניט געווען מיט זייערע אַרבעטער, אָבער אין אַ בעסערן צושטאַנד ווי עס איז געווען פריער...

און אַז עס איז געוואָרן אַביסל בעסער ביי די אַרבעטער איז אָנגעקומען דער גרויסער אומגליק — די מלחמה (מילכאָמע) אין 1914. די דייטשן זיינען באַפאַלן רוסלאַנד. זיי האָבן פאַרכאַפּט ביאַליסטאָק, צוגענומען אַלע פאַבריקן ביי די אידן... די אַלע רייכע פאַבריקאַנטן זיינען נעבעך געוואָרן אַזוי אָרעם, אַז זיי זיינען קוים אַנטלאָפן קיין אַמעריקע און געפעדלט מיט זאַקן... זיי האָבן שוין באַדויערט, וואָס זיי האָבן ניט געוואָלט אַנערקענען זייערע אַרבעטער און זיי געבן צו פאַרדינען אויף אַן אנשטענדיקן לעבן...

די מלחמה (מילכאָמע) איז געווען אַזאַ טרויעריקע. ס'האָט זיך געגאָסן אַזוי פיל בלוט פון די איינוואוינער... עס האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט. איך דענק ביי אַ פיר יאָר... די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט וואַרשע און ביאַליסטאָק, און ווילנע, און אַנדערע שטעט און שטעטלעך, ווי סאָקאָלקע, קריניק, אַמדור, און קוזנעצע און גראָדנע.

און פאַרוואָס שרייב איך דאָס? ווייל זיי האָבן אויך פאַרכאַפּט אונזער קאָלאָניע... די דייטשן האָבן ניט נאָר חרוב (כאָרעוו) געמאַכט אונזער קאָלאָניע נאָר אפילו חרוב געמאַכט דעם בית־עולם (בייס־אוילעם), וואו מיין טאַטע, מיט מיינע ברידערלעך, וואָס זיינען געשטאָרבן יונג, און מיין זיידע, מיין באָבע, מיינע פעטערס און מומעס, מיינע קוזינס, און באַאַקנטע און גוטע פריינט, זיינען געווען באַערדיקט דאָרטן...

זאָלן זייערע אַלע נשמות (נעשאָמעס) לייכטן אין גן־עדן (גאַניידן)...